STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03308

www.libtool.com.cn

# SEFER REUVEN RUBINSHTAIN

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG
www.libtool.com.cn

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

www.libtool.com.cn

# ספר ראובן רובינשטיין

www.libtool.com.cn

www.libtool.com.cn



1967—1891

www.libtool.com.cn

www.libtool.com.cn

# ספר ראובן רובינשטיין

www.libtool.com.cn

ספר ראובן רובינשטיין

בהוצאת איגוד יוצאי ליטא בישראל

©

נדפס בישראל, תשל"א-1971

דפוס שמגר, תל־אביב

www.libtool.com.cn

ערך / רעדאַגירט : אברהם ליס

תשל"א — 1971

www.libtool.com.cn

איגוד יוצאי ליטא בישראל
מביע את הוקרתו לועדת־הספר
ובמיוחד לגרשון אלימור, נחמן קורן
ומרדכי קרנובסקי, שסייעו בהוצאת הספר.

אנו מזכירים ביראת כבוד
את הסופר אייזיק רמבה ז״ל
שלא זכה לערוך את הספר.

www.libtool.com.cn

*

עם הוצאת אסופה זו התכוונו מעריציו־ידידיו של ראובן רובינשטיין, להעלות בצורה צנועה את דמותו הנעלה של המנוח כלוחם אמיץ למען תחיית האומה, כעסקן בעל מעוף ואופקים רחבים ועל הכל כסופר, עורך ופובליציסטן, אשר למעלה מיובל שנים תרם רבות לעתונאות היהודית ולהעמקת הרעיון היהודי־לאומי.

בחלק הראשון של הספר מובאים זכרונות והערכות של סופרים ועתונאים, חברים ובני־דורו של רובינשטיין, מתקופה סוערת של התפתחות חברתית תוססת, רוויה טרגיות יהודית ומאבק אנושי נועז, אולם חדורי רוח אומץ וגבורה יהודית — בתוכם תפס רובינשטיין מקום נכבד לא רק כסופר, אלא כעד שמבשרו חזה את כל הסבל והכאב וגם את הגחלת הלוחשת של ציפיה לגאולה.

החלק השני של הספר כולל מבחר לא־גדול מעבודתו הספרותית: מאמרים ומסות שמהווים חלק זעום מיצירתו; של מאות רבות ממאמריו, סקירותיו ומסותיו, שכתבם במשך למעלה מחמישים שנה, והם מפוזרים בעתונים ובכתבי־עת שונים, ברובם שם, במזרח־אירופה, שחיינו היו מושרשים מדורי דורות, ועתה נחרבו ואינם עוד. אולם סבורני שגם מבחר קטן זה, 27 המאמרים והמסות המכונסים בספר זה, מגלים ומאפיינים את היקפה של יצירתו הספרותית והעתו־נאית על נושאים שהיו מנסרים בעולמנו, את גישתו הפובליציסטית לבעיות תקופתנו, ואת הערכתו למתרחש בשטחים שונים בחיי היהודים ובעולם בכלל, ובמיוחד בארץ משאת נפשו — ארץ־ישראל.

מאמריו והערכותיו, לא זו בלבד ששופעים מידע ופרשנות מקיפה של המאורעות והבעיות האקטואליות, הם גם מקוריים בתפיסתם ומעמיקים בהגיונם. הם כתובים בסגנון עממי חינני ובקצב פנימי רב־גוני, שהשפיעו ומשפיעים על הקורא האינטלקטואלי וגם על איש העם.

כזה היה האיש, וכך באה לידי ביטוי כתיבתו הספרותית המיוחדת של ראובן רובינשטיין.

א. ל.

www.libtool.com.cn

מיט דעם „ספר ראובן רובינשטיין" זיינען די אַרויסגעבער, די פריינד פון פאַרשטאָרבענעם, אויסן אויף אַ באַשיידענעם אופן אַרויסצוברענגען און כאַראַק־טעריזירן די זעלטענע פערזענלעכקייט ראובן רובינשטיין, דעם נאַציאָנאַלן קעמפער, דעם אַקטיוון שעפערישן טוער און איבער אַלעם דעם שרייבער, רעדאַקטאָר און פובליציסט, וואָס האָט מער ווי אַ יובל יאָרן בייגעטראָגן צו דער יידישער זשור־נאַליסטיק און פובליציסטיק, צום יידיש־נאַציאָנאַלן געדאַנק.

אינעם ערשטן טייל פון דעם בוך ווערן געבראַכט זכרונות, אָפּשאַצונגען, דערמאָנונגען פון שרייבער, חברים און בני־דור פון ראובן רובינשטיין, פון אַ תקופה, וואָס איז פול געווען מיט געזעלשאַפטלעכן און סאָציאַלן אויפברויז, אָנגעזאָפּט מיט יידישער טראַגיק און מענטשלעכן געראַנגל, אָבער באַהויכט מיט געוואָגטקייט און יידישן מוט — אין וועלכער ראובן רובינשטיין האָט געהאַט זיין פּאָזיציע ניט בלויז ווי אַ באַשרייבער נאָר ווי אַן עדות, וואָס האָט אַליין איבערגעלעבט סיי דעם פּיין און וויי, סיי די טליענדיקע האָפענונגען אויף גאולה.

אינעם צווייטן טייל פונעם בוך קומט אַריין אַ קליינער אָפּקלייב פון רובינשטיינס שרייבערישער מי, אַ צאָל אַרטיקלען און עסייען, וואָס זיינען בלויז ווי אַן אָפּשפּליטער פון זיין שאַפונג, פון די הונדערטער און הונדערטער אַרטיקלען, אָפּהאַנדלונגען, עסייען און באַטראַכטונגען, וועלכע ער האָט געשריבן אין פאַרלויף פון איבער פופציק יאָר און זיינען צעשפּרייט איבער צייטונגען און צייטשריפטן, דער רוב דאָרטן, אינעם אָקערשט־טראַגיש אומגעבראַכטן אַלט־דורותדיקן לעבן.

אָבער דאַכט זיך, אַז אפילו אָט דער קליינער אָפּקלייב, די 27 אַרטיקלען און עסייען, וואָס קומען אַריין אינעם בוך מאַניפעסטירן און כאַראַקטעריזירן פאַר אונדז רובינשטיינס שרייבערישן פאַרנעם, זיין אינטערעסן־וועלט, זיין פובלי־ציסטישן צוגאַנג און אויסטייטש פון פּראָבלעמען און קאָנפליקטן, זיין אָפּשאַצונג און זיין אייגנדיקייט אויף פאַרשידענע שטחים און צווייגן פון יידישן און אַלגע־מיינעם לעבן און באַזונדערס פון זיין לעבנס־שליחות — ארץ־ישראל.

זיינע אַרטיקלען און אָפּהאַנדלונגען זיינען ניט נאָר רייך מיט אינפאָרמאַציע און היקפדיקן אויסטייטש איבער געשעעניש און אַקטועלע פראַגן, נאָר זיינען מקורותדיק אין אויפנעם און זיינען געדאַנקלעך פאַרטיפט. און געשריבן זיינען זיי אין אַ חנודיקער פאָלקסטימליכער שפּראַך און מיט אַזאַ אינערלעך וואַרעם־פאַרביקן ריטעם, וואָס האָט באַווירקט און באַווירקט אי דעם אינטעלעקטועלן לייענער אי דעם איש העם.

אַזאַ איז ער געווען. און אַזוי איז געקומען צום אויסדרוק די שרייבערישע אייגנטימלעכקייט פון ראובן רובינשטיין.

א. ל.

www.libtool.com.cn

האיש ופעלו

דער מענטש און זיין שאפן

www.libtool.com.cn

www.libtool.com.cn

יעקב רובינזון

# דובר יהדות ליטא

לפני קום המדינה הליטאית העצמאית לא היה בקובנה עתון ביידיש. בתקופה הצארית היה יוצא לאור שם עתון יומי בבעלות ובעריכה יהודית (עו״ד בלומנטאל), אבל שפתו היתה רוסית — ״קובנסקי טלגראף״. כשחזר ר. רובינשטיין ב־1923 ממוסקבה (שם שירת כיועץ משפטי לצירות ליטא), היה כבר ״אידישע שטימע״ קיים מזמן (מ־1919) ככלי־מבטא של המרכז הציוני. סמוך לבואו של ר. ר. היתה דמותו המקצועית של העתון נמוכה. עירנות לבעיות המדינה כאילו לא היתה קיימת כלל, ובענינים יהודיים מקומיים היה נודף ממנו ריח ה״עסקנות״. הפרובינציאליות של העתון היתה באותה תקופה בניגוד גמור למקום הנכבד, שתפסה אז יהדות ליטא במאבק על זכויות לאומיות בעולם היהודי בכלל. בחוגי האינטליגנציה היתה אז הרגשה משותפת, כי צו השעה הוא למצוא עורך, אשר לבד מהיותו בעל השכלה כללית ויהודית ובעל ותק בפעילות ציבורית יהודית, יהיה עתונאי מקצועי. על כל הדרישות האלה ענה רובינשטיין במידה גדושה. שמו הלך לפניו לא רק כמצטיין בגימנסיה כגון אשר בווילנא, כמצטיין בפאקולטה למשפטים בפטרבורג, אלא גם — והרי זהו העיקר — כעתונאי ברוך־כשרונות. בהיותו סטודנט השתתף ב״יברייסקי סטודנט״ (הסטודנט היהודי), בטאון הנוער היהודי המתלמד ״החבר״, ולאחר מכן ערך אותו; השתתף ב״ראזסוויאֶט״; היה מזכיר מערכת ״פעטראָגראַדער טאָגבלאַט״; וגם בפעילות ציבורית גילה תושיה ועוז־רוח — היה מזכיר כללי של מרכז ציוני רוסיה ובהיותו איש הצירות הליטאית במוסקבה עשה רבות למען הציונות שבמחתרת. כל אלה יצרו את הדעה כי ראובן רובינשטיין הוא האיש, שנועד להפוך את ה״שטימע״ לכלי־מבטא, שיהלום את רמת היהדות המקומית.

אמנם, אחרי שובו לליטא נתמנה כעבור כמה חדשים כעורך ה״אידישע שטימע״.

www.libtool.com.cn

ואכן, אף־כי קמו מתחרים ל״שטימע״ (היו תקופות שבהן היו ליהדות הקטנה בת 150 אלף נפש בערך שלושה עתונים יומיים), לא נפגע מקומו של ראובן רובינשטיין כדוברה של יהדות ליטא. במאמריו הראשיים היה נותן ביטוי נאמן ומדוייק למאבקה של יהדות זו על זכויותיה הלאומיות; היה מרים את קולו נגד האנטישמיות המקומית, שלאט לאט הפכה לסכנה לעמדות הכלכליות של היהודים, היה מתפלמס בחריפות עם שונאי ישראל.

עם עלייתו של היטלר לשלטון עקב אחרי ההתפתחויות ביהדות גרמניה, הכיר את הסכנות של הנאציזם בשביל היהודים בכל מקום ובשביל מדינת ליטא, וקרא לעזרה ליהודי גרמניה ובעיקר ליסודות החלוציים שבה.

החזרת וילנא לליטא העמידה את העתון ועורכו בפני בעיות חדשות בתנאים חדשים: הרחבת ליטא וכמעט הכפלת מספר תושביה היהודיים מזה וזרם הפליטים מפולין לווילנא ולליטא בכלל (בעיקר אינטליגנציה, בחורי־ישיבה, חלוצים) מזה, מצאו הד נכון במאמריו של ראובן רובינשטיין.

עם משטר הדיכוי שהשתרר בליטא אחרי הסיפוח הפורמאלי לברית־המועצות היה ר. ר. אחד מראשוני קרבנותיו וגורש לעבודת־כפיה בצפון הרחוק של רוסיה, שם עברו עליו צרות מצרות שונות, שעליהן סיפר בכמה מפרקי זכרונותיו.

נאמן לתפיסה הסינתטית של רוב יהודי ליטא (אזרחות, יהדות, ציונות), הוא היה מנתח בעין בוחנת ובהזדהות אישית גמורה את המאורעות בתנועה הציונית ואת התקדמות המפעל בארץ־ישראל.

בפרספקטיבה של חצי יובל, המבדיל בין תקופתנו לתקופת פעולתו של ראובן רובינשטיין, יכולים אנו ביתר שאת לקבוע, כי זכתה יהדות ליטא, שדוברה היה איש בעל סגולות עתונאיות נדירות, וללא קושי אפשר לכתוב את ההיסטוריה המחשבתית והפעולתית של יהודי ליטא לפי מאמריו הראשיים של ראובן רובינשטיין.

www.libtool.com.cn

ל. גרפונקל

# אביר העט

## א.

ראובן רובינשטיין היה אחד מטובי העתונאים והפובליציסטים היהודיים המוכשרים והפוריים שפעלו במזרח־אירופה בזמן ששם עוד התקיימו ישובים יהודיים גדולים, שוקקי חיים, רוויים הווי ומתח לאומי.

ר. רובינשטיין נולד, התחנך וגדל בחיקה של יהדות ליטא, זה השבט היהודי המופלא, הקטן בכמותו והרב באיכותו, שהועלה על הגרדום של השואה האיומה והוציא את נשמתו בעינויים, בקדושה ובטהרה. ממעייניה הזכים של יהדות זאת הוא שאב ושתה בצמאון וממנה קיבל את תכונותיו הנפשיות כיהודי חם, קשור בכל נפשו עם העבר, ההווה והעתיד של העם; כציוני מסור לרעיון תחיית עם ישראל במולדתו; כבן־אדם עממי, בעל מזג טוב ונוח לבריות; כריע טוב, המוכן תמיד להושיט יד עזרה. תכונותיו אלו התמזגו אצלו מזיגה הרמונית וביחד קבעו את דמותו ואופיו.

ר. רובינשטיין היה מהדמויות הבולטות ביותר של יהדות ליטא ועמד בשורה הראשונה של מנהיגיה בתקופה מיוחדת במינה, תקופה שההיסטוריון העתיד לבוא של יהדות ליטא ודאי יגדיר אותה כתקופה של אחרי ולפני: אחרי שנמוגה כליל תקוותה של יהדות זו לחיות במדינת ליטא חיים בטוחים וחופשיים, כאזרחים שווי־זכויות עם בני עם־הרוב, ולנהל את עניניה הפנימיים במסגרת אוטונומיה לאומית נרחבת, ולפני סערת־הדמים הנוראה, שעברה עליה ועקרה אותה משורשיה העמוקים. בתקופה ההיא כבר נגזר עליה גזר־דינה האכזרי, הוא כבר היה כתוב וחתום, אבל יהדות ליטא עוד היתה אז במלוא פריחתה וזיווה, בעיצומה של יצירתה הרוחנית הרב־גונית, משולה לשושנה שדווקא לפני כמישתה היא מוציאה את ריח בושמה, את ריח חיותה ורעננותה.

www.libtool.com.cn

## ב.

עתונאי בחסד עליון, היה ר. רובינשטיין בן־בית בכל מכמני שפת היידיש והיה אמן של ביטוי ומבע בה. היידיש העשירה והעממית שלו שימשה לו בכל שנות פעולתו בליטא הכלי והמכשיר היעיל והמשוכלל, בו השתמש להנחלת רעיונותיו ודעותיו לציבור הרחב של קוראיו־מעריציו. הוא אהב את היידיש כשפת ההמונים היהודיים והיה קשור ומסור לה בכל נימי נפשו. אך מעולם לא היה נמנה עם מחנה היידישיסטים ומעולם לא דגל באידיאו־לוגיה שלהם. את השפה הלאומית של העם היהודי, שפת תחייתו ועתידו בארץ אבות, ראה בעברית ורק בעברית, שידע אותה על בוריה ושלט בה שליטה עמוקה. הוא לא ראה בשעתו שום סתירה בעמדתו זו בשאלת השפות. כרבים אחרים, היה בדעה שאדיר ונעלה הוא הוויכוח ההיסטורי בין עברית ויידיש, אבל קטנטן ועלוב הוא הריב בין ההברייאיסטים והיידישיסטים.

הודות לכשרונותיו והשכלתו הרחבה הפך היומון "די אידישע שטימע" ('הקול היהודי') בקובנה, שהוא היה עורכו קרוב לעשרים שנה, מעתון יהודי פרובינציאלי לעתון שתפס מקום נכבד בעתונאות היהודית בגולה, ועמד על רמה גבוהה הן לפי תוכנו והן לפי סגנונו וצורתו. באופן רשמי היה "די אידישע שטימע" בטאונם של הציונים הכלליים בליטא. אבל כולם, ציונים ולא־ציונים, יהודים ולא־יהודים כאחד, ראו בו את הבטאון של יהודי ליטא ונושא דבריה של יהדותה כולה. באלפי מאמריו המקיפים ובאינפורמציה הרחבה שהיה מביא בעתונו, שיקף ר. רובינשטיין את כל מיגוון חייהם של יהודי ליטא, את שאיפותיהם ותביעותיהם, תקוותיהם ואכזבותיהם. הוא היה השופר לכל המתרחש והנעשה ביהדות ליטא, וידע להביע בדקות מופלאה את כל הניואנסים והוויבראציות של נשמתה ורוחה, שופר ששמעוהו בכל בית יהודי. ר. רובינשטיין היה לא רק ההד לכל המתרחש בקיבוץ היהודי בליטא, אלא עשה רבות לעיצוב דמותו ורוחו של קיבוץ זה שהיה כה קרוב ללבו. הוא היה ממדריכיה הראשונים במעלה בכל מאבקיה ומערכותיה, בכל סבך הענינים והבעיות הפוליטיות והלאומיות שלה. דבריו הקולעים היו מכוונים הן למוח היהודי והן ללב היהודי, וידע תמיד איך להגיע לשניהם וליצור אתם שפה משותפת.

www.libtool.com.cn

ג.

בלהט ובכשרון רב הגן בעתונו על יהודי ליטא, על כבודם, זכויותיהם והאינטרסים שלהם מפני השונאים והמקטרגים שקמו אז עליהם מצדדים שונים, הזים את האשמותיהם ועלילותיהם והוכיח את זדון לבם וגם בורותם, ולא זה בלבד — הוא גם השיב בתקיפות רבה את המלחמה שערה. והיו אלה זמנים קשים, כאשר שמי יהדות ליטא התקדרו והלכו, כאשר מיום ליום גברו הלכי־הרוח והמגמות הלאומניות והפשיסטיות, וממילא גם האנטי־שמיות, בציבור הליטאי, בעיקר בתוך הנוער הליטאי, ורוחות אימים התחילו לנשוב מגרמניה הנאצית ופולין הלאומנית. עם שתיהן היתה אז ליטא ביחסים רעים ומתוחים: עם גרמניה של הרייך השלישי — בגלל פעולתה הגלויה לעודד ולחזק את האלמנטים האירדנטיים בחבל קלייפדה (ממל), שבמשך שנים שאפו להוציא את החבל הזה מליטא ולהחזירו לגרמניה; עם פולין — בגלל ענין וילנה. למרות היחסים המתוחים האלה — והיה בזה אחד מגילוייה של המציאות הגלותית המשונה והנטולה כל הגיון — הרי הסיסמאות של שנאה ארסית נגד היהודים, שהגיעו לליטא משתי הארצות העוינות לה, מצאו אוזן קשבת וקרקע פוריה בציבור הליטאי. דחיקת היהודים מעמדותיהם הכלכליות ו"ליטוויניזציה" מזורזת של הערים והעיירות נעשו אז עמודי־התווך במדיניותה הכלכלית של ממשלת ליטא. בעתונים ליטאים החלו להופיע מאמרי תעמולה ושיסוי נגד היהודים. העתון "וורסלס" (משלוח־יד) של אגודת סוחרים, תעשיינים ובעלי־מלאכה ליטאים, שהיה לו תמיד אופי אנטישמי מובהק, קיבל תוכן וצורה של ה"שטירמר" הנאצי, ושפך קיתוני־בוז ושנאה על היהודים, קרא לליטאים להחרים כל מפעל כלכלי יהודי ובכלל לעקור את יהודי ליטא מן השורש. נגד כל שונאי ומשנאי יהודים אלה כיוון ר. רובינשטיין את חיצי עטו החדים, נלחם בהם בעוז ובתבונה והוקיע את שפלותם.

מעל דפי ה"אידישע שטימע" השתתף ר. רובינשטיין באופן פעיל ביותר בחיים הציבוריים והמפלגתיים התוססים של יהודי ליטא ובריב־הדעות החריף שבסימנו הם עמדו כל הזמן. בכשרון רב ובעקביות ייצג בעתונו, וגם כנואם בהופעותיו הפומביות, את הרעיון הציוני, על כל האספקטים הפו־ליטיים, הלאומיים והתרבותיים שלו, נגד כל מיני אידיאולוגיות אנטי־ציוניות. הוא גולל לפני קוראיו את היריעה הרחבה, את מסכת־הפלאים של

www.libtool.com.cn

בנין הארץ והישגיו בהקמת הריסותיה והפרחת שממותיה. הוא תיאר את המאבק הקשה עם שלטונות המנדט העוינים, את רוח המסירות וההקרבה המופלאת של הדור הצעיר בארץ ושל החלוץ העובר לפני המחנה, העולה מארצות הגולה והעומד עוד לבוא. הוא התפלמס בחריפות עם שוללי הרעיון והמעשה הציוני, עם מנמיכי דמותה של הציונות ומשמיצי מפעלה הנשגב בארץ. הוא ביקר את כל מטיפי ה״דאָיקייט״ בליטא, כטועים ותועים, כמטעים ומתעים מסוכנים, ברצותם להוכיח, כי עתידם של היהודים הוא רק ״פה״, כלומר במקומות ישיבתם בארצות הגולה, ולא ״שם״, במולדתו ההיסטורית של עם ישראל. המאורעות הטרגיים, שהתחוללו בחיינו בשנות הארבעים, הוכיחו מי צדק ומי טעה בוויכוח הנוקב הזה.

ד.

לא על מי־מנוחות שטה ספינת חייו של ר. רובינשטיין ולא מעט סבל היה מנת חלקו. עוד שנה לפני שהחל להתנוסס דגל המפלצת של צלב־הקרס הנאצי על אדמת ליטא, הוצפה הארץ חיילות של הצבא האדום וכעבור זמן קצר סופחה ליטא ״מרצונה הטוב והחופשי״ לברית־המועצות — ממלכת הקומוניזם. החלה הסובייטיזציה הכפויה של כל החיים במדינה, כולל, כמובן, החיים היהודיים, על כל שהיה כרוך בזה. כובה אז כל זיק של חיה הלאומיים של יהדות ליטא וחוסלו כל מוסדותיה. רובינשטיין סולק ממערכת ה״אידישע שטימע״, שעוד המשיכה זמן קצר בקיומה כעתון פרו־קומוניסטי... בעריכתו של קומוניסט, אשר מונה על־ידי השלטונות. אבל כעבור זמן־מה חדלה מלהופיע. על רובינשטיין נגזר אלם, וביחד עם עסקנים ציוניים אחרים הושלך לבית הכלא, ומשם הוגלה לארץ גזירה, מאחורי הרי החושך של רחבי רוסיה, ונידון לשנים רבות של עבודת פרך במחנה ריכוז סובייטי בתור ״עבריין פוליטי מסוכן״, ״אנטי־מהפכן״ ו״אויב העם״. החלה דרך היסורים הנוראים של ר. רובינשטיין, שרק איש כמוהו, בעל אופי חזק ואופטימיסט במהותו, מסוגל היה לעמוד בהם.

שנינו הכרנו איש את רעהו שנים רבות, עוד מזמן היותנו סטודנטים של הפקולטה למשפטים באוניברסיטת פטרבורג (פטרוגרד). השתייכנו לזרמים שונים של התנועה הציונית: ר. רובינשטיין — לציונים הכלליים (ב) ואני — לאגף הציונות העובדת. לא פעם היינו ברי־פלוגתא אחד עם השני. לא אחת

www.libtool.com.cn

אף התווכחנו קשה, אבל תמיד נשארנו ביחסי ידידות אמיתית. תכופות שיתפנו פעולה בשטחים שונים, פעמים אין־ספור נפגשנו בכל מיני הזדמנויות ומצבים, אבל לעולם לא אשכח שתי פגישות דרמטיות שהיו לנו בתקופת היסורים שעברה על שנינו.

## ה.

הפגישה האחת היתה בבית־הסוהר של העיר קובנה ("בית־הסוהר הצהוב", כפי שהיה ידוע בפי העם עוד מימי הצאר ניקולאי הראשון, שבזמנו נבנה). את רובינשטיין אסרו השלטונות הסובייטיים כחודשיים לפני. כל אחד מאתנו הושב תחילה באחד "התאים־ליחידים" ("אודינוצ'קי" בלעז), שכולם היו צרים ואפלים, ונועדו עוד מימי הרוסים לעבריינים מסוכנים. בגלל המספר העצום של העצורים שהוחזקו בבית־הסוהר בזמן הסובייטים, ישבו בכל תא שכזה במקום עצור אחד — חמישה, אף שהיה בהם מקום רק לארבעה דרגשים אחד מעל השני. עצור אחד לפי התור, צריך היה לשכב בלילה מתחת לדרגש התחתון. כל אחד מאתנו — רובינשטיין ואני — היה אז היהודי היחיד בתאו. האחרים היו ליטאים, משכבות שונות, אנשים זרים לנו לגמרי, טיפוסים מטיפוסים שונים, ביניהם פשיסטים־אנטישמיים וגם מי שהיו קודם חברי המפלגה הקומוניסטית, אבל למעשה היו פרובוקטורים ששירתו את הבולשת הפוליטית הליטאית בימי סמטונה — נשיא המדינה לפני הסובייטים. חוץ מן הסבל העצום שגרם לנו אורח־החיים בבית־סוהר סובייטי, סבל כל אחד מאתנו נוראות מן הבדידות הנפשית שהעיקה עלינו, באין אפשרות להשיח בפני איש קרוב את מר־לבו. והנה כעבור כמה חדשים של ישיבתנו בתאים האמורים, העבירו את העצורים משלושה תאים כאלה לתא רגיל, הרבה יותר מרווח. כבר עצם הוצאתנו מה"תאים ליחידים" והפגישה עם פנים חדשות היה "חג" בשבילנו, במידה שבכלל ייתכן חג בבית־סוהר, ובבית־סוהר סובייטי — לא כל שכן. אבל בשביל רובינשטיין ולי היתה זאת חוויה נפשית שאין לתארה. רובינשטיין, כמובן, לא ידע שגם אני כלוא בבית־הסוהר, ופגישתו אתי שם היתה בשבילו הפתעה גדולה. כמה רגעים עמדנו איש מול רעהו כמאובנים, מבלי להוציא הגה מהפה. אחר כך נפלנו אחד על צווארו של השני ולא יכולנו להינתק אחד ממשנהו. הסצינה הנרגשת הזאת של פגישתנו, בנסיבות כל כך בלתי־רגילות ומעציבות, עשתה רושם

www.libtool.com.cn

גם על יתר העצורים שהיו במקום ועמדו כל הזמן סביבנו בדומיה, כאילו היו גם הם שותפים לחווייתנו העמוקה. ומאז ועד אותו הערב המר והנמהר בסוף חורף 1941, כאשר הוציאו את ר. רובינשטיין מהתא, בו ישבנו ביחד עם עוד 17 עצורים, בכדי להגלותו לשנים רבות לגיהנום של מחנה ריכוז סובייטי בפינה נידחת ברחבי רוסיה — החלו בשביל שנינו "חיים חדשים", אפשר לומר חיים כפולים בבית־הסוהר: בגופנו היינו נטולים כל חופש, מנותקים מיקירינו, בני משפחותינו, שלא ידענו דבר על גורלם, מורעבים ומושפלים, כלואים מאחורי סורגי הברזל בבנין הגדול והקודר שברחוב מיצקייוויציוס, המטיל אימה על כל רואיו — ואילו ברוחנו היינו בעולם לגמרי אחר, שם, בעולם כיסופינו וחלומותינו בהקיץ. ההגיון הקר, הריאליסטי והאכזרי, דיבר אלינו בשפת הכתובת המתנוססת, לפי דנטה, ב"קומדיה האלוהית", מעל שער הגיהנום: היוואשו מכל תקווה. ומאידך הרגש החם, הסוריאליסטי, הרך לחש לנו: עוד לא כלו כל הקיצין. עם גאולת העם תבוא גם גאולתכם אתם. והרגש גבר אצלנו על ההגיון ומאז עברה עלינו רוח אחרת; פסקה בדידותנו, את מקומה תפסה תקווה עיוורת מעל ומעבר לכל שיקולים ריאליסטיים, והיא שעמדה לנו בסבלותינו ויסורינו.

חלפו כחמש שנים איומות, שנות חורבנה של יהדות אירופה, ושוב נפגשנו שנינו בנסיבות שנחרתו עמוק עמוק בלבנו ותודעתנו. היה זה בדצמבר 1946, בעיר באזל, בשווייצריה, במסדרון הבנין המפואר, בו התכנס הקונגרס הציוני הכ"ב, הראשון אחרי השואה. באתי לקונגרס מאיטליה, לשם נקלעתי אחרי כל שעבר עלי בגיטו קובנה ובמחנה ריכוז גרמני בבווריה, סניף של דכאו — כאחד מנציגי כעשרים אלף הניצולים מאימי הגיטאות, מחנות־ריכוז והפרטיזנים ביערות, שאחרי תלאות רבות והברחת גבולות הגיעו כפליטים לאיטליה, בכדי להתקרב בדרך זו לחופי הארץ. פתאום, בתוך המון האנשים שהיו במסדרון בנין הקונגרס, ראינו והכרנו איש את רעהו. קלסתר פניו של ר. רובינשטיין הביע אז את כל דרך היסורים הארוכה והמחרידה שלו במשך חמש השנים שלא שמענו ולא ידענו דבר אחד על השני. הוא היה שלד של בן־אדם; התגלמות של צער וסבל, של יגון ויאוש. אחרי שנים של עבודה גופנית מפרכת בתנאים בלתי־אנושיים עלה בידיו, בגלל גילו ואי־כשירותו המלאה לעבודה פיזית, להשתחרר ממחנה הריכוז הסובייטי ולצאת מברית־המועצות. שבור ורצוץ, עם רגל שבורה, הגיע לפולין ומשם לבאזל, לקונגרס.

www.libtool.com.cn

ושוב מצא את עצמו בחברת ריעים וחברים לדעה. זה צריך היה להיות בשבילו רגע של יציאה מעבדות לחרות, מיגון לשמחה ומאפלה לאור גדול. אבל כבר היה מוכן בשבילו שבר חדש, כבר ציפתה לו הידיעה האיומה על סופם המר של כל בני משפחתו בגיטו קובנה ובמחנות־ריכוז גרמניים, בנסיבות המסמרות את השערות. התחבקנו, אך הדיבור ניטל מפיותינו, כי שנינו התייפחנו ופרצנו בבכי, ויחד אתנו בכו גם אחרים מצירי הקונגרס, עתונאים ואורחים שעמדו על ידינו והיו עדים אלמים לפגישתנו הטרגית והמזעזעת.

ז.

בהיותו בבית האסורים בקובנה ייחל ר. רובינשטיין כל הזמן לאותו היום הגדול, כאשר יזכה, לפי דבריו, קודם לצאת מ״הכלא הקטן״ ואחר כך מ״הכלא הגדול״. חלומו זה סוף סוף נתגשם. אמנם זה עלה לו במחיר מדהים. ברם, היסורים שעברו עליו לא שברו את רוחו ואחרי כל הפורענויות התאושש והמשיך לטוות את פתיל חייו, נאמן לדעותיו והשקפותיו. הוא הצטרף לציבור שארית הפליטה שהיתה בגרמניה ולמאבקה הקשה לפתיחת שערי הארץ לניצולי השואה, וערך את בטאונה. הוא עוד זכה לראות בהתגשמות האידיאל הנשגב של עמנו — הקמת מדינת ישראל; הוא גם זכה לעלות ארצה, להשתלב בתוך העם השוכן בציון ופה לכתוב את הפרק האחרון של חייו הסוערים. ר. רובינשטיין עשה עבודה חשובה במערכת־ההסברה של משרד הבטחון. הוא עמד גם בראש איגוד יוצאי ליטא ופעל הרבה להקלת קשיי הקליטה של עולים חדשים משיירי היהדות הליטאית. הוא רכש לו שם ופופולריות גדולה על־ידי שידוריו השבועיים ביידיש, ב״קול ישראל״, בהם היה סוקר בשנינות רבה ובהומור יהודי דק וקולע את המאורעות הפוליטיים, שהתרחשו במדינה ובחיי הארץ במשך השבוע שחלף.

בגאון ובראש מורם נשא ר. רובינשטיין את לפיד השקפותיו. שמו וזכרו יישארו לתמיד חרותים בלבם של האודים המוצלים מאש התבערה, בה נשרפה יהדות ליטא המפוארת.

www.libtool.com.cn

יודל מאַרק

# פון אַן אַנדער קוקווינקל

ס'איז מיר יאָרן־לאַנג אויסגעקומען צו זיין אין אַ פּאָזיציע פון אַ קעגנער צו דעם נפטר, זיך צו ראַנגלען אידייאיש מיט אים און — ווי מען איז איינגעוווינט עס צו פאָרמולירן — צו פירן אַ געזעלשאַפטלעכן, אַן אידייאישן קאַמף מיט אים. די געשטאַלט ראובן רובינשטיין וועט בולטער זיך אַרויס־הייבן נאָך אַ פּרווו אים צו שילדערן פון אַן אַנדער קוקווינקל.

עס וואָלט זיכער געווען דראַמאַטישער, אויב מען זאָל רעדן וועגן באַריקאַדן און אַריינפאַלן אין דער מליצה "פון דער אַנדערער זייט באַרי־קאַדן", אָבער עס וואָלט גלייך פון אָנהייב געווען פאַלש, ווייל ניט אַזאַ טיפּ מענטש איז געווען ראובן רובינשטיין ע"ה. זינט 1905 (און אפשר נאָך פריער) טרעפן מיר אין אונדזער פובליציסטיק און אין אונדזערע אויפ־געבלאָזענע געזעלשאַפטלעכע ריידעריי די ווערטער "קעמפער" און "קעמפן". זיינען דאָס געוואָרן זייער ביליקע ווערטער. מ'וואָלט באַגאַנגען אַן עוולה, אויב מען זאָל מיט אָט די אָפּגעריבענע מטבעות נעמען קלינגלען, ווען מען וויל כאַראַקטעריזירן ראובן רובינשטיינען. ניט אַזאַ טיפּ מענטש איז ער געווען.

אַוודאי קען מען וואַרפן שטיינער און שיסן פיילן, ווען דאָס איינציקע געווער איז די פען. אָבער ניט אַזאַ איז געווען ראובן רובינשטיינס פען. זי איז אַלעמאָל געווען נאָר אַ פען און דערצו נאָך אַ ציכטיקע פען. אין דער סיטואַציע און אין דער סביבה פון דער אומאָפּהענגיקער ליטע האָט יעדער פירנדיקער זשורנאַליסט געמוזט זיין אויך אַ געזעלשאַפטלעכער טוער, אָבער די גאַנצע טועריי — זעט אויס — איז ניט געווען צום האַרצן דעם אין תוך טיף־באַשיידענעם ראובן רובינשטיין. ליב געהאַט האָט ער דאָס שרייבן. דאָ האָט ער געקענט שטיין אַ ביסל אין אַ זייט. דאָס געשרי־

www.libtool.com.cn

בענע וואָרט איז דאָס אָפּגעהיטענע וואָרט, דאָס מער אַרומגעטראַכטע וואָרט. ביי אים איז עס געווען אויך דאָס אַחריותדיקע וואָרט.

געזען האָב איך אים אַלעמאָל שטיין אַ ביסל אין אַ זייט, אַ ביסל אָפּגערוקט פון פּאַרטייִישע צוזאַמענשטויסן און אויך פון אינעווייניקסטע פּאַרטייִישע קאָנפליקטן. ער איז געווען פריי אפילו פון אַ שמץ פאַנאַטיזם. ער איז געווען גיכער דער צוקוקער, דער רויִקער באַטראַכטער. ער האָט זיך ניט געאײַלט ביים אַרויסברענגען אַן אורטייל, ביים אָפּמשפּטן, ביים פאַרמשפּטן. ער האָט געוואָלט זיך פירן ווי אַ ריכטער, און אַ שופט גיט ניט אַרויס זיין פּסק אויף דער הייסער מינוט. עס איז דאָך נייטיק אַ לענגערער ישוב־הדעת, אויב מען איז דורכגעדרונגען מיט אחריות פאַר דעם וואָס מען שרייבט אָן.

זיינען אַזוי נאַטירלעך געווען פאַר ראובן רובינשטיינען די וואַקלענישן צווישן איין גרופּע און אַ צווייטער גרופּע ביי די אַלגעמיינע ציוניסטן. די אומגעדולדיקע פּראַקטיש־פּאַטריאָטן פלעגן האָבן טענות צו אים, און ניט אַלעמאָל האָט מען אים גרינג געמאַכט דאָס לעבן, ווען ער איז געווען דער רעדאַקטאָר פון "ד י א י ד י ש ע ש ט י מ ע", הגם די בעלי־בתים פון דער צייטונג האָבן אַלעמאָל געהאַט דרך־ארץ פאַר זייער אויסגעפּרוּווטן רעדאַקטאָר. ער איז פּשוט געווען פאַרזיכטיקער און אויך אײדעלער ווי זיינע בעלי־בתים.

אויף וויפל מ'קען אָפּשאַצן אַ מענטשן פון אַן אַנדער ריכטונג, האַלט איך אַז ראובן רובינשטיין איז קיינמאָל ניט געווען קיינעמס בלינדער חסיד, ניט פון אַ רבין און ניט פון אַ שיטה. בטבע האָט ער גאָרניט געקענט זיין צעקאָכט, צעהיצט, צעפלאַמט. אפשר דערפאַר וואָס אין זיינע אָדערן איז געפלאָסן דאָס בלוט פון דעם צפונדיקן ייִד, דעם ליטוואַק מיטן מער פאַמעלעכן טעמפּאָ אין רעדן און אומאיבערגעאײַלטקייט ביים טאָן; אפשר דערפאַר וואָס איינער פון זיינע גרונט־שטריכן איז געווען אַ נאַטירלעכע דזשענטעלמענישקייט. איך ווייס ווייניק וועגן זיינע פאָרמאַטיווע יאָרן כדי זיך צו דערקלערן ווי דאָס קומט צו דעם אוטיאַנער בחור.

צווישן "די אידישע שטימע" און דעם "פאָלקסבלאַט" איז ניט נאָר געווען אַזאַ גרויסער אידייאישער אונטערשייד, עס איז אויך געווען פּשוט און פּראָסט אַ קאָמערציעלע קאָנקורענץ. יאָרן־לאַנג איז די עלטערע

www.libtool.com.cn

"אידישע שטימע" געווען די איינציקע צייטונג אויפן שמאָלן פעלד פון דעם קליינעם ציבור אין דער אומאָפּהענגיקער ליטע, און ווען מען האָט פאַרלוירן אַזאַ גינסטיקע פּאָזיציע, האָט מען אויך אַרויסגעוויזן נערוועזקייט. פאַר מיין פאָלקיסטישער און יידישיסטישער פּראָפּאַגאַנדע בכתב און נאָך מער בעל־פּה איז אויסגעקומען אויסצושטיין פון דעם צד־שכנגד פּערזענלעכע אָנפאַלן אויך. אָבער אויף וויפל איך ווייס האָט ראובן רובינשטיין קיינמאָל זיך ניט באַטייליקט אין זיי. אויף וויפל איך געדענק האָב איך קיינמאָל ניט אָנגעשריבן קיין איינציקע שורה פּערזענלעך קעגן אים. ווי מען רופט — אַזוי רופט זיך עס אָפּ. אונדזער הויפּט־שטאָט קאָונע מיט די קוים דרייסיק טויזנט יידן איז געווען אָן איינגעענגטע אַרענע פאַר געזעלשאַפטלעכע טעטיקייטן. האָט מען זיך אָפּט געטראָפן ביי זיצונגען פון קאָמיטעטן און קאָמיסיעס און סתם ביי פאַרזאַמלונגען און צונויפקומען. די באַציִונגען צווישן די צוויי רעדאַקטאָרן זיינען געווען לייטישע, קאָרעקטע, און זינט 1933 אויך באמת פריינדלעכע.

אַלע צדדים האָבן אָרגאַניזירט איין אַלגעמיינע פאָלקס־פאַרזאַמלונג אין און אַרום דער כאָרשול אויף אַזשעשקאָ־גאַס. עס זיינען געקומען לכל־הפחות אַ צען טויזנט יידן. אַזוינס האָט נאָך קאָונע ניט געהאַט געזען. דער ציל איז געווען אויפצוקלערן דעם עולם וואָס היטלער באַטייט פאַר יידן (וועגן זיין "ענדגילטיקער לייזונג פון דער יידן־פראַגע" האָט מען אפילו אין אַ נאַכט־קאָשמאַר זיך ניט געהאַט פאַרגעשטעלט. כאָטש מ'האָט שוין געהאַט געלייענט "מיין קאַמף") און רופן צו באָיקאָטירן דייטשישע סחורות.

עס האָט דער ערשטער גערעדט דער רעדאַקטאָר פון שטימע, דערנאָך דער רעדאַקטאָר פון "פאָלקסבלאַט". ווען איך האָב געענדיקט, האָט ראובן רובינשטיין וואָס איז געשטאַנען לעבן מיר אַרומגענומען מיך מיט טרערן אין די אויגן. איך האָב דערפילט אַז איך האָב דעם מענטשן ניט גענוג גוט געקענט, ניט געוווּסט וועגן דער טיפקייט פון זיינע געפילן און זיין ספּאָנטאַנישער הארציקייט. עס איז געוואָרן אַ שטילע, אַ צוריקגעהאַלטענע נאָענטשאַפט צווישן אונדז.

פאַרן פאַרלאָזן קאָונע אין אויגוסט 1936 איז ראובן רובינשטיין געווען צווישן די געציילטע מיט וועמען איך האָב זיך פערזענלעך געזעגנט. מיר האָבן גערעדט וועגן דער צוקונפטיקער מלחמה צווישן נאַצי־דייטשלאַנד

www.libtool.com.cn

און סטאַלין־רוסלאַנד, וועט מיר, ליטווישע יידן, וועלן זיין צווישן די ביידע פּייערן. מיר האָבן זיך פאַרגעשטעלט כלערליי צרות און פורעניותן, און דאָך זיינען מיר ביידע געווען בלינד פאַר דעם וואָס דער גורל האָט געהאַט באַשטימט פאַר יידן אין ליטע, פאַר יידן בכלל.

קיין שום פאַרבינדונג צווישן אונדז איז דערנאָך ניט געווען, איך האָב זיך דערוווסט אין דער זיכערקייט פון ניו־יאָרק אַז ראובן רובינשטיין איז געוואָרן איינער פון די ערשטע קרבנות פון דער סאָוועטישער מאַכט און איז פאַרשיקט געוואָרן. און אַ סאָוועטישער פאַרשיקטער איז דאָך חשוב כמת. איז געווען גוט צו הערן אַז ראובן רובינשטיין איז צווישן די לעבן־געבלי־בענע אין די נאָך־מלחמה־לאַגערן אין דייטשלאַנד. פון דאָרטן האָט ער אין 1948 מיר געשיקט אַ לאַנגן בריוו...

דער בריוו איז צו מיר ניט דערגאַנגען. דערוווסט זיך וועגן דעם בריוו האָב איך ערשט אין 1967, און דערציילט האָט עס מיר דער בריוו־שרייבער אַליין. אין 1947 בין איך געווען אויף מיין ערשטן לענגערן באַזוך אין ארץ־ישראל. מיינע איינדרוקן האָב איך באַשריבן אין אַ סעריע אַרטיקלען וואָס האָבן זיך געדרוקט אין דעם זשורנאַל ״די צוקונפט״ סוף 1947 און אָנהייב 1948. צוואַנציק יאָר שפּעטער, אין יולי 1967, אויף אַ פאַרזאַמלונג פון די ליטווישע לאַנדסלייט, האָט דער געניטער און גראַציעזער פאַרזיצער פון יענער פאַרזאַמלונג, ראובן רובינשטיין, גערעדט וועגן דעם רושם פון אָט יענע אַרטיקלען. ער איז דעמאָלט געווען צו פרייגעביק און מגזמדיק אין זיינע קאָמפּלימענטן, און איך האָב זיך געפילט טאָפּלט אומבאַקוועם: ניט נאָר ביים אויסהערן זיינע האַרציקע רייד, נאָר אויך איבער דעם שולד־געפיל וואָס איך האָב ניט גענוג געוווסט ווי אָפּצושאַצן זיין פריינדלעכע באַציִונג צו מיר און ניט רעאַגירט אויף דעם ווי עס באַדאַרף צו זיין, ווי עס האָט זיך געפּאַסט. דערצייל איך כאָטש איצט וועגן דעם.

ראובן רובינשטיין איז געווען איינער פון די פיינסטע מענטשן וואָס איך האָב געקענט.

www.libtool.com.cn

מ. צאנין

# ראובן רובינשטיין — דער פּראַקטיקער זון פון דעם ליטווישן יידנטום

איך האָב ניט געהאַט דאָס גליק צו באַקענען זיך מיטן ליטווישן יידנ־טום אין זיין „גאָלדענער תקופה" פון סאָציאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע און אַפילו ניט אין דער תקופה פון רעאַקציע, ווען פון דער אויטאָנאָמיע פאַר יידן איז שוין כמעט גאָרניט געבליבן. אַלץ וואָס איך האָב געוווסט וועגן ליטע, האָבן איך געוווסט פון לייענען, פון דער ליטעראַטור און פון דער פּרעסע. קיין טיף בילד וועגן אָט דעם יידישן שבט, האָב איך ניט געהאַט.

ערשט ערב ניי־יאָר 1940 בין איך אָנגעקומען קיין ליטע ווי אַ פּליט, אַן אַנטלאָפענער פון פּוילן — פון דער היטלערישער אָקופּאַציע און פון דעם סאָוועטישן „באַפרייטן" ביאַליסטאָק — און אַ פאַרבליבטער האָב איך „אַנט־דעקט" אַ יידישן ישוב, וואָס איך האָב קיין גלייכן צו אים פריִער ניט גע־קענט. מיין פאַרבליפונג איז געקומען ניט בלויז פון דעם, ווי אַזוי די ליט־ווישע יידן האָבן אויפגענומען די פּליטים פון פּוילן — מיט אָפענע, וואַרעמע ברידערלעכע אָרעמס און זיי בפועל ממש אָנטקעגן געטראָגן זייערע הער־צער — נאָר בעיקר צוליב דעם קאָמפּאַקטן פאָלקס־פּאָרטרעט, וואָס איך האָב דערזען.

שיינט מיר, אַז די צאָל יידן אין דעם אייגנטלעכן ליטע איז דעמאָלט ניט איבערגעשטיגן די ציפער פון 150, אָדער 160 טויזנט נפשות, דאָך דער איינדרוק איז געווען אַז אין ליטע זיינען פאַראַן מיליאָנען יידן — יידן, וועלכע טראָגן זייער ידישקייט מיט אויפגעהויבענע קעפּ; יידן, וועלכע שאַפן אַן אייגן סאָציאַל, עקאָנאָמיש און גייסטיק מלכות. די ליטווישע יידן האָבן דעמאָלט זיכער געפילט דעם אַנטיסעמיטיזם און דעם אַנ־וואַקסנדיקן פאַשיזם, אָבער אַ פריש צוגעקומענער, ווי איך, האָט עס ניט געקענט פילן, ווייל ער איז פאַרכאַפּט געוואָרן פון דער זאַפטיקער יידישער

www.libtool.com.cn

אַטמאָספער און פֿון דעם קולטור־פאַרמעסט ביי יידן: אַ פֿאַרצווייגט יידיש שולוועזן, דריי טאָג־צייטונגען, אַ רייכע פּעריאָדישע פּרעסע, אַ יידיש־געביל־דעטע יוגנט אָן אַ צייכן פֿון אַסימילאַציע־טענדענצן, אַ ווונדערבאַרע נאַציאָ־נאַלע אינטעליגענץ און אַזאַ שעפערישן וויטאַליזם, וואָס מען האָט געקענט אים בלויז באַוווּנדערן.

ווי אַ פּליט פֿון אַזעלכע צוויי פֿאַרניכטנדיקע כוחות, ווי די היטלע־רישע דייטשן און די סאָוועטישע רוסן, האָב איך ניט געהאַט גענוג צייט זיך אַריינצולעבן אינעם יידישן לעבן אין ליטע, ווי אין די סוף־יוני־טעג פֿון 1941 האָב איך געהערט דעם שטיוול־געקלאַפּ פֿון די אַריינמאַרשירנ־דיקע סאָוועטישע חיילות, וועלכע זיינען געקומען אויך „באַפרייען" ליטע. אויפֿן שטייגער פֿון ביאַליסטאָק מיט אַ זעקס־זיבן חדשים צוריק, האָט די „באַפרייערישע" מאַכט מיט דער מיטהילף פֿון יידישע קאָמוניסטן אָנגעהויבן כאַפּן און אַרעסטירן די „שעדלעכע עלעמענטן". צווישן די נעמען פֿון די אַרעסטירטע איז אויך געווען דער נאָמען פֿון ראובן רובינשטיין, דער רע־דאַקטאָר פֿון „די אידישע שטימע". דער אופֿן ווי אַזוי עס איז אָנגעזאָגט גע־וואָרן די בשורה, אַז ראובן רובינשטיין איז אַרעסטירט — בלחש און אַרומ־קוקנדיק זיך צי קיינער הערט ניט — האָט אויסגעדריקט די וויכטיקייט פֿון דער פּאָזיציע, וואָס ראובן רובינשטיין האָט פֿאַרנומען אינעם יידישן געזעל־שאַפֿטלעכן לעבן אין ליטע.

אין די זיבן חדשים פֿון מיין אָנקומען קיין ליטע ביזן אַריינמאַרשירן פֿון די סאָוועטישע כוחות, דעם 15טן יוני 1941, האָב איך דורך דער „די אידי־שע שטימע" באַקענט איר רעדאַקטאָר ראובן רובינשטיין. איך האָב אים באַקענט דורך זיינע פֿעליעטאָנען און אָפּהאַנדלונגען, און דורך זיין סטיל האָב איך געהאַט וועגן אים אַן אַבסאָלוט קלאָרע פֿאַרשטעלונג: אַ יידיש־ליטווישער אינטעלעקטואַל, אַ מתנגד, וואָס זיין התנגדות איז געמישט מיט ספקות. דאָס איז די אייגנטלעכע מאָס פֿאַר יעדן אמתן אינטעלעקטואַל — צולאָזן אַ ביסעלע ספקות אַפֿילו אין געביט פֿון אמונה און אידעאָלאָגיע. דאָס מיינט זיין פֿריי און במילא אמתדיק מיט דעם, פֿאַר וואָס דער אינטעלעקטואַל קעמפֿט.

פֿון די פֿעליעטאָנען און אָפּהאַנדלונגען האָב איך אָנגעהויבן פֿאַרשטיין פֿאַר וואָס דער נאָמען פֿון ראובן רובינשטיין ווערט אַזוי הויך געשאַצט ביי

www.libtool.com.cn

זיינע לייענער.

דאָס ליטווישע יידנטום האָט פאַרמאָגט אַ היפשע צאָל אינטעלעקטואַלן און פערזענלעכקייטן, אָבער ראובן רובינשטיין האָט געהערט צו דעם טייל פון די יידישע פערזענלעכקייטן, וואָס יידן האָבן געשעצט און גלייכצייטיק ליב געהאַט.

פערזענלעך האָב איך באַקענט ראובן רובינשטיין ערשט מיט יאָרן שפּע־טער, ווען ער האָט אָנגעהויבן מיטאַרבעטן אין „לעצטע נייעס", אין די אָנהייב פופציקער יאָרן. „יאָרן שפּעטער". דאָס זיינען געווען יאָרן — תקו־פות. ראובן רובינשטיין האָט אין די יאָרן געהאַט דורכגעמאַכט פאַרשיקונג און דערנידערונג אין רוסלאַנד. נאָכן פאַרענדיקן די מלחמה האָט ער זיך דערוווּסט דאָס שרעקלעכע, וואָס שטייגט איבער הונדערטער איוב־פּיינען, אַז דאָס ווונדערבאַרע יידנטום פון ליטע און זאַמוט און לאַטוויע איז אויסגעמאָרדעט געוואָרן. זיין וועג פון רוסלאַנד האָט געפירט דורך פוילן און אויך דאָ איז אים באַשערט געווען צו זען מיט זיינע אייגענע אויגן, אַז קיין שטיין אויף אַ שטיין איז ניט געבליבן פון דעם גאַנצן פּוילישן יידנ־טום. ער איז אַוועק קיין דייטשלאַנד, ווו יידן פון דער שארית הפליטה האָבן זיך קאָנצענטרירט אָנצוקומען קיין ארץ־ישראל. אין מינכען האָט רובינשטיין רעדאַגירט אַ צייטונג — אַ צייטונג פאַר פליטים, אַ צייטונג פאַר פּונקט אַזעלכע אָנגעליטענע מענטשן ווי ער, בעת מיט אַ פינף־זעקס יאָר צוריק איז ער געווען אַ ניט געקרוינטער פּרינץ, וואָס האָט געפירט אַ צייטונג פאַר איינגעוואָרצלטע, מאַטעריעל־איינגעפונדעוועטע און גייסטיק רייכע יידן.

נו, ס'איז באַקאַנט, אַז וואָס פילבאַרער עס איז אַ מענטש, אַלץ שווערער ווירקן אויף אים די באַקומענע קלעפּ. ראובן רובינשטיין האָט זייט דעם אַרעסט דורך דער ענ.קאַ.ווע.דע. אין יוני 1940 באַקומען אַ סך שווערע קלעפּ און עס וואָלט ניט געווען קיין ווונדער, ווען אין די יאָרן פון ליידן וואָלט ער, ווי אַ סך אַנדערע, פאַרלוירן דעם גרעסטן טייל פון זיין גלויבן און געוואָרן ציניש. איך בין דעריבער נתפּעל געוואָרן, ווען בעת דעם ערשטן שמועס צווישן אונדז אין דער רעדאַקציע „לעצטע נייעס" אויף רחוב לוינסקי 52 אין תל־אביב, האָב איך אין אים אַנטדעקט אַ מענטש פון אַ געוואַלדיק הויכער מאָראַלישער מדרגה און מיט קאָנטראָלירטן דערפאַר אמתדיקן גלויבן. קודם כל האָב איך געפונען אין אים אהבת מענטש. ווי אַזוי ער האָט

www.libtool.com.cn

אויפגעהאַלטן די ליבשאַפט פאַר דעם מענטש, האָט ער מיר דערקלערט פשוט: ווי היטלעריזם איז אַ פעסט, וואָס האָט אָנגעשטעקט אַ גאַנץ פאָלק און דאָס גאַנצע פאָלק איז קראַנק געוואָרן, אַזוי איז אויך באָלשעוויזם אַ פעסט און אַ סך רוסישע מענטשן זיינען קראַנק געוואָרן פון דער פעסט. די קראַנק־געוואָרענע מענטשן זיינען די, וואָס איזדעקעווען זיך, די קראַנקע מענטשן זיינען די, וועלכע האָבן מיר און אַנדערע גורם געווען ליידן — צי וועל איך דעריבער פיינט באַקומען אויך די געזונטע מענטשן פאַר דעם שלעכטס, וואָס עס זיינען באַגאַנגען קראַנקע מענטשן? צי דערפאַר, וואָס איך בין באַפאַלן און געשלאָגן געוואָרן אין אַ משוגעים־הויז, וועל איך אַלע מענטשן אויסער דעם משוגעים־הויז האַלטן פאַר מטורפים? אויך אין דער תפיסה און אויף פאַרשיקונג האָב איך זיך אָנגעטראָפן אויף וווּנדערבאַרע מענטשן, פילבאַרע, איידעלע, מיטליידנדיקע, און זיי זיינען געווען פאַר מיר אַ מוסטער, אַז אויך איך זאָל פאַרפאַנצערן און פאַרזיכערן מיין „צלם אלקים״, אַז ווען איך וועל באַפרייט ווערן, זאָל איך יעדן איש תמים קענען קוקן גלייך אין די אויגן.

און אהבת ישראל האָט ראובן רובינשטיין אויפגעהאַלטן פריש און אומ־באַפלעקט — אהבת ישראל ניט אַבסטראַקט, נאָר בפועל ממש. עס זיינען פאַראַן אַ סך יידישע אינטעלעקטואַלן, וועלכע מאַניפעסטירן אהבת ישראל ווי אַן אַבסטראַקטן באַגריף, בעת אין דער אמתן האָבן זיי פיינט יידן ווי יחידים. זיי זיינען פול מיט התפעלות פאַר דער קאָלעקטיווער יידישער גאוּ־נות, נאָר ווען עס קומט צו די רב ישראלס — פאַרטראָגן זיי זיי ניט, ניט ווייניקער, ווי ניט־יידישע אַנטיסעמיטן. דערקעגן איז די אהבת ישראל ביי ראובן רובינשטיין געווען אַן אינטעגראַלע: ער האָט ליב געהאַט עם ישראל, ר׳ ישראל און ארץ־ישראל.

נאָך אַזוי פיל ליידן איז דאָס אויפהאַלטן אַזוי פיל אהבת ישראל אַ געוואַלדיק הויכע מדרגה.

אויף זיין אַמט אין זיכערהייטס־מיניסטעריום אין דער קריה אין תל־אביב האָט ער געקליבן מאַטעריאַלן און רעדאַגירט אַ ביולעטין. דער ביולע־טין איז דערשינען אויף דינע בלעטעלעך פּאַפּיר, געדרוקט מיט דריבנע אותיותלעך. ראובן רובינשטיין האָט ניט פאַרמיטן קיין איין ביולעטין מיר צוצושיקן. יעדעס מאָל פלעגט ער אין טעקסט אונטערשטרייכן מיט אַ רויטן

www.libtool.com.cn

בלייפעדער דאָס אַלץ, אויף וואָס ער האָט געוואָלט מיר מאַכן אויפמערקזאַם.

וואָס פאַר אַ שטעלן זיינען עס געווען ? וואָס האָט ער אונטערגע־שטראָכן ? — ער האָט אונטערגעשטראָכן דערשיינונגען פון אהבת ישראל, וואָס ער האָט באַגעגנט אויף די שפּאַלטן פון דער יידישער טעגלעכער און פעריאָדישער פּרעסע אין דער וועלט און אין ארץ־ישראל. ווי ער וואָלט גע־וואָלט אונטערשטרייכן : זע, די קלעפּ האָבן אונדז ניט צעבראָכן, מיר האָבן זיך טאַקע אָנגעליטן, אָבער יידן זיינען מיר געבליבן.

אין זיכערהייטס־מיניסטעריום האָט ראובן רובינשטיין געאַרבעט אין איין און דעם זעלבן צימער מיט דעם העברעישן דיכטער עמנואל הרוסי. ביידע האָבן זיך זייער גוט אויפגעטראָגן און אין צימער האָט תמיד געהערשט אַ גוטע פרייע אַטמאָספער. איין מאָל, אַריינקומענדיק אין דעם צימער, האָב איך געטראָפן ראובן רובינשטיינען אַ ספּעציעל אויפגעלייגטן. אַן אוואַנס ? — האָב איך געפרעגט, געדענקענדיק פון דער ליטעראַטור, אַז אין אַ מלוכה־אַמט הערשט אַ גוטע שטימונג נאָר דעמאָלט, ווען עס ווערט אָנגעזאָגט די בשורה פון באַקומענע אַוואַנסן. רובינשטיין האָט אַ קוק געטון אויף מיר מיט תרעומות, ווי פאָל איך אויס צו פאַרדעכטיקן, אַז אין זיין צימער איז די סיבה פון אויפגעלייגטקייט אַזאַ באַנאַלע זאַך ווי אַוואַנסן ? ער האָט מיר אָנגעוויזן אויף זיין טיש אַ נומער פון באַטאַשאַנסקיס „די פּרעסע" (בוענאָס־איירעס), און מיט רויטן בלייפעדער איז געווען אונטערגעשטראָכן עפּעס אַ ספּעציעלער פאַל פון אויסערגעוויינטלעכער באַציִונג פון אַ בוענאָס־איי־רעסער ייד צו מדינת ישראל און באַטאַשאַנסקי האָט דעם פאַל באַשריבן. הינטערן פענצטער פון רובינשטיינס צימער איז געוואַקסן אַ בוים, וואָס אין יענער צייט פון יאָר איז ער געווען אין גאַנצן צעבליט מיט העל בלאָע בלומען, האָט מיר רובינשטיין אָנגעוויזן אויפן בוים הינטער דעם פענצטער, אויף די אונטערגעשטראָכענע שורות אין דער צייטונג „די פּרעסע" און אויף די, וועלכע זיינען געווען אין דעם זעלבן צימער און געזאָגט : ווי קען מען זיין ניט אויפגעלייגט, ווען מען לעבט אין ארץ־ישראל — מדינת ישראל צווישן סאַמע יידן, הינטערן פענצטער אַזאַ מלכותדיקער בוים — אַ בלומען־בוקעט, וואָס איך בין אַפילו ניט אומשטאַנד אים אַרומצונעמען — און איך לייען וועגן אַזעלכע וווּנדערבאַרע אויסדרוקן פון אהבת ישראל און אהבת ציון.

www.libtool.com.cn

די דריטע אויסערגעוויינטלעך מאָראַלישע מידה פון ראובן רובינשטיין איז געווען זיין באַציִונג צום געשריבענעם וואָרט. פאַראַן פּובליציסטן, וואָס נאָך צענדליקער יאָרן שרייבן אין אַ צייטונג ווערן זיי פּראָפעסיאָנאַליזירט אַזוי, אַז זיי פאַרלירן די אינטימע באַציִונג צום וואָרט. שרייבן היינט אַזוי, מאָרגן קענען זיי שרייבן פּונקט דאָס קאָפּויערדיקע. אַליין האָבן זיי ניט מער קיין פּיצל גלויבן אין דעם געשריבענעם — די מאַשין דאַרף שורות, דער רעדאַקטאָר איילט, אויסגעשלאָפן איז מען גראָד ניט, און די פליכט יאָגט — שרייבט מען מתוך רוטין און אַפילו ווען דאָס געשריבענע איז פול מיט סתירות וועט זיך צוליב דעם „דער הערינג ניט וואָרפן". האָב איך באַוווּנ־דערט ראובן רובינשטיין, וואָס נאָך צענדליקער יאָרן פּובליציסטישער און זשורנאַליסטישער אַרבעט און רוטין, האָט ער צום געשריבענעם וואָרט גע־האַט אַזאַ אינטימע און, כ'וואָלט געזאָגט, פרומע באַציִונג, ווי ער וואָלט ערשט נעכטן אָנגעהויבן שרייבן. זיינע מאַשין־געשריבענע כתב־ידן זיינען געווען ציכטיקע, ווייניק געמעקטע, געשטראָכענע בלויז איינצלנע ווערטער און זיי פאַרביטן מיט אַן אַנדער עקוויוואַלענט. אַז רובינשטיין האָט אויפגע־שריבן אַ שורה איז זי שוין געווען נאָכן פּראָצעס פון אַדורכטראַכטן זי. אָפּט פלעגט ער מוותר זיין אויף דעם פאַרעם פון אַן אַרטיקל, כדי צו זיין פאַר־שטענדלעכער, דער לייענער זאָל ניט האָבן קיין טעות אין דעם, וואָס ער, רובינשטיין, האָט אים צו זאָגן. ער האָט מורא געהאַט, אַז אין דער קאַלאַמ־בוריסטיק און לשון נופל על לשון וועט פאַרלוירן גיין דער תוך, די מחשבה וואָס ער וויל זי איבערליפערין צום לייענער.

פון דער נאַטור איז ראובן רובינשטיין געווען אַ מסביר און ער האָט זיך שטאַרק באַמיט, אַז זיין מחשבה זאָל ווערן אַ בן־בית אינעם מוח אַפילו פון דעם סאַמע פּשוטסטן לייענער. וואָרום צווישן צייטונגס־לייענער זיינען פאַראַן מער פּשוטע פאַרהאָרעוועטע לייענער און האַלבע אינטעליגענטן ווי פּראָפעסאָרן. די פּראָפעסאָרן קען מען סיי ווי ניט רירן פון זייערע אינטע־לעקטועלע געוווינהייטן און מיינונגען. דאַרף מען רעדן צו די פּשוטע לייע־נער. זיי זיינען דאַנקבאַר און פאַר זיי לוינט דער אָנשטרענג און די מי... האָט ראובן רובינשטיין געשריבן פאַר זיי אין זיין מסבירישן סטיל און מיט מתנגדישער לאָגיק, לויט וועלכער דער מוח און דאָס האַרץ איז היינו הך. רעדן בלויז צום האַרץ איז אַן איינפאַל פון חסידים ; רעדן בלויז צום מוח איז

www.libtool.com.cn

אַ המצאה פון קאַלטע נאַטור־וויסנשאַפטלער, בעת אַ גאַנצער מענטש איז סיי האַרץ און סיי מוח. ווער עס וויל געווינען דעם מענטש, איבערצייגן אים ניט אויף אַ רגע, נאָר סיסטעמאַטיש — דער דאַרף אַפּעלירן און אַרגומענ־טירן צום האַרץ און צום מוח גלייכצייטיק.

די יאָרן פון ראובן רובינשטיינס מיטאַרבעט אין „לעצטע נייעס״ זיינען געווען יאָרן פון גוטער פריינדשאַפט צווישן מיר און אים. ס'איז ניט געווען קיין איין איינציקער פאַל פון שלעכט פאַרשטיין זיך. ווי אַלע מיטאַרבעטער אין „לעצטע נייעס״ האָט אויך ראובן רובינשטיין געקענט שרייבן פולשטענ־דיק פריי, לויט זיין וועלט־אַנשויאונג און וועדליק זיינע שטימונגען. איז אין די אַלע יאָרן ניט געווען קיין איינציקער פאַל ער זאָל אויף אַ האָר האָבן מיסגעברויכט מיט דער אַבסאָלוטער פרייהייט פון אַרויסברענגען אין דער צייטונג זיינע מיינונגען. ער האָט קיין מאָל זיין שרייבן ניט אויסגענוצט פאַר פערזענלעכע חשבונות. אַלע מאָל איז ער געווען דער אינטעלעקטואַל־אַריסטאָקראַט, אַזאַ ווי ער איז עס געווען אין קאָוונע אין זיינע גליקלעכע יאָרן, צו זיין דער וואָרטזאָגער פון אַזאַ וווּנדערבאַר יידנטום ווי עס איז געווען דאָס ליטווישע יידנטום.

ווי דעמאָלט אין ליטע, אַזוי אויך אין ארץ־ישראל נאָך אַלע יאָרן פון ליידן, איז ער געווען דער מענטש און פובליציסט פון אהבת מענטש, אהבת ישראל און אהבת ארץ־ישראל. ס'איז געווען אַ כבוד צו זיין אין זיין שריי־בערישער געזעלשאַפט און מיט דעם געפיל פון אַזאַ כבוד, וועט דאָס גע־שטאַלט פון ראובן רובינשטיין אַלע מאָל בלייבן אין מיין זכרון.

www.libtool.com.cn



# ראובן רובינשטיין

תמוהות הן דרכי המחשבה. בעוד אני מחדד קולמוס ומתרכז בדמותו של ראובן רובינשטיין, בא וניצב עלי משה זמירי ומספר לי על ייחודו של עץ הזית. היה זה איש העליה השניה, בחור תמהוני ועתיר כשרונות, שהיה מאוהב בארץ ישראל ובאילנות שנתברכה בהם.

שים לב — אומר לי זמירי — עץ זה עקום הוא וכולו גבנונים וסיקוסים, אך מה מוצק גזעו ומה עמוקים שורשיו. שום סופה לא תזיזנו ממקומו, ומה גם שעלעליו מפושקים הם וכמו מזמינים את הרוח לחלוף ביניהם. ואכן עוברת בהם הרוח, ואם בלתי מצויה היא, תעקור אילנות ותעיף גגות, ואילו הוא, עץ הזית, על כנו הוא עומד, לא יכרע ולא ישתחוה. בעל נסיון הוא, חכם האילנות, מיטיב הוא לדעת שהסער יחלוף ושוב עולם כמנהגו נוהג, ושוב תזרח החמה. ואילו הוא את שליחותו יקיים; הענק יעניק לאדם את הפרי האחד ואין שני לו, שגלעינו רב מבשרו, שטעמו מר מלענה, והאוצר בקרבו את הברכה הצרופה והנשגבה שניתנה לו לאדם מימי בראשית, את החומר הזך והטהור, בו ימשחו מלכים וכוהנים גדולים. לפיכך יעמוד לו עץ הזית עטוף טליתו הירקרקת־כסופה קיץ וחורף בכל עונה תמיד, והיא רעננה ומשובבת כבת־צחוקו של אחד חכם קדמון, היודע שמעבר ליאוש אין עוד יאוש אלא הגאולה השלמה בלבד.

לעץ הזית דימיתיך, יהדות ליטא. מצומקת וקשוחה, קפדנית וקרת־מזג מלבר, ואילו מלגו שומרת על יצהר של אהבה טהורה. הליטאי "יבש" הוא, מעשי, בעל הגיון, אין לפניו אלא מה שעיניו רואות וידיו ממשמשות, "מתנגד" הוא, כלומר היפוכו של בן פולין או בן אוקראינה "החסידים", שכנפי חזונם מפריחות אותם אל אספמיות עילאיות. כך סחו ביניהם הבריות על גדות הדנייפר והסאן והתבדחו על ה"ליטוואק", "הצלם־קאפ", שעקשן הוא ודבק

www.libtool.com.cn

במשימה, אך מה צרים אופקיו ומה מעטה השמחה שהוא טועם בימי עוניו ומרודו. סודה של המהתלה הוא ב״רדוקציו אד אבסורדום״ שלה. על כולם הגדיל בבדיחתו הגדול שבחבורה. ודאי זכור לקורא סיפורו של ש״י עגנון על אותו ליטאי שנשתמד ובלבד שיוכל ללמוד תורה לשמה ללא דאגת פרנסה.

גלגלי הלגלוג נשברו, ועמם ירדו תהומות העגלה עם נוסעיה גם יחד. יהודי פולין ואוקראינה וליטא נשמדו. כל שיגם ושיחם — נחלת העבר. ואף־על־פי־כן רבה התמיהה, מה שטחית היתה ראיית ״החסידים״ שלא ראו בליטווק זה אלא את ברו ולא עמדו על תוכו. איפכא מסתברא. דווקא בשל שריון ההקפדה הסגור ומסוגר, דווקא בשל העדר המוצא לאדי ההתלהבות הגועשת מבפנים, — נאצרו בלבו של הליטאי כוחות עצומים, אשר לא ידעם שבט אחר בישראל, פרט אולי לתימנים, והם שהניעוהו. ובלם נפשי כביר היה למנגנון אנושי זה, שבזכותו עלה והעפיל בביטחה, נאמן למשימתו ודבק בייעודו.

ראובן רובינשטיין היה בן ליטא, עצם מעצמו ובשר מבשרו של השבט המופלא הזה, והוא ניחן בכל סגולותיו המיוחדות, שעיקרן הכושר העילאי לעמוד בסער, ההחלטה הנחושה להשיג את המטרה — ויהי מה!, הסקרנות לחיים ואהבת החיים, עד כדי אגירת כל טיפונת של טל משיב נפש, ותחושת המגוחך והמצחיק, תחושה שכמוה כטל, ועל הכל — האמונה שבלב כמנוע רב עוצמה, הפועם תמיד כהלכה והמושך את כל כולך קדימה, רק קדימה. אילולא סגולותיו אלה ודאי לא הייתי זוכה להכירו כלל. היסורים שנתנסה בהם בשנים שקדמו לעלייתו לארץ היו מעבר לגבול סבלותיו של הפרט.

לידתו וילדותו בעיירה אוטיאן שבפלך קובנה בשלהי המאה שעברה. כלל נקוט הוא בליטא: ככל שהעיירה קטנה ודלה, ככל שתושביה עניים מרודים, כן גדול הוא רבה בתורה, כן עמוקים שם שורשי תנועת התחיה הלאומית, כן שוחרי השכלה הם בני התשחורת שלה. והימים — ימי התעור־רות בציבור היהודי, וחומות הגיטו מתרעדות לקול שופרות רחוקים.

יוצא הנער לווילנא. שם נפתחת הגימנסיה של כגן, הגימנסיה היהודית הפרטית הראשונה ברוסיה ״עם זכויות למתלמדים״. הזכויות היו מוגבלות.

www.libtool.com.cn

שלא כבגימנסיות הממשלתיות חייבים היו תלמידי כגן לעמוד בבחינות ה״דפוטאטים״, רוצה לומר, שליחי מיניסטריון החינוך של רוסיה הצארית. למותר להוסיף שאלה לא הצטיינו בחיבת ישראל, והיו ששים להכשיל את בני ״עם קשה עורף״ הנדחקים להשכלה.

רובינשטיין סיים את הגימנסיה ב״מדליה של זהב״, כשבכל המקצועות ציוניו מעולים. חברו לספסל הלימודים היה מי שנודע אחר־כך כד״ר ייבין, הסופר וחתן התנ״ך, אף הוא סיים את הגימנסיה ב״מדליה של זהב״. הדפוטאטים חרקו שן. אך מה יכלו לעשות מול עקשנות יהודית ליטאית, מול ידיעה מושלמת זו של הכל, לרבות השפה הרוסית, והיא איננה שפת אם, והיא קשה כשאול. אנחנו, בני הדור החדש ברוסיה, דיברנו עם הורינו ועם חברינו רוסית. אך ראובן רובינשטיין — שפת אמו וסביבתו היתה יידיש. כדי להתגבר על קשיי השפה הזרה, הכרח היה לשנן על־פה את כל הדקדוק של קירפיצ׳ניקוב. וכאן בא לעזרה הזכרון המופלא. כל מה שהוא לומד שמור אצלו כבקופסא. עמקות ידיעתו ברוסית הפליאתני. אם יש אמת במושג ״ידיעת שפה על בוריה״ — הרי כזאת היתה ידיעתו.

משסיים חוק לימודיו צומחות לו כנפים, והוא מפליג אל עיר הבירה דאז, אל סאנקט־פטרבורג, ומתקבל כסטודנט מן המנין בפקולטה למשפטים של האוניברסיטה. אך אין זה מספיק. אורות הבירה אינם מסנוורים את עיניו. שלא כאחוזי בולמוס ההשכלה בדור שלפניו, לא ברח מעיירתו, לא פנה עורף אל אחיו בני עמו. השורשים היו עמוקים מדי. בד בבד עם לימודיו הרשמיים, הוא נכנס כתלמיד אל המכון ליודאיקה של הבארון גינזבורג. בין חבריו במכון זה — החיים עמנו לאורך ימים — הסופר ברוך קרופניק־קרוא וז. רובאשוב, הוא נשיא ישראל זלמן שזר.

קשה לתאר איך הצליח הבחור הליטאי לסדר את יומו הגדוש לימודים — והוא איננו בן־עשירים ומחובתו גם לדאוג לפרנסתו.

אומרים ״ההצלחה האירה פנים לפלוני״. דומני שביחס לראובן רובינשטיין מותר לומר, שהוא־הוא אשר האיר פניו להצלחה — במרצו הרב, בשמחת החיים, בהומור הטוב והעדין ששפע ממנו והאיר את כולו.

עבודתו הראשונה נמצאה לו במערכת השבועון הציוני הנודע ״ראזסויאֵט״ (השחר). העורך היה אברהם אידלסון. התנועה הציונית ברוסיה היתה אז יותר סנסואלית מאשר סוציאלית. ״איש ציוני״, וביחוד ״איש

www.libtool.com.cn

ציוני לוהט" ("גוריאטשי סיוניסט" בלע"ז), פירושו המקובל היה "תמהוני הוזה בהקיץ", על כל פנים, אדם הרחוק מבינה. א. אידלסון — סחו הבריות — היה "האדם הפיקח ביותר בכל התנועה הציונית". אף הוא איש ליטא. אך ככל שפיקח היה, סגנונו הרוסי טעון הרבה תיקונים. ר.ר. היה מסגנן את העורך, ואולי גם את שאר חברי המערכת, פרט לז׳בוטינסקי בלבד, ששפת הורתו היתה רוסית.

על עבודתו במערכת ה"ראזסויאֶט" היתה ראשית פרנסתו, כאמור. אך היתה זו בשבילו גם עמדה קדמית להשתתפותו הפעילה בחיי התנועה. הכל הכירו אותו, את הבחור הליטאי החינני והתוסס, והוא הכיר את הכל. סגולה מיוחדת היתה לראובן רובינשטיין, שתחילת פעולתו בכל תחום שהוא בשיגרה כמעט, ואילו בהמשכה מתברר פתאום, שעבודתו יחידה ומיוחדת היא רק לו, ובעזבו את המקום, והנה ריק הוא ואין מי שימלאנו. כך בפטרבורג, כך בקובנה, כך באחרית ימיו גם בתל־אביב.

נאָכן שילדערן דעם אָנטייל פון אַנדערע פעלקער, אַחוץ די דייטשן, אין דער פאַרטיליקונג פון יידן אין די חורבן־יאָרן, שטעלט ער זיך אָפּ אויף דער גרויסער יידישער אַנטוישונג אין דער קריסטלעכער וועלט, וואָס איז געבליבן טויב און שטום צום אומקום פון מיליאָנען יידן. נאָך מער, די זעלביקע קריסטלעכע וועלט איז אַפילו נאָכן חורבן געבליבן גלייכגילטיק צום גורל פון די קליינע רעשטלעך געראַטעוועטע יידן. און רובינשטיין איז ממשיך;

„...יאָ, מיר וואַרפן דער וועלט דעם גט אין איר אומפאַרשעמטן פּרצוף־פּנים אַריין!... די וועלט וויל זיך באַגיין אָן אונדז? נישקשה, מיר קענען זיך באַגיין אויך אָן דער וועלט. מידה כנגד מידה. און מיר טראַכטן זיך אָפּט; לאָמיר פאַרשילטן די דאָזיקע וועלט! לאָמיר צוריק בלייבן דער עם לבדד ישכון — „דאָס פאָלק, וואָס ווינט איינזאַם"...

אָבער דער אייביקער יידישער בטחון, דער אומדערשיטערלעכער גלויבן אין עם ישראל חי, דערלויבט ניט רובינשטיינען אַריינצופאַלן אין יאוש אין דעם מין מענטש. ער שרייבט:

„...און דאָך — דאָך וועט די וועלט ניט בלייבן אָן יידן און יידן וועלן ניט בלייבן אָן דער וועלט... ניין, די וועלט וועט חס וחלילה אָן יידן ניט בלייבן. אויף צעפּוקעניש די שטרייכערס, אויף צוזעצעניש די שונאים... און אויך מיר קענען נישט און וועלן זיך נישט אָפּטיילן פון דער גאַרער וועלט מיט אַ וואַנט פון הוילער שינאה... אלא וואָס דען? מיר דאַרפן רעווידירן אונדזער שטעלונג צו דער

www.libtool.com.cn

אויסערלעכער וועלט. מיר מוזן עפּעס אָפּלערנען פון דער איבער־געלעבטער קאַטאַסטראָפע... אָבער פון דער וועלט בכלל קענען מיר נישט און וועלן נישט רעזיגנירן. מיר בלייבן באַהעפט אויף אייביק מיט אירע בעסערע געשטאַלטן, מיט אירע שענערע גייסטער, מיט אירע ליכטיקערע טרוימען. יאָ, אויף אייביק!...".

ה.

צוויי יאָר צייט, פון נאָוועמבער 1946 ביז נאָוועמבער 1948, שטייט ר. רובינשטיין בראש פון „אונדזער וועג", וואָס איז די טריבונע פון דער ג אַ נ צ ע ר שארית־הפליטה, דער אָרגאַן פון צ"ק פון די געראַטעוועטע יידן.

אונטער רובינשטיינס רעדאַקציע ברענגט „אונדזער וועג" צום אויסדרוק אויף אַ ווירדיקן אופן דיליידן און פריידן פון די ניצול געוואָרענע יידן אין גלות דייטשלאַנד. עס איז לחלוטין נישט קיין גוזמא צו זאָגן, אַז אַ היפּש ביסל מיטאַרבעטערס און אויך רעדאַקטאָרן פון די אַנדערע ש"ה־אויסגאַבעס האָבן נישט ווייניק געלערנט פון רובינשטיינען, דעם פאַכמענישן פובליציסט און רעדאַקטאָר.

ו.

רובינשטיינס פובליציסטישע טעטיקייט באַגרענעצט זיך נישט מיט „אונדזער וועג". ער איז אויך איינער פון די הויפּט־מיטאַרבעטערס פון „די ציוניסטישע שטימע", אָרגאַן פון „התאחדות הציונים הכלליים" און „איחוד הנוער הציוני עקיבא" אין דייטשלאַנד. פון צייט צו צייט אַרבעט ער אויך מיט אין אַנדערע ש"ה־אויסגאַבעס.

סוף 1947 גיט ער אַרויס (צוזאַמען מיט מ. ליבהאָבער און ע. פעלד) אין מינכען „די וועלט", אומאָפּהענגיקער זשורנאַל פאַר פּאָליטיק, ליטעראַטור, קונסט און ספּאָרט. די אידעע אַרויסצוגעבן דעם דאָזיקן זשורנאַל איז ביי רובינשטיינען אוודאי געקומען ווי אַ דערמאָנונג פונעם אילוסטרירטן וואָכנ־בלאַט „די וועלט", וואָס ער האָט רעדאַקטירט אין די יאָרן 1924—1925. פון מינכענער „די וועלט" זיינען בסך־הכל אַרויס צוויי נומערן.

www.libtool.com.cn

ז.

אויפן 22סטן ציוניסטישן קאָנגרעס אין באַזעל סוף 1946 נעמט אָנטייל ר. רובינשטיין ווי איינער פון די דעלעגאַטן פון דער ש״ה אין דייטשלאַנד. דאָס איז דער ערשטער ציוניסטישער קאָנגרעס נאָכן חורבן פון אייראָפּעיִשן יידנטום. אויפן קאָנגרעס טרעפן זיך מענטשן, וואָס האָבן זיך נישט געזען במשך פון די טראַגישע מלחמה־יאָרן.

ר. רובינשטיין טרעפט זיך אין באַזעל מיט אַ סך ציוניסטישע וועטע־ראַנען, וואָס ער איז מיט זיי לאַנגע יאָרן געווען באַקאַנט און גוט אויפגע־טראָגן. ביז גאָר רירנדיק זיינען זיינע באַגעגענישן מיט ליטווישע ציוניס־טישע טוערס פון די שארית־הפליטה־צענטערס אין איטאַליע און אַנדערע לענדער. עס טויכן אויף זכרונות פון די אַמאָליקע פאַרמלחמהדיקע יאָרן. מען פרייט זיך, וואָס מען האָט זוכה געווען איבערצולעבן דעם בלוטיקן מבול און מען באַווייגט די אומגעקומענע בני־משפחה, פריינד און באַקאַנטע. דאָס איז די צייט ווען רובינשטיין האַלט נאָך אין קומען צו זיך פון זיינע פּיינפולע איבערלעבענישן אין די סאָוועטישע תפיסות און לאַגערן.

ח.

ר. רובינשטיין איז נישט בלויז אַ שעפערישער פּובליציסט און פאַכמע־נערישער רעדאַקטאָר, ער נעמט אויך אַן אַקטיוון אָנטייל אין געזעלשאַפטלעכן לעבן פון דער שארית־הפליטה. אַ געוויסע צייט פאַרנעמט ער דעם אַמט פון פאַרזיצער פון ראַט פון דער ש״ה. אויף די סעסיעס פון ראַט ווערן באַהאַנדלט די פאַרשיידענע פּראָבלעמען פון די באַפרייטע יידן און עס ווערן דאָרט באַשטימט די דירעקטיוון פאַרן צ״ק.

דער ראַט און צ״ק — די צוויי העכסטע אינסטאַנצן פון דער אַליין־פאַרוואַלטונג פון ש״ה — זיינען תמיד באַשעפטיקט מיט כלערליי לעבנס־וויכטיקע ענינים פון די באַפרייטע יידן. זיי דאַרפן פאַרטיידיקן די אינטע־רעסן פון ש״ה ביי דער אַמעריקאַנער מיליטער־רעגירונג, דייטשע רעגירונג־אינסטאַנצן, „אונראַ״ אָדער „איראָ״ און אַנדערע נישט־יידישע און אויך יידישע וועלט־אָרגאַניזאַציעס.

www.libtool.com.cn

ט.

ר. רובינשטיין געהערט צו דער אָנפירונג פונעם שרייבער־ און זשורנאַ־ליסטן־פאַרבאַנד פון די באַפרייטע יידן. אינעם פאַרבאַנד, וואָס ווערט גע־גרינדעט זומער 1946, זיינען אַנגעשלאָסן שרייבערס, זשורנאַליסטן, קינסט־לערס. אויף דער קאָנפערענץ פונעם שרייבער־פאַרבאַנד אָנהייב נאָוועמבער 1947 אין מינכען, לייענט ר. רובינשטיין אַ רעפעראַט אויף דער טעמע: „דער שרייבער און קינסטלער פון דער שארית־הפליטה".

אָנהייב 1948 ווערט רובינשטיין אויסגעקליבן אין דער דעלעגאַציע פונעם שרייבער־פאַרבאַנד צום אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס אין ניו־יאָרק. די דעלעגאַציע קאָן נישט פאָרן צום קאָנגרעס, ווייל די דעלעגאַטן באַקומען נישט קיין אַמעריקאַנער אַריינפאָר־וויזעס.

י.

אַ קאַפּיטל פאַר זיך איז רובינשטיינס טעטיקייט אין פאַרבאַנד פון ליט־ווישע יידן אין דער ש"ה אין דייטשלאַנד. דער פאַרבאַנד ווערט געגרינדעט סוף 1946. אויף דער ערשטער קאָנפערענץ פון דעם פאַרבאַנד אין מינכען אין אַפּריל 1947 איז ר. רובינשטיין צווישן די רעפערענטן (די אַנדערע רע־פערענטן זיינען: י. אַלייסקי, י. גאַר, ד"ר ש. גרינגאַוז) אויף דער עפענונג־זיצונג פון דער קאָנפערענץ. די טעמע פון זיין רעפעראַט איז: „די יידישע ליטע פון פאַר דער מלחמה". אויף דער קאָנפערענץ ווערט אויסגעקליבן אַ נייע פאַרוואַלטונג בראש מיט ר. רובינשטיין.

דער פאַרבאַנד העלפט אַרויסגעבן עטלעכע ביכער צו דער חורבן־גע־שיכטע פון ליטווישן יידנטום און סובסידירט די באַאַרבעטונג פון מאַטער־יאַלן צום חורבן ליטע אין דער צייטשריפט „פון לעצטן חורבן", אַרויסגע־געבן פון דער צענטראַלער היסטאָרישער קאָמיסיע אין מינכען, (רעדאַק־טירט פון ישראל קאַפּלאַן). ר. רובינשטיין שרייבט אַ הקדמה צו י. גאַרס בוך „אומקום פון דער יידישער קאָוונע" און אויך צו ש. גאַלבורטס בוך „דאָס געטאָ אין פלאַמען".

יא.

אין נאָוועמבער 1948 פאַרלאָזן מינכען ר. רובינשטיין און זיין איבער־

www.libtool.com.cn

געגעבענע לעבנס־באַגלייטערין, אסתר, און זיי זיינען עולה קיין ישראל. אין משך פון די צוויי יאָר, וואָס ר. רובינשטיין איז צווישן דער שארית־הפליטה, טראָגט ער צו זייער אַ סך צום קולטור־געזעלשאַפטלעכן לעבן פון די געראַטעוועטע יידן. בפרט איז גרויס זיין צושטייער צו דער שארית־הפליטה־פּרעסע, וואָס ער האָט שטאַרק באַרייכערט און אויפגעהויבן איר ניוואָ.

די טעמאַטיק פון זיינע אַרטיקלען זאָגט עדות אויף זיינע ברייטע גייסטיקע אינטערעסן. ער ברענגט אין זיי צום אויסדרוק די יידיש־נאַציאָנאַלע האָפענונגען און חלומות, בענקשאַפטן און שטרעבונגען.

ווי אַ פּובליציסט מיט אַ סך אַלגעמיינעם און יידישן וויסן פאַרמאָגט ער אַ גרויסע צאָל איבערגעגעבענע לייענערס און פאַרערערס. ער גייט נישט אויף קיין פשרות אין פרט פון איבערצייגונגען און ער איז אַן אומברחמנותדיקער קעמפער קעגן אַסימילאַציע, קעגן יידישער עם־הארצות. ער איז תמיד אויף דער וואַך צו רעאַגירן מיט זיין טאַלאַנטירטער פען קעגן עוולות לגבי יידן מצד דער נישט־יידישער וועלט.

זיין פּובליציסטיק, ווי אַלץ וואָס ער שרייבט, פאַרמאָגט וואַרעמקייט, הומאָר און ווען נייטיק אויך סאַרקאַזם. ער איז אַ שאַרפער פּאָלעמיקער, אָבער ער ווייסט די גרענעץ צווישן ערנסטער דיסקוסיע לשם פּרינציפּן און פּלאַכע פערזענלעכע אָנפאַלן. אין זיינע אַרטיקלען איז ער זאַכלעך לאָגיש און עס איז קענטיק זיין ערנסטער ישוב־הדעת ביים באַהאַנדלען אַן ענין. זיין סטיל און וואָרט־אוצר זיינען רייך, בילדעריש, פליסיק. זיינע אַרטיקלען פאַרשאַפן דעם לייענער אַן עכטן גייסטיקן גענוס — דער אידעאַל און ווונטש פון איטלעכן פען־מענטש.

אין דער געשיכטע פון דער שארית־הפליטה אין דייטשלאַנד האָט ראובן רובינשטיין אַריינגעשריבן אַ קאַלירפול קאַפּיטל. אין פאַנטעאָן פון אונדזערע מנהיגים און פען־מענטשן וועט ער אויף דור־דורות פאַרנעמען אַ פאַרדינטן בכבודיקן אָרט.

www.libtool.com.cn

אפרים שרייער

# דער וואָרטזאָגער פון די פליטים

איך האָב רובינשטיינען ניט געקענט פאַר דער לעצטער וועלט־מלחמה. איך האָב אים ניט געקענט אַלס דעם יידישן פירער אין ליטע. איך האָב אים אויך פּערזענלעך ניט געקענט בעת ער איז געווען רעדאַקטאָר פון דער קאָוונער „די אידישע שטימע" — כ׳האָב בלויז געהערט דאָן וועגן אים — כ׳האָב אָבער געהאַט די געלעגנהייט זיך צו באַקענען מיט אים נענטער בעת זיין געפינען זיך אין דייטשלאַנד, אין מינכען, אין יאָר 1946, און אים געזען אין זיין פולן ווערט ביי דער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט צווישן דעם שארית החורבן.

דער כאַראַקטער און די אומשטענדן פון יענער ניט־געוויינלעכער תקופה אין יידישן לעבן, די לייסטונגען, די אויפטוען און זייער באַדייט, ווי אויך די ראָל פון יחידים און געזעלשאַפטלעכע גרופּן, אָדער פּאָליטישע גרופּירונגען, אין יענע טעג פון צוריקקומען צו זיך, זיינען ביז היינט ניט אָפּגעשאַצט געוואָרן. די בענקשאַפט צו ווערן ווידער מ ע נ ט ש, איז דאָך דאַן געווען דער רעגירנדיקער כוח פון אונדז אַלע. דאָס גרויסע געפיל פון אחריות, די נאָך־דרעמלענדיקע נאַציאָנאַלע עמאָציעס, וואָס האָבן זיך געריסן צו דערוואַכן — דאָס אַלץ איז נאָך כמעט ווי ניט אָפּגעשאַצט געוואָרן. בלויז די אַרומגייענדיקע לעבעדיקע עדות קענען וועגן דעם דערציילן. און ראובן רובינשטיין איז געווען איינער פון די.

ער איז געשטאַנען — צוזאַמען מיט נאָך — ביים סאַמע אָנהייב פון געשטאַלטיקן דעם געזעלשאַפטלעכן פרצוף פון דער שארית הפליטה. ניט אומזיסט און ניט צופעליק איז רובינשטיינען אויסגעקומען צו רעפּרעזענטירן זיי, ווי דער פּאָרזיצער פון זייער ראַט און ווי דער רעדאַקטאָר פון זייער ציַיטונג — דער צענטראַלער אָרגאַן פון דער שארית הפליטה — „אונדזער וועג".

www.libtool.com.cn

ווי אַ לאַנגיאָריקער עסקן און פּען־מענטש, אָנגעלאָדן מיט ענערגיע און פעיִקייטן, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז ניט נאָר איז נייטיק צו קאָנטיניִרן דעם פּערזענלעכן וועג פון ביז דער מלחמה, נאָר עס איז נאָך מער נייטיק אויפצוהייבן זיך און צוצוטוליען זיך צו די פּאָריתומטע און עלנטע שפּליטערס און זיי העלפן דורכגיין דעם יסורים־וועג פונעם נאָכן היטלער־גיהנום, צו אַ תיקון, צו אַ נייעם זין, צו נאַציאָנאַלן און פּערזענלעכן ווידערגעבורט.

מיט ראובן רובינשטיין פלעג איך זיך טרעפן ביי דער אַרבעט אין ראָט פון דער שארית הפליטה, ביי פּרעסע־קאָנפערענצן, אין דער ציוניסטישער פעדעראַציע, אינעם שרייבער־פאַראיין אדג״ל. ער איז שוין דאָן געווען אַ גרויער, אַ ווייסער. די סיבירער לאַגערן האָבן זיך גוט איינגעקריצט אין זיין איידעלן פּנים. אָבער דאָס פּנים האָט אויסגעדריקט ענערגיע, דעצידירטקייט. ס׳רוב האָב איך אים געטראָפן אַ רוּקן, אַ גלייכגעוויכטיקן. ער האָט פאַרמאָגט עלאַסטישקייט, כאָטש זייענדיק אימפּולסיוו און עמפּינדלעך. פאַרמאָגט אַ פריינדלעכן שמייכל, אַ וויץ, אַ גלייכוועדטל. ניט געקאָרגט אַ גוט וואָרט בעת אַ שרייבער, אַ קאָלעגע האָט געוויזן אַ ליטעראַרישע שאַפונג, צי אַ מאמר. מיט ערנסט און פּינקטלעכקייט פלעגט ער באַטראַכטן יעדע געזעלשאַפטלעכע פּראָגע. ניט איין מאָל איז אויסגעקומען זיך צו אָמפּערן מיט אים ליידנשאַפטלעך בעתן דיסקוטירן געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען, וואָס פּאַרטייִשע שטעלונג האָט פונאַנדערגעטיילט. אָבער תמיד האָט ער זיך באַוויזן ווי דער מענטש פון רייפן געדאַנק. פאַרמאָגט אַ שאַרפע פען אין זיין פּובליציסטיק, שאַרף אין דער פּאָלעמיק, אָבער — עלעגאַנט.

אַלס מענטש פון אָפּגעהיטע פּרינציפּן און אידעאישן לעבנסגאַנג, פלעגט רובינשטיין ניט אָפּשליסן זיך אינעם תחום פון פּאַרטייִשע ד׳ אמות. אַלס התלהבותדיקער ציוניסט מיט אַן אויסקריסטאַליזירטער מחשבה, האָט ער פאַרמאָגט פאַרשטענדניש און באַציִונג צו אַלע אַנדערש דענקענדיקע פריינט פון זיין סביבה. אַ דאַנק די דאָזיקע קולטור־אייגנשאַפטן, פלעגן אים אַלע רעספּעקטירן.

אַ ליטווישער ייד, אַ בן־תורה און מאָדערנער וועלטלעכער מענטש, האָט רובינשטיין זיך ניט באַגרענעצט אויסשליסלעך צו פּובליציסטישער

www.libtool.com.cn

און געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט. ער האָט געהאַט פיל אינטערעס פאַר ליטעראַטור און קולטור פּראָבלעמען בכלל.

ווען מיר פלעגן זיך טרעפן — שוין יאָרן שפּעטער, באַגעגנען זיך ביי די פאַרשידנסטע געלעגנהייטן, פלעגט רובינשטיין שטענדיק מיט פּיעטעט דערמאָנען פאַרשידענע פּערזאָנען פון אונדזער געמיינזאַמען עבר, עפּיזאָדן און פּרטים, זכרונות פון יענער אַזוי אומגעווייִנלעכער תקופה, ווי שארית הפליטה. ס'האָט אים פּערמאַנענט באַאומרויִקט דער געדאַנק: ווער וועט פאַרשרייבן די בלעטער פון יענע פאַרגאַנגענע טעג?

אויך ראובן רובינשטיין איז מער ניטאָ — איז טאַקע, ווער וועט פאַראייביקן דאָס קאַפּיטל פון אַ שטורמישער צייט.

דאָ אין לאַנד האָט זיך ראובן רובינשטיין אויסגעלעבט אין די באַשטימטע ראַמען, וואָס זיינען אים געגעבן געוואָרן אין דער היגער יידישער פּרעסע און אַלס קאָמענטאַטאָר אין דער יידישער ראַדיאָ־שעה — זיינע שבת־שמועסן.

האָט די שרייבער־משפחה פאַרלוירן מיט רובינשטיינס אַוועקגיין אַ ווירדיקן חבר. און די יידיש־ראַדיאָ־צוהערער — זייער שבתדיקן פּאָליטישן קאָמענטאַטאָר. יענע אָבער, וואָס האָבן אים געקענט נענטער, פון יענער אומגעווייִנלעכער שארית־הפליטה־תקופה — האָבן פאַרלוירן אַן אויפריכטיקן, ווערטפולן, האַרציקן פריינד.

www.libtool.com.cn

ד. וואַלפע

# איינער פון די לעצטע פון ליטע־שבט

ראובן רובינשטיין איז געווען דער וועטעראַן פון יידישן זשורנאַליזם אין ליטע. זיין נאָמען איז פאַרבונדן מיטן אויפקום פון דער ליטווישער רעפּובליק, ווען אין אָנהייב פון די צוואַנציקער יאָרן האָט זיך האָפערדיק צעבליט אַ שפרודלדיק יידיש לעבן מיט נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע און אַן אייגענעם יידישן מיניסטער. אין יענע טעג האָט אָנגעהייבן דערשיינען די טאָג־צייטונג „די אידישע שטימע" און איר רעדאַקטאָר איז געוואָרן — דער יונגער ראובן רובינשטיין.

אַליין אַ געקומענער פון דער ליטווישער פּראָווינץ, איז ער געווען דורך און דורך אַ פאָלקסמענטש. ער האָט גוט געקענט און פאַרשטאַנען דעם ליטווישן ייד, געוווסט וואָס אים פעלט און וואָס מ'דאַרף אים געבן. האָט ער טאַקע פאַרוואַנדלט די צייטונג אין אַ פאָלקס־טריבונע — פאַר יעדן ייד, פאַר יעדן יידישן יוגנטלעכן, פאַר יעדע יידישע היים. זי איז געוואָרן דער איינציקער מקור פון אינפאָרמאַציע וועגן יידישן לעבן אין ליטע און אויף דער וועלט. דאָרט האָט מען געפונען אַן אויפקלערונג און אַ קאָמענטאַר, אַ פעליעטאָן און אַן אַרטיקל, וואָס יידן האָבן געשלונגען מיט אַפּעטיט. און אין די פרייטיקן איז עס געוואָרן די וועכנטלעכע ביבל־יאָטעק אויף אַ גאַנצן שבת. די ליטעראַטור־ביילאַגע האָט פאַרמאָגט אָנגע־פּיקעוועטע זייטן מיט ראָמאַנען און הומאָרעסקעס, דערציילונגען, לידער און עסייען פון אויסלענדישע באַקאַנטע שרייבערס, און פון אייגענע וואָס פּיקן זיך ערשט אויס פון איי...

רובינשטיין איז געווען אַ מייסטער־זשורנאַליסט פון פאָלקסטיל. ער האָט די יידן געגעבן זייער טעגלעך ברויט אין ראַזעווען יידיש. זיין טעג־לעכער לייט־אַרטיקל, אָדער ווי מ'רופט עס היינט „קאָלום", וואָס איז געווען אונטערגעשריבן מיט צוויי ריישן — און ביי וויכטיקע ענינים מיטן פולן

www.libtool.com.cn

נאָמען — איז געוואָרן די סאַמע אויטאָריטעטע מיינונג אויף דער יידישער גאַס. ער האָט געשריבן פשוט, פאַרשטענדלעך, קלאָר. ער איז געווען דער וואָרטזאָגער און פירשפּרעכער פון ליטווישן יידנטום. און הגם „די אידישע שטימע" איז געווען אַ ריין ציוניסטישע — און אין אַ געוויסן פּעריאָד אפילו געהאַט אַ רעכט־רעוויזיאָניסטישע אָריענטאַציע — האָט זי זיך דער־וואָרבן אַ ברייטע פּאָלקסבאַזע און געבליבן אַלע יאָרן די פירנדיקע צייטונג אין ליטע. די צייטונג איז זיך גרויס צעוואַקסן און זי האָט געגעבן דעם טאָן ניט נאָר אין יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן, נאָר האָט אויך מיטגעווירקט און בייגעטראָגן צום שעפערישן אויפשטייג פון דער יונגער פּלעיאָדע שרייבערס און פּאָעטן.

רובינשטיין איז געוואָרן אַ נאָמען ניט נאָר אין ליטע, נאָר אויך אין אויסלאַנד, און זיין נאָמען איז געווען אין אַ געוויסער מאָס די אידענטיפי־קאַציע פון ליטווישן ייד. זיין סטאַטוס איז געווען פון אַזאַ גראַד, אַז אויך די פּאַרטייאישע פּרעסע האָט זיך באַצויגן מיט רעספּעקט צו זיינע מיינונגען. אַזוי האָט אויסגעזען דאָס בילד ביז ליטע איז אין 1940 אָקופּירט געוואָרן דורכן סאָוועטן־פאַרבאַנד.

ס'הייבט זיך אָן דער אַלגעמיינער חורבן־קאַפּיטל פון מזרח־איראָפּעישן יידנטום און מיט דעם אויך די פּערזענלעכע טראַגעדיע פון ראובן רובינ־שטיין. זיין „אידישע שטימע" ווערט אין משך פון אַ פּאָר וואָכן מגולגל אין אַן „עמעס", און ער אַליין ווערט מיט נאָך הונדערטער יידן (א"ג „שונאים פון סאָוועטן־פאַרבאַנד"), פאַרשלעפּט אין סיביר. אין 1947 קערט זיך רובינ־שטיין צוריק פון „דאָרט", מיטן פּליטים־שטראָם, קיין דייטשלאַנד. אַ שאָד וואָס ער האָט דעם „סוד" פון זיין סאָוועטישער קאַטאָרגע באַהאַלטן ביי זיך אין האַרצן — ניט גערעדט און ניט דערמאָנט און אויך ניט באַרירט עס מיט דער פּען. אפשר איז טיף אין זיין נשמה נאָך אַלץ געווען די מורא, אַזוי, אַז דאָס דאָזיקע קאַפּיטל אין זיין לעבן איז כמעט געבליבן אומבאַקאַנט.

אין 1948 איז ער עולה געווען קיין ישראל, און ביז צום לעצטן טאָג געווען טעטיק געזעלשאַפטלעך און זשורנאַליסטיש. זיין ל י ט וו י ש ע ק אַ ל אָ נ י ע אין ישראל האָט אים נאָכגעטראָגן די "אַלטע" אָנערקענונג פון זיין רום און גלאַנץ־פּעריאָד פון דער ליטע. מ'האָט אים אין ישראל געדענקט „די גנאָד פון זיין יוגנט" — די באַגייסטערטע און מוטיקע

www.libtool.com.cn

מאמרים זיינע, וואָס האָבן געהאָלפן בויען די ציוניסטישע און חלוצישע באַוועגונג אין ליטע; אַרטיקלען, וואָס האָבן געצייכנט דעם וועג פון ציוניסטישן געדאַנק און די פאַרווירקלעכונג פון איר אידעע — אַרטיקלען פון גלויבן און האָפענונג. ער האָט נאָך פאַרגעזעצט צו שרייבן אין זעלבן גייסט. און זיינע אַרטיקלען זיינען זיך צעגאַנגען איבער דער גאַרער יידישער וועלט.

אין מדינת ישראל און אין די תפוצות האָבן צענדליקער טויזנטער יידן יעדן פרייטיק צו נאַכט געוואָרט אויף זיין „גוט שבת, יידן!" אין דעם „קול ישראל" פראָגראַם אויף יידיש. זיין וואַרעם־ליטווישער אַקצענט האָט דערמאָנט דעם אַלט־באַקאַנטן סטיל פון אַ געמיטלעכן שמועס אין יידישע היימען אין פרייטיק־צו־נאַכטן. ס'האָט געוועקט און צוריקגעבראַכט אַלטע בענקשאַפטן.

רובינשטיין האָט נאָך זוכה געווען, אַז זיין חלום זאָל פאַרווירקלעכט ווערן — ער האָט מיטגעזונגען און מיטגעוויינט מיט די פריידן און ליידן פון דער אויפגעקומענער מדינת ישראל. טיף אין האַרצן האָט ער אָבער געטראָגן דעם צער און די יסורים פון חורבן פון ליטווישן יידנטום און פון זיין היים־חורבן — זיין פרוי און זיינע קינדער — וואָס זיינען פאַרשניטן געוואָרן פון די נאַציס.

מיט ראובן רובינשטיין איז אַוועק אין דער אייביקייט אַ פראָמינענטער זון פון ליטע־שבט — איינער פון אירע לעצטע וואָרטזאָגער און פירער.

www.libtool.com.cn

א. אלפערין

# דער וועטעראַן פון דער יידישער פרעסע

ווי לאַנג איך וועל לעבן, וועל איך געדענקען אַט די דערשיטערנדיקע סצענע:

דאָס איז געווען אין באַזעל, אין דעצעמבער 1946. דער ערשטער ציוניסטישער קאָנגרעס נאָכן חורבן פון אייראָפּעיִשן יידנטום האָט זיך געהאַלטן ביים צונויפקומען. אַ קאָנגרעס פון חורבן איז ער געווען — און פון אַ ביטערן, פאַרצווייפלטן געראַנגל פאַר דער באַלדיקער גאולה. און נאָך מער, און נאָך עפּעס אַנדערש, און נאָך עפּעס מוראדיק אויסטערלישעס: עס איז געווען אַ קאָנגרעס פון גייסטער וועלכע זיינען ווי אויפגעשטאַנען פון קברים.

עס האָבן זיך באַוויזן חברים ציוניסטן, געראַטעוועטע על פּי נס פון די קאָנצענטראַציע־לאַגערן, פון די פאַרשיקונגס־לאַגערן, פון די גאַז־אויוונס, פון די בונקערס.

און אַט שטייט פאַר מיר דאָס בילד, אין איינעם פון די קאָרידאָרן, גראַד אַ האַלב־פינצטערן אין דעם בנין פון קאָנגרעס — דאָס בילד, ווי ראובן רובינשטיין, דער פאַר־מלחמהדיקער רעדאַקטאָר פון אַ יידישער טאָגצייטונג אין קאָוונע און פריער פון די אַלגעמיינע ציוניסטן אין ליטע, האָט מיט אַ מאָל דערזען אַ צווייטן רעדאַקטאָר אויך פון אַ יידישער טאָגצייטונג אין קאָוונע און אַ פירער פון צעירי־ציון — פועלי־ציון אין ליטע, ל. גאַרפונקעל. איז איינער אַרויפגעפאַלן אויפן האַלדז פון דעם צווייטן, און ביידע האָבן זיך צעוויינט.

לאַנג, לאַנג האָבן זיי געוויינט, יעדער באַזונדער אַנגעלענט ערגעץ־ווו אין דעם האַלבפינצטערן קאָרידאָר, ביידע אויסגעשעפּטע פון אַן אומגעהויער־טיפן צער פון מאַטערניש און פּיין. איינער האָט ביז דער דאָזיקער רגע ניט געוווסט פון דעם צווייטן, ווו ער איז אַהינגעקומען. ביידע האָבן

www.libtool.com.cn

שוין אוודאי ניט געגלויבט, אַז זיי וועלן זיך אַ מאָל באַגעגענען לעבעדיקע. און ביידע האָבן זיי אויסגעזען ווי האַלבע מתים.

געקומען זיינען זיי פון ערגעץ־ווו, פון פאַרשיקונג און לאַגערן. נאָכן ציוניסטישן קאָנגרעס זיינען זיי ביידע אַוועקגעפאָרן קיין ארץ־ישראל — וווּהין אַנדערש האָבן אַזעלכע געטרייע און באמונה שלימהדיקע געראַטע־וועטע ציוניסטן געזאָלט פאָרן? ראובן רובינשטיין, דער אויסגעצייכנטער פּובליציסט מיט אַ סך קענטעניש און וואַרעמען טאָן, האָט איבערגענומען די אַרבעט אין אַ פּרעסע־ביוראָ. במשך פון עטלעכע יאָר האָט ער רעדאַק־טירט אַ ביולעטין אין יידיש, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך דעם פּרעסע־אַמט פון דער ישראל־אַרמיי.

ערלעך, איבערגעגעבן, מיט די בעסטע פון זיינע פעיִקייטן און ביז דער לעצטער רגע, ווען זיינע פיזישע כוחות האָבן אים נאָר דערלויבט, האָט ראובן רובינשטיין, דער וועטעראַן פון דער יידישער פּרעסע אין דער אַמאָליקע אייראָפּע, געדינט מיט זיין פיינער פען דער יידישער מדינה — וואָס איז געווען די שטרעבונג, דער חזון און דער פאַרווירקלעכטער חלום פון זיין ציוניסטישן לעבן.

ראובן רובינשטיין האָט געהערט צו דעם טיפּ פּראָמינענטע יידישע זשורנאַליסטן און פּובליציסטן, וועלכע מיר האָבן געקענט נאָר אין דער אַמאָליקער מזרח־אייראָפּע, ווען עס זיינען דאָרט נאָך געווען די גרויסע יידישע מאַסן־ישובים; ווען די יידישע נאַציאָנאַלע מינדערהייטן אין די לענדער האָבן נאָך געהאַט קולטור־אויטאָנאָמיע — אין דעם זין און אין דעם גייסט פון די אַלטע גוטע פּראָגראַמען פון די אַמאָליקע יידישע נאַציאָ־נאַלע באַוועגונגען — און ווען יידן זיינען געזעסן אין די געוויילטע פּאַר־לאַמענטן פון די מדינות אַלס יידישע פאָרשטייער, און אין די אָרגאַניזירטע יידישע קהילות, מיט זייערע עקזעקוטיווע קערפּערשאַפטן. פלעגט דאָך ניט איין יידישער זשורנאַליסט, צי רעדאַקטאָר פון אַ יידישער צייטונג אין די לענדער, אין יענע ווייטע יאָרן, נאָכן פאַרלאָזן דעם שרייבטיש אין זיין רעדאַקציע, אַוועקגיין אין דעם פּאַרלאַמענט פון זיין לאַנד, ווו ער איז געווען אַ געוויילטער רעפּרעזענטאַנט פון דער יידישער באַפעלקערונג, אָדער אין דער קהילה, ווו ער איז געווען אַ געוויילטער אָנפירער פון זיין

www.libtool.com.cn

פּאַרטיי, אָדער פּראַקציע. אַזוי איז עס געווען אין וואַרשע, און אין אַלע אַנדערע גרעסערע שטעט אין פּוילן. און אַזוי איז עס אויך געווען אין ריגע, אין קאָוונע, אין בוקאַרעשט, אין קישיניעוו. ווייט־ווייטע און גאַנץ אַנדערע צייטן זיינען עס געווען.

ראובן רובינשטיין איז געווען איינער פון דער דאָזיקער קאַטעגאָריע יידישע רעדאַקטאָרן און פּובליציסטן. במשך אַ ריי יאָרן איז ער געווען אַ מיטגליד פון קאָוונער שטאָטראַט, געוויילט פון די אַלגעמיינע ציוניסטן, און האָט דאָרט צוזאַמען מיט זיינע קאָלעגן, יידישע פאָרשטייער פון אַנדערע פּאַרטייען און גרופּעס, אַנגעפירט דעם קאַמף פאַר יידישע רעכט. ער האָט געדינט דעם ליטווישן יידנטום בכלל און דעם יידנטום — אין דער גאַרער וועלט — מיט זיין פען, אַלס פירנדיקער פּובליציסט פון דער צייטונג „די אידישע שטימע".

און ווי אַ ציוניסטישער פירער, איז ראובן רובינשטיין געשטאַנען אין די ערשטע רייען פון דער ציוניסטישער באַוועגונג אין ליטע. ער האָט געשטאַרקט, פאַרטיפט און געקעמפט פאַר דעם ציוניזם אין זיין לאַנד, און האָט פאַרטראָטן זיין ריכטונג אין ליטווישן ציוניזם אויף די ציוניסטישע קאָנגרעסן, זייענדיק אָפּט מאָל דער וואָרטזאָגער פון דעם וועלט־פאַרבאַנד פון די אַלגעמיינע ציוניסטן.

אַזוי האָט געלעבט, געאַרבעט, געשטרעבט און געקעמפט ראובן רובינ־שטיין — אַ פּובליציסט, אַ רעדאַקטאָר, אַ יידישער פּאַרלאַמענטאַריער, אַ ציוניסטישער מנהיג און וואָרטזאָגער, אַ פירער פון ליטווישן יידנטום און — דורך זיין פּאָזיציע — אויך אַ פירער פון וועלט־יידנטום.

מיטן טויט פון ראובן רובינשטיין איז אַוועקגעגאַנגען פון אונדז איינער פון די לעצטע שרידים און פליטים פון אַ גאַנצער אונטערגעגאַנגענער יידישער קולטור און ציוויליזאַציע אין אייראָפּע.

www.libtool.com.cn

גרשון אלימור (וואָלקאָווסקי)

# ראובן רובינשטיין אין ארץ־ישראל

עס איז געווען אין רעכטן ברען פונעם אומאָפּהענגיקייט־קריג. אין איינעם פון די פייער־איבעררייסן, סוף אָקטאָבער 1948, איז באַקאַנט געוואָרן, אַז ראובן רובינשטיין איז אָנגעקומען אין לאַנד.

פאַר אונדז, געוועזענע מיטאַרבעטער פון דער קאָוונער „די אידישע שטימע", האָט די ידיעה וועגן זיין קומען, אָפּגעהילכט ווי אַן אָפּקלאַנג פון אַ ווייט־נאָענטער צייט; פון ליכטיקע, האָפערדיקע טעג. דערמאָנט אין אונדזער געמיינזאַמער צוזאַמענאַרבעט און פריינדשאַפט. מחמת רובינשטיין איז קיין מאָל ניט געווען דער קאַלטער רעדאַקטאָר, וועלכער בעסערט אויס מיט אַ שטרענגער האַנט די מאַנוסקריפּטן פון זיינע מיטאַרבעטער, נאָר איז געווען אַ לערער און אַ פריינד.

רובינשטיין איז געווען אַ רעדאַקטאָר מיט אַ זעלטענעם חוש פאַר סטיל און פאָרעם. אַ מיטאַרבעטער פון זיין צייטונגג, וועלכער פלעגט ווידער דורכלייענען דעם אייגענעם אַרטיקל, אָדער רעפּאָרטאַזש, וואָס איז דורכגעגאַנגען רובינשטיינס האַנט, פלעגט געניסן פון אַ שיינער לעקציע אין זשורנאַליסטיק. און אויסער די תורה שבכתב איז אויך געווען תורה שבעל פה. ער פלעגט אַלע מאָל דערקלערן פאַר וואָס אָט די שורה דאַרף ווערן אויסגעשטראָכן און אָט די דאַרף ווערן צוגעשריבן, און ביי דעם מיטאַרבעטער פלעגן זיך ממש עפענען די אויגן. ער פלעגט פילן, אַז מיט יעדן טאָג האָט ער געמאַכט נאָך אַ קליינעם טראָט פאָרויס אין זיין זשורנאַליסטישער אַנטוויקלונג. און פון דעם די גרויסע אַכטונג, צוגלייך מיט דער גרויסער ליבע, פאַר רובינשטיינען מצד זיינע מיטאַרבעטער־תלמידים.

און אָט, נאָך אַ הפסקה פון זיבן יאָר — שווערע טראַגישע יאָרן אָנגעפילט מיט אימה — איז ער ווידער מיט אונדז. רובינשטיין איז דערשלאָגן און צעבראָכן, די דורכגעגאַנגענע פּיין קענטיקט זיך אויס — אָבער דאָך

www.libtool.com.cn

גייט אויף דער ליכטיקער בליק, דער גוט־ברודערישער שמייכל פאַרדעקט און דערשטיקט אין זיך די ווייען, ווי איינער זאָגט — דאָס אַלץ איז מיין פּריוואַט זאַך און איר דאַרפט פון דעם ניט ליידן.

אין ישראל איז רובינשטיין ניט געווען אין דער בחינה פון אַן עולה חדש. זיין נאָמען איז דאָ, ווי אין דער גאַנצער יידישער וועלט, געווען גוט באַקאַנט און געשעצט, אַלס איינער פון די בולטע נעמען אין דער יידישער פּרעסע. מען האָט אים אויפגענומען מיט וואַרעמקייט און פאַרערונג. דער זשורנאַליסטן־פאַרבאַנד האָט אים איינגעאָרדנט אַ שיינעם באַנקעט, אויף וועלכן דער דעמאָלטדיקער פאַרזיצער, יוסף העפטמאַן, דער לייטער פון דער פּרעסע־אָפּטיילונג אין אינערן־מיניסטעריום ישעיהו קלינוב און אַנדערע האָבן אַרויסגעהויבן רובינשטיינס בייטראַג ווי אַ פּובליציסט, רעדאַקטאָר און קעמפער פאַר יידישע רעכט און באַטאַנט, אַז די ישראלדיקע פּרעסע איז באַרייכערט געוואָרן מיטן צוקומען פון אַזאַ קראַפט.

די ציטונגען זיינען פאַר אים געווען אָפן. ער האָט אָנגעהויבן שרייבן אין „הארץ", אין „ידיעות האחרונות", אין פאַרשידענע אויסלענדישע ציי־טונגען. אין דער זשורנאַליסטיק, וואָס איז פאַר אים געווען ווי לופט צום אָטעמען, האָט ער געפונען גענעזונג. עס האָט אָנגעהויבן אין אים אויפוואַכן זיין גוט־באַקאַנטער שאַרפזין, זיין לייכטער הומאָר, זיין נאַטירלעכער אָפּטימיזם. די זשורנאַליסטישע טעטיקייט האָט אים ווי געהאָלפן צו פאַר־דעקן די טיפע וווּנדן, וועלכע האָבן געהויערט אין זיין געמיט. צוויי יאָר איז ער געווען רעדאַקטאָר פון „אונדזער וועג" אין מינכען. אָבער דאָס איז געווען אַ ספּאָראַדישע טעטיקייט און עס האָט זיך געפאָדערט אַ פעסטער באָדן אונטער די פיס און אַן אַמט, וואָס זאָל אים באַפרייען פון דאגת־פּרנסה און ווו ער זאָל זיך קאָנען פריי און פול אויסדריקן.

און די לייזונג איז געקומען.

אָנהייב 1949 האָט דוד בן־גוריון באַאויפטראָגט דעם זשורנאַליסט און עסקן יצחק זיו־אב צו גרינדן ביים זיכערהייטס־מיניסטעריום אַן אָפּטייל פאַר געזעלשאַפטלעכע באַציִונגען (אגף ליחסי ציבור). זיו־אב האָט גלייך איינגע־לאַדן רובינשטיינען אַלס רעדאַקטאָר פון די פּובליקאַציעס.

— וואָס וועלן זיין מיינע אויפגאַבן? — האָט רובינשטיין געפרעגט זיין נייעם שעף.

www.libtool.com.cn

— אייערע אויפגאַבן וועט איר זיך אַליין שאַפן צום נוצן פון אונדזער מיניסטעריום און צום כבוד פון אונדזער דעפּאַרטאַמענט — האָט אים זיו־אב געענטפערט.

און אַזוי איז אין אַ פרימאָרגן פון יאַנואַר 1949 ראובן רובינשטיין אַריינגעקומען אין אַ ליידיקן צימער פונעם אָפּטייל פאַר געזעלשאַפטלעכע באַציונגען, האָט זיך אַוועקגעזעצט ביי אַ ליידיקן טיש און איז געוואָרן ווי־דער אַ מאָל אַ רעדאַקטאָר.

רובינשטיין האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין זיין נייער אַרבעט מיט אימ־פּעט און ווילן. דער ליידיקער טיש איז באַלד באַדעקט געוואָרן מיט מאַ־טעריאַלן פון זיכערהייטס־מיניסטעריום, מיט פאַרשידענע צייטונגען. די ליידיקע פּאָליצעס זיינען פול געוואָרן מיט טעקעס און ביכער און ווי אַלע מאָל — אין אַ מוסטערהאַפטער אָרדענונג.

עס האָבן אָנגעהויבן דערשיינען ביולעטינען אין צוויי שפּראַכן — העברעיש און יידיש — וועלכע פלעגן אָפּשפּיגלען די טעטיקייט פון מי־ניסטעריום און האָבן געדינט אַלס גלענצנדער פּראָפּאַגאַנדע־מאַטעריאַל סיי אין ישראל, סיי אין אויסלאַנד.

דער העברעישער ביולעטין האָט געהייסן „לקט" און דער יידישער — „זאַמלונג". „לקט" פלעגט פאַנאַנדערגעשיקט ווערן צו פאַרשידענע ישראל־דיקע אַנשטאַלטן און צו אַלע אָרטיקע צייטונגען. „זאַמלונג" פלעגט פאַנ־אַנדערגעשיקט ווערן צו פאַרשידענע יידישע פּערזענלעכקייטן און צו אַלע יידישע צייטונגען אין אויסלאַנד.

די רעדאַקציעס, וועלכע זיינען געוווינט זיך צו באַציען מיט גלייכגילט צו דער אָפיציעלער פּראָפּאַגאַנדע און צו אויפקלערונג מאַטעריאַלן, וואָס קומען אָן פון רעגירונג־אינסטיטוציעס, האָבן פלוצלונג דערפילט אַן ענדערונג. עפּעס טראָגן די מאַטעריאַלן פונעם זיכערהייטס־מיניסטעריום אַן אַנדערן פרישן אָטעם. זיי קומען אָן פּאַרטיק רעדאַגירטע, צוגעגרייטע פון אַ דער־פאַרענער האַנט. ניט מער פאָרמעל, טרוקן, נאָר פאַרביק, זשורנאַליסטיש און נאַראַטיוו געשריבן.

דער צווילינג־ביולעטין „לקט" און „זאַמלונג" איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ ברייט־פאַרצווייגטער רעדאַקציע, וועלכע האָט צוגעצויגן אַלס מיט־אַרבעטער דוד בן־גוריון, שמעון פּרס, משה דיין, פאַרשידענע אַנדערע מי־

www.libtool.com.cn

ניסטאָרן, כנסת־מיטגלידער, געזעלשאַפטלעכע טוער, זשורנאַליסטן פון פּאַר־שידענע צייטונגען. אַלע רעדעס און אַרטיקלען, וועלכע האָבן געהאַט אַ באַ־דייט פאַר דער זיכערהייט־פּראָפּאַגאַנדע, פּלעגן ווערן איבערגעזעצט אין יידיש און פאַרשפּרייט ווערן איןביידע ביולעטינען.

אַזאַ ברייט־פאַרצווייגטע רעדאַקציע נוטיקט זיך דאָך אין אַ געוויסן פּערסאָנאַל. ווער זיינען געווען די מיטגלידער פון דעם דאָזיקן פּערסאָנאַל? אַז איך האָב די פראַגע געשטעלט דעם איצטיקן דירעקטאָר פונעם אגף ליחסי ציבור, שרגא בן משה, האָט ער מיר אויסגערעכנט אַלעמען: ראובן רובינשטיין, רובינשטיין ראובן, ראובן און רובינשטיין — רובינשטיין און ראובן...

אָבער ניט געקוקט אויף דעם באַלאַסט פון זיין אַרבעט האָט זיך קיין מאָל ניט געפילט ביי אים געשפּאַנטקייט, קיין אָנשטרענגונג. אַ באַזוכער אין זיין אָפּטיילונג, פלעגט איבערראַשט ווערן פון דער אויפגעלייגטקייט און לייכט־קייט, וואָס האָט געשטראַלט פון רובינשטיינען. ער פלעגט אויפנעמען יעדן גאַסט מיט אַ באַחנטן שמייכל און געבן צו פילן, אַז ער האָט גענוג צייט מיט דיר צו שמועסן, און אַפילו דיך איינלאַדן אויף אַ גלעזל קאַווע אין דעם דערבייאיקן רעסטאָראַן פון דער קריה, ווייל וואָס ער האָט צו טאָן האָט ער שוין אָפּגעטאָן מיט שעהן צוריק.

אין יאָר 1961 איז געקומען די צייט, ווען ער האָט געדאַרפט אַרויס־גיין אויף פּענסיע. דער זיכערקייטס־מיניסטעריום האָט אָבער ניט געוואָלט מוותר זיין אויף „אַלע רובינשטיינס" מיט איין מאָל און ער האָט נאָך פאַר־געזעצט צו אַרבעטן לויט אַ ספּעציעלן קאָנטראַקט. אַזוי האָט ער געאַרבעט כל זמן זיינע פיזישע כוחות האָבן עס אים דערלויבט און דאַן — דאַן איז דער גאַנצער אַמט פון „עורך הפירסומים" בטל געוואָרן...

זיצנדיק אויף אַ פּאָסטן, וועלכער האָט אים געגעבן פּרנסה בכבוד און אַ באַפרידיקונג פאַר זיין זשורנאַליסטיש־רעדאַקטאָרישן דראַנג, איז ער ביס־לעכווייז געקומען צו זיך און אָנגעהייבן פאַנאַנדערוויקלען זיינע שעפערישע כוחות.

זייענדיק פון דער פריער יוגנט אַ הייסער ציוניסט און אַן העברעיסט, האָט ער דאָך געפונען זיין גייסטיקע היים אין דער שפּראַך, אין וועלכער ער האָט אַ לעבן־לאַנג געשאַפן — אין יידיש.

www.libtool.com.cn

אַזוי איז ער אַריינגעטראָטן אין יידישן שרייבער־ און זשורנאַליסטן־פאַראיין, ווו ער איז גיך געוואָרן אַ באַליבטער און בכבודיקער מיטגליד פון דער פאַרוואַלטונג און זייער אָפּט געפירט דעם פאָרזיץ אויף פאַרשידענע צוזאַמענקונפטן. אַלס פאָרזיצער, פלעגט ער זיך אויסצייכענען מיט זיין לייכטן הומאָר און וואַרעמקייט, וואָס פלעגט אַריינטראָגן אַ הייטערע שטי־מונג, אַפילו ווען עס פלעגן באַהאַנדלט ווערן די סאַמע ערנסטע טעמעס.

„קול ישראל" האָט אויך פאַרשטאַנען אויסצונוצן דעם טאַלאַנטירטן רעדנער און שמועסער פאַר די יידישע אוידיציעס און זיינע פּריוויט־צו־נאַכט־שמועסן זיינען געוואָרן אַ שם־דבר. די שמועסן פלעגט ער אָנהייבן מיט אַ „גוט שבת אייך, שוועסטער און ברידער" און אין אַ האַרציקן הומאָר־פולן נוסח פלעגט ער אין געציילטע מינוטן געבן אַן איבערבליק איבער די אַקטועלע פּאָליטישע פראַגן. זיין שמועס איז אַלע מאָל געווען דורכגעזאַפּט מיט פאָלקסווערטלעך און באַהויכט מיט אַן אָפּטימיזם, וואָס פלעגט אַריינ־ברענגען אין די יידישע הייזער רו און גלויבן, אַפילו אין די שווערסטע טעג פון שפּאַנונג.

אויסער די פריייטיק־צונאַכט־שמועסן, פלעגט ער יעדן זונטיק געבן אַ פּאָליטישן איבערבליק. גאַר אָפט זיינען אָט די איבערבליקן געווען טיפע, אַנאַליטישע באַטראַכטונגען אונטערן נאָמען „אָבסערוואַטאָר". אַ לאַנגע צייט האָט ער אויך טראַנסמיטירט „אַ וואָרט צו אונדזערע ברידער אין דער ווייט", ווי ער פלעגט אָנרופן זיין טראַנסמיסיע אין „קול ציון לגולה". אויך די אָפּהאַנדלונגען, ווי די פריייטיק־צונאַכט־שמועסן פלעגן זיין דורכגעדרונג־גען מיט מוט, האָפענונג און גלויבן — און ווער האָט זיך נאָך אַזוי געננוי־טיקט אין מוט און אין האָפענונג, ווי די „ברידער אין דער ווייט"?

אַ לענגערע צייט האָט „קול ישראל" געפירט אַ פּראָגראַם „דאָס איז געווען נעכטן" — בילדער פון דער פאַרגאַנגענהייט אין דער אויפלעבנדיקער ארץ־ישראל, פון די ערשטע חלוצים, פון די שומרים, פון די קאַמפן מיט די ענגלענדער און מיט די אַרטיקע שונאים. אויך די אוידיציע איז איבער־געגעבן געוואָרן ראובן רובינשטיינען. און ווען איר האָט אייך צוגעהערט צו די שילדערונגען פון געשעענישן פון צוויי דריי דורות צוריק, האָט איר קיין מאָל ניט געקענט גלויבן, אַז דאָס רעדט צו אייך אַ מענטש, וואָס איז אַליין ניט געווען פאַרמישט אין די דאָזיקע געשעענישן. דאָס איז געווען אַ געראַ־

www.libtool.com.cn

טענע ראַדיאָפּאָנישע פּראָגראַם דורכגעמישט מיט לידער פון און אַרום דער געשילדערטער תקופה.

...און די יאָרן האָבן זיך אָנגערוקט. די שטים האָט אָנגעהויבן קלינגען שוואַכער און מידער. ניט מינערנדיק דעם גוטמוטיקן הומאָר, איז ער דאָך געווען אומרויִק איבער זיין אַלץ מער און מער אָפּגעשוואַכטן געזונט. און דער וואָס האָט זיינע טויזנטער צוהערער דערמונטערט און געזייעט אין זיי האָפענונג און גלויבן, האָט זיך אַליין געוויטיקט אין דערמוטיקונג און דאָ האָט זיך געבעטן ווי אַ רפואה, אַ „ווייסער ליגן״. כאָטש מיר פלעגן דאָס רוב רעדן צווישן זיך יידיש — די שפראַך, אין וועלכער ער איז זעקס יאָר געווען מיין רבי — פלעג איך אים נאָך יעדן שמועס טעלעפאָנירן און זאָגן ״הכל והקול היה טוב״ (אַלץ און די שטים איז געווען גוט) און ער פלעגט זיין הויפּטזעכלעך גליקלעך, וואָס ה ק ו ל — די שטים — איז געווען גוט...

און טאָמער וווּנדערט איר אייך ווי אַזוי איז עס אַ מענטש אין זיינע יאָרן — ווען ער איז געקומען אין לאַנד איז ער געווען נאָענט צו שישים — און נאָך אַזעלכע טראַגישע איבערלעבענישן, געווען ביכולת אַזוי פיל צו שאַפן אויסער דער פאַראַנטוואָרטלעכער אַרבעט אויף זיין פּאָסטן אין זיכער־הייטס־מיניסטעריום, קען מען נאָך צוגעבן, אַז „קול ישראל״ איז נאָר געווען אַ טייל פון זיין שעפערישער טעטיקייט.

מיט דער זעלבער פּינקטלעכקייט און ניט מיט קיין קלענערן דערפאָלג האָט ער אויך מיטגעאַרבעט אין דער פּרעסע. איניקע יאָר האָט ער זיך באַטייליקט אין דעם אַלגעמיין ציוניסטישן וואָכנבלאַט ״אונדזער הייַנט״, אָנ־טיילגענומען אין דער העברעיִשער פּרעסע, אין טאָג־צייטונגען און אין פאַר־שידענע פּעריאָדישע שריפטן אין ישראל און אין אויסלאַנד.

אָבער זיין אמתע פּרעסע־היים האָט ער געפונען אין דער טאָג־צייטונג „לעצטע נייעס״. דאָ האָט ער יעדן שבת געהאַט זיין חשיבותדיקן פּלאַץ א״נ „בריוו צו אַ פריינד״, ווו ער פלעגט מיט פרישקייט און טעמפּעראַמענט זיך אָפּרופן אויף אַלע אַקטועלע געשעענישן און פּראָבלעמען אין יידישן און אין אַלגעמיינעם לעבן.

זיין שרייבערישער מהות און כאַראַקטער האָט ניט געוווּסט פון קיין דיסטאַנץ צווישן אים און זיינע צוהערער, צווישן אים און זיינע לייענער. טשיקאַווע, עס האָט אויך קיין מאָל ניט פּאַסירט, אַז אַ לייענער פון זיינע

www.libtool.com.cn

אַרטיקלען זאָל צו מאָל געפינען אַ זאַץ פון דאָס געדרוקטע אין זיינע ראַדיאָ־שמועסן.

אָבער ניט נאָר דער אַלטער רעדאַקטאָר און זשורנאַליסט האָט אין אים אויפגעלעבט אין ישראל. עס האָט זיך אויך דערוועקט דער ענערגישער געזעלשאַפטלעכער טוער. און דאָס אין דער ערשטער ריי צווישן זיינע ליטוואַקעס. אויך דאָ איז ער געוואָרן דער מנהיג פון דעם ליטווישן ציבור.

אין יאָר 1932 האָט זיך אין ארץ־ישראל געגרינדעט דער פאַרבאַנד פון ליטווישע יידן, „איגוד יוצאי ליטא". דער ערשטער פאָרזיצער פון פאַרבאַנד איז געווען דער פאַרדינסטפולער ליטווישער טוער און חשובער ציוניסט שמעון גאָלדבערג. פון די ערשטע וואָס האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין דעם פאַרבאַנד, איז געווען דער באַקאַנטער יוסף זימאַן, פון די גרינדער פון דער שכונה נחלת יצחק (אויפן נאָמען פון גאון ר' יצחק אלחנן) און אַנדערע באַקאַנטע אַפּשטאַמיקע פון ליטע. מיטן אָנקומען פון ראובן רובינשטיין אין לאַנד, איז געווען זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז ער דאַרף ווערן דער פאָרזיצער פונעם פאַרבאַנד פון די ליטווישע יידן אין ישראל.

אונטער רובינשטיינס לייטונג האָט דער פאַרבאַנד באַקומען אַ נייעם שוווּנג. איז דאַך זיין נאָמען געווען באַקאַנט און פאַרערט ביי די ליטוואַקעס איבער אַלע תפוצות. פאַר דער צייט האָבן די עסקנים פון ליטווישן פאַרבאַנד אין פילאַדעלפיע אָפּגעקויפט אַ גרויסן שטח לאַנד אין רמת־השרון, אויף וועלכן זיי האָבן אויסגעבויט אַ שיכון פון 80 וווינונגען פאַר ליטווישע עולים.

די איבערגעגעבענע פילאַדעלפיער טוערס האָבן אויך געשאַנקען דעם איגוד אַ פּרעכטיקן לאָקאַל אין תל־אביב. ניט ווייניק האָט באַווירקט און צוגעהאָלפן אין דעם ראובן רובינשטיין.

אַ רייכער דרום־אַפריקאַנער ליטוואַק, א. ד. איברההמס, האָט געשפּענדעט פינף טויזנט פונט שטערלינג אַלס אַ באַזיס פאַר אַ גמ"ח קאַסע פאַר ליטווישע עולים. רובינשטיין האָט פאַרשטאַנען אָוועקצושטעלן דעם ריכטיקן מאַן אויפן ריכטיקן אָרט און האָט איבערגעגעבן דעם גמ"ח אין די הענט פון אַ געניטן מענטש, מאיר מילוא, אַ פאַרוואַלטונגס־מיטגליד פון באַנק הפּועלים, וועלכער האָט דעם באַשיידענעם גמ"ח פאַרוואַנדלט אין אַ מיניאַטור באַנק צו טיילן הלוואות פאַר ליטווישע עולים און אויף איינעם פון מילואס באַריכטן האָט אָפּגעקלונגען דאָס הילכיקע וואָרט **אַ מ י ל י אָ ן**.

www.libtool.com.cn

די צוזאַמענקונפטן אינעם זאַל פון איגוד אונטער רובינשטיינס פאָרזיץ, אָפט ביי געדעקטע טישן, זיינען געווען אַ גייסטיקער גענוס פאַר די פאַרזאַמלטע. ער פלעגט אַלעמען אָנשטעקן מיט זיין גייסטיקן הומאָר, מיט זיין הייטערער שטימונג. כאָטש די שטים איז אַלץ געוואָרן שוואַכער און שוואַכער. זיינע פריינד און נאָענטע האָבן מיט ווייטיק צוגעזען, ווי זיין גייסט, פריש, געזונט און יוגנטלעך, באַהערשט אַ גוף, וועלכער צאַנקט און צאַפּלט און לעשט זיך...

אַ שטיקל צייט פאַר זיין פטירה, האָט רובינשטיין דערפילט, אַז עס איז שוין די העכסטע צייט זיך צו באַפרייען פון די פליכטן אַלס פאָרזיצער פונעם איגוד. עס איז געווען אָנהייב 1966, ווען ער האָט אויף אַ פאַרזאַמלונג אָפּגעגעבן אַן אויספירלעכן באַריכט איבער דער טעטיקייט פונעם איגוד. און אפילו דער דאָזיקער באַריכט, וועלכער איז געווען אַ סך הכל פון זיין אייגענעם שאַפן און שטרעבן, פון זיין אייגענעם לעבן פאַר די לעצטע יאָרן אין ישראל, האָט ניט געקלונגען ווי אַ ווידוי, נאָר איז געהאַלטן געוואָרן אין אַ לייכטן הומאָריסטישן טאָן, וואָס האָט זיינע צוהערער געצוווּנגען צו לאַכן אין פאַרשטיקטע טרערן...

לויט זיין פאָרשלאַג, איז אַגראָנאָם יעקב אַלייסקי, דירעקטאָר פון „אָרט", אויסגעוויילט געוואָרן אַלס פאָרזיצער פונעם איגוד יוצאי ליטא, אויף אַ שפּעטערדיקער פאַרזאַמלונג איז רובינשטיין געוויילט געוואָרן אַלס פרעזידענט פון איגוד.

אַנדערטהאַלב יאָר האָט נאָך דער איגוד געניאָסן פון רובינשטיינס אָנפירונג פון ווייטן. וויכטיקע זיצונגען פלעגן פאָרקומען ביי אים אין שטוב. אויף די דאָזיקע זיצונגען פלעגט ער ליב האָבן צו דערציילן וויצן און מעשה־לעך און גלייכצייטיק אַרויסזאָגן זיינע מיינונגען וועגן ברענענדיקע פראַגן.

...י"ג אלול תשכ"ז — 19טער סעפּטעמבער 1967. ראובן רובינשטיין איז ווידער אין זיין איגוד. דאָס מאָל אין אַ שוואַרץ באַדעקטן ארון. דער זאַל איז פול געפּאַקט, ווי נאָך קיין מאָל ניט פריער. לייב גאַרפונקעל, אַ פירער פון ליטווישן יידנטום צווישן ביידע וועלט־מלחמות, זעגנט זיך מיט זיין אַלטן פריינד, פון דער שארית־הפליטה פון די ליטוויש־יידישע פירער. דער גרויסער עולם איז פאַרשטיינערט און פאַרוווּנדערט — רובינשטיין

www.libtool.com.cn

און טויט ?... וואָס פאַר אַ גרויזאַמער ווידערשפּרוך ! ער, וועלכער האָט אַזוי פיל מאָל באַזיגט דעם מלאך המוות, האָט סוף כל סוף אַוועקגעלייגט דאָס געווער — זיין כישופדיקן שמייכל, זיין אייזערנעם גלויבן אין אמת און אין גערעכטיקייט, זיין אומענדלעכע ליבע צו זיין פאָלק און לאַנד, צו זיינע „ברידער און שוועסטער", צו זיין האַרציקן אומבאַקאַנטן „פריינד"...



ר. ר. במשרד הבטחון

אַ געפיל פון עלנט און פאַריתומטקייט האָט באַדריקט די הערצער. ניטאָ מער דער טייערער טרייער האַרציקער פריינד, דער שרייבער און אמתער פאָלקס־טוער ; די עכטע יידיש־ליטווישע פערזענלעכקייט — ראובן רובינ־שטיין.

www.libtool.com.cn



## ראובן רובינשטיין

אַ רויקער ייד, אַ שטילער און אַ טאַקטישער, אַזוי אין אויסערלעכן אויסזען און אַזוי אין זיינע האַנדלונגען. ער איז טאַקע אַ ליטוואַק, אָבער אַ ליטוואַק אָן שאַרפע שפּיצן, אַ קאַונער ליטוואַק. זענען די ווילנער ליטוואַקעס אַ מישנוג פון ליטע מיט מזרח, זענען די קאַונער ליטוואַקעס אַ מישונג פון ליטע מיט מערב, מיט גרויסע שטעט. מיר רעדן דאָ וועגן ראובן רובינשטיין, וואָס איז געבוירן געוואָרן מיטן טאַלענט פון אַ רעדאַקטאָר און ער איז טאַקע געווען לאַנגע יאָרן אַ רעדאַקטאָר אין גלות און ער איז איצט אַ רעדאַקטאָר אין מדינת־ישראל. אָבער אין ישראל נישט פון קיין טאָג־צייטונג. עס איז נישט וויכטיק — אַזוי ווי אַ גוטער חזן, אפילו אַז ער האָט צופעליק ניט קיין עמוד — בלייבט אַ חזן, אַזוי בלייבט אַ רעדאַקטאָר אַ רעדאַקטאָר, אַ רעדאַקטאָר, אַפילו אָן אַ טאָג־צייטונג.

באַלעבאַטיש און קאָרעקט אין אויסזען — און ער האָט זייער פיינט, אַז מען איז ניט שלום צווישן זיך, דער עיקר חברים יידישע שרייבער, ער קען עס גאָר ניט פאַרשטיין. ער פאַרשטייט אַז צווישן מענטשן בכלל, חברים בפרט, דאַרפן זיין חילוקי־דעות, דאָס איז דאָס לעבן — אָבער קריגן זיך? איז מה דאָך ראובן רובינשטיין האָט פיינט אפילו דאָס קריגן זיך — מכל שכן שלאָגן זיך, פירן אמתע מלחמות גאָר. רחמנא לצלן... וואָזשע טוט גאָט? ווערט ראובן רובינשטיין דער רעדאַקטאָר פון דעם בולעטין, וואָס עס גיט אַרויס — אין יידיש און עבֿרית, ווייל ער קען עבֿרית אַזוי גוט ווי יידיש — דאָס קריגס־מיניסטעריום פון מדינת־ישראל.

איין מאָל נאָך אַ פאַרזאַמלונג פון יידישן שרייבער־פאַריין, האָט מיך רובינשטיין פאַרבעטן אויף אַ גלעזל קאַווע אין אַ שטילן קאַפע — ער האָט מיט מיר עפּעס צו רעדן. און ער האָט גערעדט מיט גרויסער זאָרג, אַז ער האָט באַמערקט, אַז שוין זינט אַ לאַנגער צייט איז נישטאָ קיין שלום צווישן

www.libtool.com.cn

די חברים... ראובן און שמעון. מיר וועלן נאַטירלעך זייערע נעמען דאָ ניט אָנרופן. ער קען פשוט נישט שלאָפן די נעכט צוליב דער מחלוקת. און ער האָט געמערקט אַז אויך איך בין אַזאַ רודף שלום ווי ער — איז נישט מער ווי רעכט, אַז מיר ביידע זאָלן אויסאַרבעטן אַ סטראַטעגישן פּלאַן פון שלום צווישן די צוויי חברים, און — ווייזט אויס אַז פון לאַנג אַרבעטן אין קריגס־מיניסטעריום איז רובינשטיין געוואָרן אַ גוטער סטראַטעג. זיין פּלאַן האָט זיך איינגעגעבן און עס איז פּלוצלונג „אויסגעבראָכן אַ שלום" צווישן די דערמאָנטע — נישט דערמאָנטע.

ראובן רובינשטיין איז ממש אַ פיש אין וואַסער אין דעם טייכל פון דער ישראלדיקער... וועלט־פּאָליטיק און אויך אין דער לאָקאַלער פּאָליטיק. ער האָט ליב אַריינצוזאָגן, ער האָלט שוין גאַרנישט פון פאַרשווייגן, אָבער זיין אַריינזאָג איז ווי אַ קניפּ אין באַק פון אַ גוטן טאַטן אין איין באַק און אין דער צווייטער אַ קוש. אַזוי גיט ער אויך אַ שטאָך מיט אַ שפּילקע־וואָרט מיט דער לינקער האַנט און די רעכטע איז שוין אויסגעשטרעקט מיט אַ האַרציקן שלום עליכם.

ווען נאָר מיר האָבן אין מדינת־ישראל געדאַרפט האָבן אַ פאַרזיצער אויף אַ פאַרזאַמלונג, ווו ס'זענען עלול געווען אויסצוברעכן צו הייסע וויכוחים — און דער עיקר, ווען מען האָט געדאַרפט נאָך דערצו רעדן אין צוויי לשונות — ראובן רובינשטיינען האָבן מיר דעלעגירט.

יאָרן לאַנג — יעדן פרייטיק אָוונט — רעדט ראובן ר. אין יידישן ראַדיאָ מענייני דיומא, נייק, ממש מענייני דשעה. וואָרום ביי זיין גאַנצער לאַנגזאַמער שטילקייט, ווי עס דאַכט זיך אויס, איז ער אַ גאָר פעיִקער זשורנאַליסט. אין מדינת ישראל טאָר מען זיך נישט שפּילן און מען טאָר דעם עולם נישט איינגעווינען אין אומזיסטן אָפּטימיזים און רובינשטיין ווייס עס צו גוט. מוז מען שילדערן די סיטואַציע ווי זי איז אין איר גאַנצער האַרבקייט. אָבער אַ מאמר חז"ל, אַן אַנעקדאָט פון דער וועלט־ליטעראַטור, אַן אַקטועלער וויץ, אַ וואָרטשפּיל פאַרזיסן די ביטערניש. געדענקט דאָס רובינשטיין. און שוין דאָס קול זיינס גלעט דעם צוהערער מיט באַרויִקונג און — אגב — עס איז דאָך עפּעס שבת קודש אויף גאָטס וועלט — דאַרף מען דאָס אויך אין זינען האָבן. און שבת אין מדינת־ישראל דערמאָנט פּאַרט

www.libtool.com.cn

אַ ביסל דעם שבת אין דער ליטע, צו אין פּוילן. צום סוף פון די דאָזיקע ראַדיאָ־שמועסן ווערט ראובן רובינשטיינס קול נאָך מעלאָדישער, ניגונדיקער, ממש ווי מען ענדיקט קידוש — און אָט קלינגט עס אויס מיט זיין האַרציקן ״שאָבאָט שאָלאָם״ — פול מיט בטחון.

פון ״מיין לעקסיקאָן״, 1958.



ר. ר. באולפּן קול־ישראל

www.libtool.com.cn

י. איזנברג

# לזכר אדם קרוב

שמו של ראובן רובינשטיין נודע לי לראשונה ממאמריו מעל עמודי "אידישע שטימע" הקובנאית, וזה עוד בהיותי בפולין, אך ביתר עיון הרביתי לקרוא בהם בתקופה מאוחרת יותר, בהיותי כבר בארץ־ישראל. חברי המנוח שמואל גלוז, שהיה שנים אחדות כתב "אידישע שטימע" בארץ, היה מביא לי לקריאה חבילות גדולות של העתון, ונוסף לכך היה קורא לפני את מכתביו של עורך העתון אליו, שכללו הוראות מקצועיות בדבר הכתבות, נושאיהן ותוכנן, שישקפו נכונה את חיי הישוב והתפתחותו ושישמשו בשביל יהודי ליטא אינפורמציה על ההתרחשויות בארץ.

מכתביו של רובינשטיין, שהיו כתובים בנימה חברית, היו יחד עם זה חדורים להט ציוני עמוק והעידו על מגמתו בדבר התפקיד של "אידישע שטימע", בין השאר, ביצירת קשר הדוק בין הישוב בארץ לבין קוראי העתון.

על רובינשטיין חלפו שנים של פעילות אינטנסיבית, ציבורית ועתונאית. עם פרוץ מלחמת־העולם השניה, נכבשה ליטא תחילה בידי הנאצים ולאחר מכן בידי הצבא הסובייטי. העתון נסגר ורובינשטיין הוגלה למחנות־עבודה בצפונה הרחוק של רוסיה. בעתוני הארץ פורסמה ידיעה מבהילה מפי יהודים שבאו מרוסיה על מותו של רובינשטיין, שהוכחה לשמחתנו כבלתי־נכונה.

לאחר ששוחרר ממאסרו בברית־המועצות הגיע דרך פולין למחנות הנידחים בגרמניה. והנה נזדמן לי להכירו אישית בעת הקונגרס הציוני שהתכנס בבאזל בשלהי שנת 1946. העתונאי שמואל גולדשמידט, שהיה כבר מלפני המלחמה סופר ה"אידישע שטימע" בלונדון, הציגני לפניו בעת הכינוס העולמי של העתונאים היהודיים, שנערך בימי הקונגרס בבאזל. רובינשטיין, מנהיגה הרוחני של שארית־הפליטה ועורך בטאונו של אירגונם

www.libtool.com.cn

"אונזער וועג", הגיע לקונגרס יחד עם קבוצת עסקנים של שארית־הפליטה. הוא היה אז רק בראשית שנות ה־50 שלו, אך נראה היה הרבה יותר מבוגר מכפי גילו האמיתי; הוא היה רזה ועייף, ופניו החיוורים הביעו צער וסבל בל יתוארו. למרות חולשתו הפיזית גילה פעילות רבה בעיקר בקולוארים של הקונגרס ועמד בקשרים הדוקים עם צירים מארצות שונות. הוא אף נאם בכנס העתונאים על העתונות של שארית־הפליטה.

חודשים מועטים אחרי הקמת המדינה, בשנת 1948, פגשתיו כבר ברחוב בתל־אביב. עד מהרה התאקלם בארץ ונכנס לעבודה באגף ליחסי־ציבור של משרד־הבטחון, שבראשו עמד אז מר יצחק זיו־אב. בעריכתו הופיעו הביולטינים על ענייני בטחון, בעיקר לצורכי העתונות היהודית בחוץ־לארץ.

דירתו הצנועה בשכונת יד־אליהו בתל־אביב, היתה כעין בית־ועד בזעיר־אנפין לסופרים ועתונאים תושבי הארץ ואלה שבאו כתיירים, שראו זכות לעצמם לבקר אצלו ולשוחח אתו על נושאים מענייני דיומא. גם אני נמניתי עם באי ביתו. דבריו של רובינשטיין בשיחות אלה היו תמיד קולעים ומעניינים ומתובלים בהומור עממי שגרמו לנו הנאה מרובה.

לעתים מזומנות הייתי מוצא אצלו אנשים מכל שדרות הישוב, ובעיקר יוצאי ליטא, שבאו להתייעץ אתו בעניינים פרטיים וציבוריים שונים. הוא היה רגיל להקשיב בשקט ובסבלנות לדבריהם ולאחר מכן לייעץ להם איך לנהוג ואיזה אמצעים לנקוט כדי להשיג את מבוקשם. לעתים היה מושיט להם עזרה של ממש, בנצלו את קשריו האישיים עם המוסדות והעומדים בראשם.

רובינשטיין סירב לקבל על עצמו תפקידים ציבוריים שונים שהוצעו לו והיה ממליץ ללא משוא־פנים על מועמדים אחרים, מתאימים לפי ראות עיניו. הוא הסכים רק לשמש כנשיא איגוד יוצאי ליטא וכמה שנים היה אף חבר בוועד אגודת סופרי יידיש בישראל. כעובד מדינה הוא ויתר מראש על כל עסקנות מפלגתית אף־כי היה ער לכל המתרחש בתחום זה.

כשהתרפק לפעמים על זכר הימים שעברו והיה נזכר בפעילותו הדינאמית במערכת עתונו בקובנה, היה מרגיש בחסרון האווירה המיוחדת הזאת, ונתן ביטוי להרגשותיו אלה בשיחותיו אתי. התרשמתי שמצא סיפוק בנידון זה בשידוריו השבועיים ב"קול ישראל" ובמאמריו השבועיים ב"לעצטע

www.libtool.com.cn

נייעס״, ששימשו לו תחליף — אמנם לא מלא — לאווירה שהיה רגיל בה בימים ההם.

רובינשטיין היה מתחקה אחרי כל המתרחש בארץ. היה רואה בעין לא משוחדת את כל התופעות החברתיות החיוביות ואף את השליליות, שהיו למורת־רוחו. כאשר העירותי שגם התופעות השליליות הן תופעות נורמאליות בחברה מגוונת פלוראליסטית כזו שבארצנו, השיב: אך בכל־זאת אצלנו כאן צריך להיות אחרת; עלינו להיות במדינתנו שקמה לתחיה כמתוקנים שבעמים.

www.libtool.com.cn

ש. בן־משה

# רובינשטיין במשרד הבטחון

ראינוהו מדי בוקר צועד בשעה הקבועה לאוטובוס המסיע את עובדי משרד־הבטחון לקריה.

דמות מכובדת, אשר חיוך אבהי נסוך על פניה, מתקרבת לקבוצת הפקידים הממתינים להסעה. בהגיעו, משתדל כל אחד לקדם פניו הזוהרים בברכת בוקר טוב, ואילו הוא עונה לכל אחד בנימת הומור ובחביבות. את האחד הוא שואל היכן רכבו, שהרי כפקיד "נדרס" מגיע לו רכב צמוד, ואילו את השני שואל "מי הקים אותו על רגליו" — כלומר היכן מכוניתו? ואת השלישי ישאל לשלום בני משפחתו. האוטובוס מגיע וכולם מפנים לו דרך: חוק ולא יעבור הוא, שאין נכנסים לאוטובוס לפני מר רובינשטיין. בהיכנסו קמים על רגליהם גם הנוסעים שנכנסו בתחנות הקודמות ומפנים לו מקום והוא בשלו "אני עדיין צעיר ויכול לעמוד". לאחר הפצרות הוא מתיישב ואז מתחילות השאלות: מר רובינשטיין, מה דעתך על חרושצ'וב? ועל קנדי? על ראש ממשלת ישראל? תוך כדי השמעת מחמאות על פרשנותו ברדיו וחזרה על האימרות, הפתגמים והמשלים ששילב בהם, משתדל כל אחד לשמוע ממנו עוד ועוד דברי הסבר, דברים מעודדים. והוא אינו מונע זאת משומעיו, מרעיף עליהם דברי רוגע, אשר אמונה עמוקה ובלתי מעורערת מפעמת בהם. וכל זאת תוך כדי חזרה על שלו: "אינני מחדש — דאָס זענען אַלטע זאַכן". אף הצעירים שבנוסעים, הנוכחים במעמד זה, מאזינים בתשומת לב רבה בהבינם, כי דמות בלתי רגילה לפניהם. הם מבקשים מהמבוגרים לדעת מי האיש ומה מעשיו.

און ווען אַ שכן וויל, אַז איר זאָלט אים גלויבן, אַז ער איז נישט קיין אַנטיסעמיט, איז נאָך גוט. אויב ער שעמט זיך נאָך מיטן דאָזיקן עפּיטעט, וועלכער איז אַנדערשוווּ געוואָרן אַן ערן־טיטול, וויל איך אים גלויבן, וויל איך אים צורעכענען צו די חסידי אומות העולם... איך בין נישט מחויב עמיצן איינצורעדן: "הער, דו ביסט מיינער אַ שונא"! אדרבא, זאָל ער זיך שעמען, זאָל ער נישט מודה זיין, איז פאַראַן אַ האָפענונג, אַז איך וועל זיך מיט אים צונויפרעדן, ווען אפילו זיינע מעשים שטימען נישט איינגאַנצן מיט זיינע פאַרזיכערונגען.
און דערפאַר —

www.libtool.com.cn

גוט! איר, די הערן צער־בעלי־חיימניקעס, זייט נישט קיין אַנטיסעמיטן. איר מיינט נאָר די "טובה" פון געקוילעטן אָקס, איר זייט ווייכהאַרציקע, הומאַניטאַרע מענטשן.

אָבער דאַן בלייבן אומקלאָר צוויי שאלות:

ערשטנס טענהט איר, אַז ווייסנשאַפטלעך איז "דערוויזן" געוואָרן אַז די יידישע שחיטה איז אכזריותדיק. צי האָט איר אויסגעהערט און שטודירט אויך די מיינונגען פון אַנדערע עקספּערטן? צי ווייסט איר, אַז עס איז פאַראַן אַ ריזיקע ליטעראַטור, וואָס באַווייזט דווקא די הומאַנישקייט פון דער יידישער שחיטה?

און אויב איר האָט אַזוינס נישט געזען און נישט געליינט, ווייסט איר דאָך אָבער, אַז עס זענען פאַראַן אויך אַזוינע עקספּערטן. און ווען וועגן איין ענין זענען פאַראַן צוויי קעגנגעזעצטע מיינונגען, קענען שוין אייערע אור־טיילן נישט זיין אַזוי קאַטעגאָריש, אַזוי שאַרף!

און דאַן אַ צווייטע פראַגע.

איר ווייסט דאָך אויך, אַז עס איז פאַראַן אין ליטע אַ קאָנסטיטוציע, — אַ פרישע, אַ צאַפּלדיקע, נישט לאַנג פּראָקלאַמירטע — און דאָרט ווערט פאַר אַלע ליטווישע בירגער גאַראַנטירט דאָס רעכט אויף אַ פרייען, אומ־געשטערטן אָפּהיטן פון דת־פאַרשריפטן און ריטואַלן. צי האָט איר אַ קלער געגעבן, אַז מיט דער פאָדערונג איינצופירן די באַטויבונג פון דער בהמה אַבסאָלוט אין אַלע פאַלן, מאַכט איר אוממעגלעך פאַר יידן צו עסן כשרע פלייש, אַז איר פאַראַליזירט אין גאַנץ ליטע די יידישע שחיטה?

מילא וועגן געברויך פון פלייש און וועגן די שאָדנס, וואָס וואָלטן דערפון געקענט אַנטשטיין פאַרן ליטווישן לאַנדווירט, זאָרגט איר שוין נישט. ווען מענטשן ווערן פאַרכאַפּט און פאַרגאַפט פון דערהויבענע הומאַניטאַרע געפילן, קריכן זיי נישט אין קאָפּ חומרדיקע זאַכן...

פאַרוואָס מאַכט איר עס אָראָפּ אַזוי לייכט פון טיש? זאָגט זיך אייך, וואָס איר ווילט, אָבער עפּעס נאָגט און טאַטשעט אין קאָפּ אַ געדאַנק, אַז צו אייערע הויך־הומאַניטאַרע געפילן... איז צוגעמישט עפּעס אַ פרעמד מישעניש.

צו וואָס זשע דאַרפט איר עס? מיינט איר באמת, אַז מיטן אַרויסגעבן אַ געזעץ, וואָס זאָל באַשרענקען יידישע רעכט, מיטן אַרויסלאָזן אָט דאָס

www.libtool.com.cn

ערשטע שוועלבעלע אין דער פרייער וועלט — וועט איר עפענען אַ נייע שיינע פרילינג־עפּאָכע אין ליטווישן לעבן, וועט איר אונדזער לעבן שענער און דערהויבענער מאַכן?

נאָך אַמאָל: לערנט זיך נישט פון שלעכטע מוסטערן. מיינט נישט, אַז עס איז שוין געזאָגט געוואָרן דאָס לעצטע וואָרט אין דער מענטשלעכער געשיכטע. מיר יידן, האָבן אַ גרונט צו זיין זיכער, אַז די געשיכטע וועט אויך די דאָזיקע אילוזיע צעשטויבן.

מיר זענען זיכער דעריך, ווייל — היינט איז ביי אונדז חנוכה און אויפן פענצטער־ברעטל שימערירן קליינינקע, אומאויסלעשלעכע ליכטעלעך...

23.1.1938

## נאָר גרויסע מעשים

הילף איז נייטיק.

די שוידערלעכע נויט פון די הונדערטער טויזנטער יידישע פּליטים — הייניטיקע און צוקונפטיקע — פון דייטשלאַנד, פּוילן, אונגאַרן און רומעניע, שרייט נאָך הילף. קיין מאָל איז אין דער נייסטער געשיכטע פון דער וועלט ניט געווען אַזאַ מאַסן־גירוש פון מענטשן, וואָס ווערן אַרויסגעשטויסן דורך די פאַשיסטיש־אַנטיסעמיטיש־רעאַקציאָנערע רעזשימען, ווי היינט אין יאָר 1938, און מאָרגן אויפן שוועל פון נייע רדיפות און עינויים. מען קען זיך שוין נישט באַגנוגענען מיט פּראָטעסט־רעזאָלוציעס און וויי־אַרטיקלען אין דער פּרעסע און — אַפילו נישט מיט מעמאָראַנדומס — גוט־דאָקומענטירטע און גרונטיק־מאָטיווירטע — צום פעלקערבונד.

די פּראָבלעם דאַרף געשטעלט ווערן ברייט און טיף. פּילאַנטראָפּישע הילף, ווי וויכטיק זי זאָל נישט זיין און ווי גליקלעך עס זאָל נישט זיין איר היילנדיקע ווירקונג צום מאָמענט, קען נישט געבן קיין לייזונג פון דער נויט־פּראָבלעם, קען נישט ראַדיקאַל ענדערן דאָס לעבן פון די געפּלאָגטע און געדריקטע און זיי אָוועקשטעלן אין אַ סביבה פון שעפערישן איבערבוי און אויפקום. אָט האָט מען פאַר

www.libtool.com.cn

די לעצטע יאָרן לויט די סאַמע אַלגעמיינע אויסרעכענונגען אויסגעגעבן 15 מיליאָן דאָלאַר אויף הילף פאַר אימיגראַנטן און די דאָזיקע קאָלאָסאַלע סומע האָבן געדעקט בלויז די ייִדישע הילף־אָרגאַניזאַציעס.

וואָס ממשותדיקעס און אויפבויענדיקעס האָבן אָט די ריזיקע קאַפּי־טאַלן געגעבן?

איך ים פון נויט איז עס פאַרשלונגען געוואָרן און די „געהאָלפענע" מאַטערן זיך נאָך איצט אויך אויפן אויבערפלאַך פון ברויזיקן ים און האָבן נאָך נישט קיין פעסטן אָנשפּאַר פאַר זייערע עקזיסטענצן.

קלאָר: די הילף דאַרף זיין אַ קאָנסטרוקטיווע. מען דאַרף זיך אָפּגעבן מיט גאָר גרויסע פּלענער פון ווייטן פּאַרנעם, וואָס זאָלן שטיין אין איינקלאַנג מיט דער טראַגישער גרויס פון דער יסורים־כוואַליע, וואָס פאַרפּלייצט היינט מיליאָניקע ייִדישע קיבוצים.

נישט ווייניקער ווי צוויי מיליאָן ייִדן אין צענטראַל־ און מזרח־איראָפּע זיינען אויסגעשטעלט היינט און מאָרגן און איבערמאָרגן אויף אויסוואַנדע־רונג. וואָס וועט זיין מיט זיי? קען מען דען יעדן פּרימאָרגן צונויפרופן זיצונגען און שמידן פּלענער אויפן נאָענטסטן טאָג?

עס איז אָבער אויך קלאָר, אַז דאָס איז אַן אויפגאַבע, וואָס וואַקסט אַריבער די כוחות פון די ייִדישע קיבוצים. עס איז נייטיק די אונטערשטי־צונג פון מלוכות מיט זייערע אַפּאַראַטן, מעגלעכקייטן און מאַסשטאַבן. אַ ייִדישע הילף־קאָנפערענץ וועט דאָ ווייניק וואָס אויפטאָן, איז נישט בכוח צו לייזן ענינים פון גרויסמאָסיקער עמיגראַציע און קאָלאָניזאַציע.

עס זיינען שוין געווען אַזוינע קאָנפערענצן.

עס עקזיסטירן מעכטיקע ייִדישע הילף־אָרגאַניזאַציעס. אין בעסטן פאַל קענען זיי שאַפן געלט־מיטלען, גרעסערע אָדער קלענערע. זיי זיינען אָבער מאַכטלאָז צו עפענען די פאַרריגלטע און פאַרזיגלטע טויערן פון די וועלט־טועלע אימיגראַציע־לענדער. זיי האָבן נישט אין קעשענע די שליסלען צו טירן און שראַנקן...

אַזאַ קאָנפערענץ קען אויך נישט געשטעלט ווערן, ווי מען דריקט זיך אויס אויפן דיפּלאָמאַטישן לשון, אונטער די „אויספּיציען" פון פעלקער־בונד — פון דער דאָזיקער אומשולדיקער ווי אַ קינד און אויך ווי אַ קינד מאַכטלאָזער, שוואַכמוטיקער אינסטיטוציע... דער פעלקערבונד וואָלט גאָר־

www.libtool.com.cn

נישט וועלן זיך אַריינלאָזן אין אַ פּלאָנטער פון פראַגן, וואָס קענען, חס ושלום, אַרויסרופן ביי עמיצן אַ פּאַראַיבל צי אַ ברוגז. דער פעלקערבונד איז איינגעשטעלט אויף פ ר י ד ן און דאָס באַדייט: חס ושלום מיט קיינעם זיך נישט קריגן, אַלעמען צופרידנשטעלן און מיט דער גאַנצער וועלט — סיי מיט די וועלף און סיי מיט די שעפּעלעך — לעבן בשלום...

אגב, האָבן מיר דען ווייניק דערפאַרונג געהאַט מיט די אַראַנזשירונגען פון פעלקערבונד פאַר די פּליטים און היימלאָזע? ווו זיינען די אויפטוען פון פּליטים־אַמט אין זשענעווע וואָס האָט, דוכט זיך, אַפילו נישט געהאַט קיין גראַשן אויף דער הוצאה און האָט געדאַרפט אָנקומען צו אַ הלוואה?...

ניין, דאָס מאָל איז נייטיק אַן אַנדער צוגאַנג, אַן אַנדער איניציאַטיוו און אַנדערע פליגלען.

צום גליק האָט זיך די דאָזיקע איניציאַטיוו איינגעפונען און שטאַמען שטאַמט זי פון רוזוועלטן.

די יידישע פּרעסע באַשעפטיקט זיך נאָך ליידער ווייניק מיטן ממש היסטאָרישן אַקט פון אַמעריקאַנער פּרעזידענט. דאָס איז אַ פּרוּוו, וואָס זיין באַדייט און מעגלעכע קאָנסעקווענצן איז שווער געגוג אָפּצושאַצן. צום ערשטן מאָל נעמט זיך אַ פּרעזידענט פון אַ מעכטיקער מדינה גאַנץ ערנסט און מיט די בעסטע כוונות צו לייזן אַ פּראָבלעם פון אַרויסהעלפן אויף אַ ווירדיקן און קאָנסטרוקטיוון אופן טויזנטער פאַראומגליקטע פּליטים אויף אַן אינטערנאַציאָנאַלן דיפּלאָמאַטיש־פּאָליטישן וועג.

ער האָט פאָרגעשלאָגן אַלע מדינות, וואָס קענען קומען אין באַטראַכט, צונויפקומען זיך אויף אַ קאָנפערענץ צו באַשליסן, וויהין קען מען אַריי־בערברענגען און איינאָרדענען די קרבנות פון אכזריות פון פּאַרווילדונג. מיט ווערטער אַליין וויל ער נישט אָפּקומען. ער הויבט אָן מיט אַ שיינעם זשעסט: ביז איצט פלעגט מען אַריינלאָזן קיין אַמעריקע 5—6 טויזנט עמי־גראַנטן פון דייטשלאַנד. איצט איז אַמעריקע גרייט אויפצונעמען ביז 25 טויזנט עמיגראַנטן פון דייטשלאַנד און עסטרייך.

אַרום 20 רעגירונגען האָבן זיך שוין אָפּגערופן און זיינען מסכים זיך צו באַטייליקן אין דער רוזוועלט־קאָנפערענץ, וואָס וועט געעפנט ווערן אין עוויאַן, אין פראַנקרייך.

לויט דער א י ד ע ע דאַרף עס זיין אַ גראַנדיעזער אויפטו. ווי וועט

www.libtool.com.cn

זי אויספּאָלן לויטן אינהאַלט און איבערהויפּט לויט די רעזאָלוציאָנען?

צי וועט זי אָפּקומען מיט קלייניקייטן לגבי דער בושעוודיקער גרויסער נויט, אָדער זי וועט עפענען אַ נײַ בלאַט אין דער געשיכטע פון יידישן פאָלק און וועט שאַפן אַ התחלה פאַר גרויסע אַרבעטן און אַקציעס?

דאָס איז אָפּהענגיק קודם כל פון די אָרגאַניזאַטאָרן און אַנטיילנעמער פון דער קאָנפערענץ. אָבער זייער פיל אינהאַלט קען צוגעבן דער קאָנפערענץ די יידישע אָרגאַניזירטע געזעלשאַפטלעכקייט. די דאָזיקע איינציק־אַרטיקע געלעגנהייט (וואָס ווער ווייסט, ווען זי קען זיך איבערחזרן), דאַרף אויסגענוצט ווערן אויפן ברייטסטן און עפעקטיווסטן אופן.

נישט סתם עמיגראַציע, נאָר אַן אָרגאַניזירטע עמיגראַציע.

נישט סתם אין פאַרשיידענע לענדער טראָפּנווייז און ביסלעכווייז שיקן עמיגראַנטן, נישט צעפּולווערן און צעשפּענדלען די עמיגראַנטן־מאַסע, נאָר זיי קאָלאָניזירן אויף גרויסע געשלאָסענע טעריטאָריעס.

קודם כל קומט, פאַרשטייט זיך, ארץ־ישראל. די קאָנפערענץ האָט מעגלעכקייטן צו ווירקן אויף דער פאַרגרעסערונג פון דער עליה קיין ארץ־ישראל. אָבער דאַן דאַרף קומען אויך די קאָלאָניזאַציע פון יידישע מאַסן אין אַנדערע לענדער, אויף וויפל ארץ־ישראל איז נאָך הײַנט צום טאָג נישט אימשטאַנד אויפצונעמען אַלע אימיגראַציע־באַדערפטיקע פאָלקס־מאַסן.

ווען די קאָנפערענץ אין עוויאַן זאָל שאַפן אַט אַזאַ ווײַטע פּערספּעקטיוון, קען זי באמת ווערן אַ ווענד־פּונקט אין דער געשיכטע פון יידישן פאָלק, וועט זי ווערט זײַן איר נאָמען, באַדײַט און היסטאָרישע שליחות!...

3.6.1938

## שאַקאַלן

פאַראַן אַזאַ חיה — שאַקאַל הייסט זי.

זי לעבט פון פגירות. זי לעכצט נאָך טויטע קערפּערס. דערפון שעפּט זי איר חיונה. זי שפּירט פון דערווייטנס, ווו חורבן, טויט און פוילעכץ

www.libtool.com.cn

לייגן זיך פונאַנדער מיט זייערע שרעקליכע ריחות. זי האָט ליב כאַאָס, פאַרשרפהטע חורבות.

פאַראַן אויך צוויי־פּיסיקע באַשעפענישן, וואָס זענען אויך באַשאַנקען מיט אָט די שאַקאַל־נטיה... זיי קימערן זיך נישט איבער מענטשלעכע צרות, יסורים, אונטערגאַנג און צעפאַלנקייט.

פאַרקערט: וואָס ערגער — איז פאַר זיי בעסער.

וואָס מער די געזעלשאַפט איז דעזאָרגאַניזירט, צעגלידערט און צע־פּערטלט, וואָס אומבאַהאָלפענער זי איז — אַלץ בעסער איז פאַר זיי, פאַר די מענטשן־שאַקאַלן. ערשט דעמאָלט קענען זיי פונאַנדערפירן די הענט. ערשט דעמאָלט בליצן אויף זייערע אויגן פון שמחה. ערשט דעמאָלסט צעבאַלעבאַטעווען זיי זיך אויף דער גאַס.

זיי ווערן גוואַלדאָוונע כלל־טוער, זיי לויפן, בראַזגענען מיט דער צונג, פּליאַטקעווען, זייען רכילות, שקרים און בלאָפּערייען, צעקריגן מענטש מיט מענטש, חברה מיט חברה, פאַרגלאָצן די אויגן אין פרומער עסקנות און פראַווען די גרויסע הוליאַנקע פון ווילדווילן, פעטע פרנסהלעך און הול־טייערײַ.

זיי ווייסן, ווו די הינטערטיר עפנט זיך ביי די שררות. זיי פאַרדרייען די קעפּ מיט מסירהלעך, באַהאַלטן זיך אויס אין די לעכעלעך און שפּרינגען אַרום מיט זאַרגעוודיקע אָפּגעווישטע ליפּן, ווי טרייע איבערגעגעבענע עסקנים...

עס שטיקט אין האַלדז פון אַזאַ מאָראַלישער געפאַלנקייט, עס ווילט זיך דיר מיט עקל און ווידערווילן אָפּטרייסלען זיך פון אָט די מענטשן, פון די מענטשן־שאַקאַלן, וואָס לעבן אויפן חשבון פון דיין ווייטיק, פון דייך פּיין, פון דיינע אומגליקן...

אָט אַזאַ אַטמאָספער האָט זיך געשאַפן איצט אויף אונדזער יידישער גאַס אין ליטע. אַלע פּרווון, וואָס ווערן געמאַכט צו באַשיצן אונדזערע אָרימע ווינקעלעך, איינהיטן אונדזער נעבעכדיקע עקזיסטענץ, אַלע אויפריכטיקע, ערלעכע באַמיונגען צו פאַראייניקן אונדזערע געזעלשאַפטלעכע כוחות, שאַפן אַ מין געאייניקטן פראָנט, ווערן צעשמעטערט און ווערן אָרונטער־געריסן דורך די מענטשן־שאַקאַלן, דורך אונדזערע „טייערע יידעלעך"...

יידן קרעכצן, יידן דאגהנען: עס איז שלעכט אויף דער וועלט. עס ווערט

www.libtool.com.cn

נישט גוט אין דער אַרומיקער סביבה. ווער ווייס, וואָס דער מאָרגנדיקער טאָג קען אונדז ברענגען... פאַראַן סימנים. עס הערן זיך דונערן, דערווייל ווייטע און פאַרשטיקטע, אָבער זיי דערנענטערן זיך, זיי ווערן דייטלעכער און קלאָרער.

וואָס טוט אַ נאָרמאַל געזונט פאָלק מיט געזונטע לעבנס־אינסטינקטן אין אַזאַ פאַל? מען נעמט זיך צונויף, מען פאַרייניקט זיך, מען קאָנסאָלידירט זיך.

דאָס איז דאָך אַזוי איינפאַך, אַזוי פשוט, אַזוי נאַטירלעך, מענטשלעך און יידישלעך!

האָט מען אָנגעהויבן צו רעדן וועגן אַ רעפּרעזענטאַטיוון יידישן אָרגאַן, וועגן געמיינזאַמען שוץ פון געמיינזאַמע אינטערעסן.

די בעסטע און אידעאַלסטע פאָרם פון אָרגאַניזאַציע און זעלבסטשוץ וואָלט געווען די קהילה. ווייס מען דאָך אָבער, אַז אויף אָט דעם באַדן וועט מען זיך איצט נישט איניקן. האָט מען מוותר געווען. גוט, זאָל זיין איצט נישט קיין קהילות. וועלכע עס איז פאָרם, אַבי אַ רעפּרעזענטאַנץ זאָל געשאַפן ווערן. און זאָלן אַהין אַריינגענומען ווערן אַלע לעבעדיקע, געזונטע כוחות פון ליטווישן יידנטום, אַלע ערלעכע געזעלשאַפטלעכע עלעמענטן. די אַלע, וואָס האָבן אַ יידיש האַרץ און ווילן לינדערן יידישע צרות.

וואָרום אויב צרות האָבן מיר בשותּפותדיקע, אויב אַלע ליידן אַלס יידן, פאַרוואָס זאָלן זיי אַלע צו דער שוץ־אַרבעט נישט צוגעצויגן ווערן? אַלע לעגאַליזירטע יידישע אָרגאַניזאַציעס און געזעלשאַפטן לויט אַ געוויסן שליסל דאַרפן אַרונטערגענומען ווערן אונטער איין דאַך־אָרגאַניזאַציע. קלאָר: יעדער וועט מוזן גיין אויף געוויסע וויתורים, וועט מוזן נאָכגעבן פון זיין אני מאמין. נישט טעאָרעטישע הנחות און קאָנסטרוקציעס קענען היינט אינטערעסירן אַ יידישן מענטשן, וואָס וויל אויפטאָן עפּעס ממשותדיקע אַרבעט פאַרן יידישן כלל. אַ הסכם, אַ צונויפרייד, אַן אָפּמאַך — דאָס איז דער וועג, דער איינציקער וועג צום ראַטונעק פון געזעלשאַפטלעכן כאַאָס און פון די אָנגרייפנדיקע כוחות...

האָבן אָבער די שאַקאַלן דערשמעקט, אַז סוף־סוף קאָן דאָך טאַקע ווערן אַ שטיקל טאָלק אויף דער יידישער גאַס און יידן וועלן קענען אַליין מיט די אייגענע קרעפטן עפּעס וואָס פאַר זיך אויפטאָן און אפשר טאַקע

www.libtool.com.cn

אָפּשרייען גזירות און אָפּהיטן פּאָזיציעס. האָבן זיי זיך דערשראָקן און זיך אַ וואָרף געטאָן אויף וויסטע דרכים. פון איין זייט — העצן, רייצן, שטערן און אויפרייסן פון אינעווייניק, און פון דער צווייטער זייט (דער ערשטער מיטל קען אַמאָל נישט העלפן אויך!) האָט מען אָנגעהויבן שושקענען עמיצן אין אויער אַריין, האַקן אַ טשייניק וועגן "לינקיזם", און "פּאָלקס־פראָנט", וועגן געפערלעכע עקספּערימענטן, און דאַן האָבן אַנדערע מיטהעלפער און מיטלויפער זיך אָנגעגורט די לענדן און זענען אַוועק אין אַ דעלעגאַציע צו דער מאַכט זיך בעטן רחמים: דערלויבט נישט קיין יידישע רעפּרעזענ־טאַנץ! יידן ווילן דאָס גאָרנישט. דאָס איז שעדלעך הן פאַר אונדז, די לאָיאַלסטע פון די לאָיאַלע, און הן פאַר אייך...

און ווי אַלץ וואָס מענטשן־שאַקאַלן טוען אָפּ, האָבן זיי אויך זייער דעלעגאַציע געשיקט אין דער גרעסטער געהיימניש. קיינער ווייס נישט זייערע נעמען, קיינער האָט נישט געזען די פינסטערע פּנימער. קיין ברעקל מוט נישט, קיין אונץ מענטשלעכע ווירדע! אין באַהעלטעניש און טונקעל־ניש ווערט אַזאַ פּאַררעטערישע אַרבעט אָפּגעטאָן.

נאָר מען קען זיך לייכט אָנשטויסן, פון וועלכע קרייזן די גייער שטאַמען... זיי דאַרפן נישט קיין יידישע אחדות, הגם דאָס וואָרט "אחדות" ווערט דורך זיי דעקלינירט טאָג און נאַכט, הגם עס טריפט אַזש אָפּ אין פרומקייט און גוטסקייט פון זייערע לעפצן... פאַר זיי איז בעסער די צעפּאָרנקייט און די הילפלאָזיקייט פון יידישן כלל.

מעגן שטעטלעך קרעכצן אונטערן האָגל פון געוויסע אויפרופן, מעגן געפלאַנט און פאַרטראַכט ווערן כלערליי פּלענער, מעג נויטיק זיין ווי לופט, ווי לעבן עפּעס צו טאָן, צו ראַטעווען — פאַר זיי, די וויסטע "כלל־טוער", וואָס טוען אַלץ פאַר זיך, פאַר דער אייגענער קעשענע, פאַרן אייגענעם קלייזל — פאַר זיי לוינט עס נישט. דער כלל דאַרף זיין אַ פּוסבענקעלע פאַר זייערע האַמעטנע גבאישע פיס, אַ שפּרינג־ברעט פאַר זייערע האַלדז־ברעכערישע קאַריערעס...

שרעקליך. שאַקאַלן גייען אַרום צווישן אונדז, שונאים און פאַררעטער פון אַן אָרגאַניזירטן יידישן לעבן. מיט אונדזערע צרות לאָבן זיי זיך, און זיסינקע היפּאָקריטישע שמייכעלעך באַשיינען זייערע אומפאַרשעמטע פּנימער...

www.libtool.com.cn

ווער איז שולדיק דעריין?

ניט זיי, פאַרשטייט זיך. שולדיק זענען מיר אַליין, שולדיק איז די יידישע אינטעליגענץ פון אַלע שיכטן, די יידישע סוחרים, אינדוסטריעלער, דער יידישער קליין־קרעמער און האַנטווערקער, דער יידישער פאָלקס־מענטש, שולדיק זענען אַלע די, וואָס לאָזן איבער די יידישע געזעלשאַפט־ליכקייט אויף הפקר, וואָס לאָזן זיך באַהערשן דורך דער סוגעסטיע פון כלומרשטע כלל־פאַרזאָרגער און פאַקטישע מהרסים און מחריבים.

און די ערשטע ווענדונג אונדזערע דאַרף זיין צו דער יידישער דיפּ־לאָמירטער אינטעליגענץ. ביי לייטן, ביי אומות העולם איז די דאָזיקע אינטעליגענץ די ערשטע קעמפערין פאַר די רעכט פון דער פאָלקס־מאַסע. פון וואַנעט זי איז אַרויסגעוואַקסן, פון וועלכער זי שטאַמט.

נעמט די ליטווינער: וואָלט דען מעגלעך געווען די אויפלעבונג פון דער ליטווישער אומאָפּהענגיקייט, דער אויפשטייג פון דער ליטווישער נאַציאָנאַלער קולטור אָן דער געטרייער, ענערגישער אַרבעט פון דער ליטווישער אינטעליגענץ?

אויך אונדזער אינטעליגענץ קומט דאָך אייגנטליך אַרויס פון די פאָלקס־מאַסן. און אַ גרויסן חוב זענען זיי דאָך שולדיק געבליבן דעם אייגענעם פאָלק! וואָס טוען זשע אונדזערע היימישע דאָקטוירים, אַדוואָקאַטן, אינזשענערן, לערער? פאַרטאָן זענען זיי אין פּרנסה, אין עולם הזהדיקע ענינים. פאַרשלאָסן און פאַרזיגלט אין די אייגענע קרייזלעך. קיין שום אינטערעס ניט פאַר געזעלשאַפטלעכע זאַכן, פאַר די דאגות פון כלל. וועגן אויסנאַמען רעדן מיר נישט. אָבער על פּי רוב איז אונדזער אינטע־ליגענץ ווייט פון אַקטיווער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט.

ווען אפילו די דאָזיקע, בכלל גענומען ווויל־האָבנדיקע מענטשן האָבן נישט קיין געזעלשאַפטלעכן געפיל דאַרפן זיי דאָך אויף אַזוי פיל פאַרשטיין, אַז אין פאַל פון אַן אַלגעמיינעם יידישן אומגליק וועלן זיי דאָך די ערשטע גיין אויפן פייער... האָבן זיי דאָך געמעגט אָפּלערנען פון דער פּראַקטיק פון אַנדערע לענדער.

און ווייל זיי זענען נישטאָ אויף קיינע פאַרזאַמלונגען, זיצונגען און באַראַטונגען, און ווייל זיי שטעקן נישט אַריין קיין פינגער אין קאַלט וואַסער פאַר אַ יידישע זאַך — אַט דווקא די מענטשן, וואָס לויט זייער שטאַנד,

www.libtool.com.cn

פּאַרבינדונגען און קענטנישן וואָלטן זיי געקאָנט נישט ווייניק אויפטאָן — נאָר דערפאַר פליאָדערן זיך אַזוי פונאַנדער אין דער וויסטעניש אָט די שאַקאַלן, די טיפּן פון טונקעלע זיטליכע באַגריפן, מיט אַ צעלעכערטן געוויסן...

דאָס זעלביקע קאָן מען זאָגן וועגן מענטשן פון אַנדערע פּראָפעסיעס. מיר פאַרמאָגן אין ליטע אַ גוטע אינטעליגענץ, אָבער עס באַלעבאַטעווען מאָראַלישע קריפּלס און קריכערס, אומוויסנדיקע עם־הארצים מיט באַפלעקטע רעפּוטאַציעס...

יאָ, מיר אַליין זענען שולדיק! ווי האָט אַמאָל אַ קלוגער פּאָליטיקער געזאָגט? „יעדעס פאָלק האָט אַזאַ רעגירונג, וואָס ער פאַרדינט". און מיר, יידן אין ליטע, די געהויבענע, קלוגע, אין דער וועלט אויסגעשמטע יחוסדיקע יידן, מיר פאַרמאָגן אַזוינע „כלל־טוער" און רעדל־דרייער, וועלכע מיר האָבן כשר פאַרדינט.

און כל זמן אַ כוואַליע פון אויפרעגונג און שטרעבונג צו רייניקונג און זויבערונג וועט זיי נישט אָראָפּשווענקען פון אויבערפלאַך, וועלן שטענדיק שאַקאַלן וואָיען אין דער פינסטערניש און פאַרביטערן אונדזער לעבן...

13.1.1939

## אויף יענע פעלדער

... הייסט עס, אַז דער ענגלישער פּאַרלאַמענט האָט אָקצעפּטירט די פאַראָרדנונג פון דער רעגירונג פון זיין מאַיעסטעט אָפּצושטעלן און צו קאָנטראָלירן דעם באָדן־פאַרקויף פאַר יידן אין געוויסע זאָנעס אין ארץ־ישראל.

הייסט עס, אַז די רעגירונג האָט שוין געקראָגן די אַפּראָבאַציע פון דער העכסטער אינסטאַנץ פון דער ענגלישער געזעלשאַפטלעכער מיינונג און מאַקדאָנאַלד קען זיך רייבן די הענט פון שמחה, וואָס ער האָט דורכגעזעצט זיינס, ער האָט געגעבן אַ „בענטש" דער יידישער נאַציאָנאַלער היים, אַריינגעכאַפּט אַ גזירה פון „ווייסבוך"...

די מערהייט איז געווען אַ גרויסע: 292 — פאַר, 129 — קעגן. פאַר־

www.libtool.com.cn

שטייט זיך, עס איז שווער געווען צו דערוואַרטן, אַז דער פּאַרלאַמענט, זיין קאָנסערוואַטיווע מערהייט, וועט אין אַ מלחמה־צייט לאָזן די רעגירונג שטעקן אין זומפּ און וועט דורכוואַרפן אירע אַ שוין אָפּגעגעבענע פאַר־אָרדנונג. די עצם מאָטיווירונג פון דער גזירה האָט שוין געדאַרפט מאַכן אויפן אונטערן־הויז אַ שטאַרקן איינדרוק.

מאַקדאָנאַלד קען זיין אוידיטאָריע. ער ווייס, מיט וואָס ער קען זיי נעמען. ער האָט אַנטדעקט יענעם סוד, וואָס האָט אים, לויט זיינע רייד, באַוועגט צו מאַכן דעם געפערלעכן עקספּערימענט.

די לאַגע אין ארץ־ישראל איז געוואָרן בעסער. אין לאַנד איז געוואָרן רו׳קער און עס האָט זיך אָנגעהויבן די לאַנג געגאַרטע פּאַציפיקאַציע. און אָט פּלוצלונג באַקומט ער מאַקדאָנאַלד, אַלאַרמירנדיקע ידיעות. די לעצטע וואָכן האָט די רעגירונג זיך דערקונדיקט, אַז צווישן די אַראַבער גרייט מען זיך ווידער צו אומרוען און זייער שטעלונג בנוגע גרויסבריטאַניע ווערט ווידער אומגינסטיק. מען האָט זיי פריער פאַרן קריג צוגעזאָגט באַגרענצונגען פון באָדן־קויף פאַר יידן. און אָט דער קריג האָט זיך אָנגע־הויבן און קיין גזירות אויף יידן זענען נאָך אַלץ נישטאָ.

האָבן זיי געקענט בייטן די אַראַבישע שטימונגען — דערציילט אָפּנ־האַרציק מאַקדאָנאַלד. די אַראַבער וואָלטן זיך צעבונטעוועט און דאָס וואָלט זיך גלייך אָפּגערופן אויף דער האַלטונג פון די אַראַבער אין אַנדערע לענדער, אין עבר־הירדן, איראַן, סאַודאַראַביע, עגיפּטן, אינדיע. הכלל, די בריטישע אימפּעריע וואָלט זיך חס וחלילה אַ וואַקל געטאָן אין דער לענג און אין דער ברייט...

האָט מען געדאַרפט געבן לא יחרץ־געלט די אַראַבישע מופטי־לייט. נו, האָט מען געגעבן...

בקיצור, דער שפּיל איז געשטעלט געוואָרן אָפן. ענגלאַנד האָט אַ וועלט־באַלעבאַטישקייט. בשעת דער מלחמה מוז זי זיין באַזונדערס פאַר־זיכטיק מיט אירע פּאָליטישע איינשטעלעכישן און קאָמבינאַציעס. האָט מען יידן געדאַרפט אָוועקלייגן געבונדערנעהייט אויפן מזבח פון דער אַראַבישער מאַכט און געלט־גייציקייט. האָט מען מיט יידישע צרות, פּיין, האָפנונגען און שטרעבונגען געגעבן „לאַפּקע־געלט״ די עווענטועלע טעראָריסטן.

שאַנטאַזש איז נאָך אַלץ אַ מיטל, וואָס ברעכט די פּאָליטישע ליניע

www.libtool.com.cn

פון דער בריטישער אימפעריע.

און מיסטער מאַקדאָנאַלד האָט נאָך דעם צינישן מוט צו פאַרזיכערן די באַאומרויִקטע דעפּוטאַטן, וואָס זייער געוויסן האָט אַ ברום געטאָן אין האַרצן, אַז נישקשה: יידן וועלן נישט באַעוולט ווערן, אַז זיי וועלן קענען קאָלאָניזירן זיך אין די געביטן, וועלכע זיי האָבן שוין אָפּגעקויפט — (דאָס הייסט, אין די געדיכטעענישן פון יידישן ישוב!) און אין יענע געגנטן, וועלכע ווערן נישט באַרירט דורך די איצטיקע באַשרענקונגען.

אָבער וואָסערע זענען עס די מזל־ברכהדיקע געביטן? ווו ליגן זיי? אפשר אין נגב אָדער אין גליל? האָט דאָך די גזירה איינגעטיילט דאָס גאַנצע לאַנד אין דריי זאָנעס און האָט קלאָר אָנגעוויזן, ווו יידן טאָרן נישט קויפן קיין באָדן און ווו זיי מעגן קויפן, אָבער נאָר אונטערן קאָנטראָל פון נציב און מיט זיין דערלויבעניש, דאָס הייסט, ווידער אַמאָל, אַז דאָרטן וועלן יידן אויך נישט זיין ביכולת פריי דורכצופירן באָדן־טראַנזאַקציעס.

דער קאָלאָניעס־מיניסטער האָט אויך פאַרשוויגן די שרעקליכע געפאַר, וואָס שטעקט אין עצם מודה זיין זיך אין פאַרלאַמענט, אַז די גזירה איז אָפּגעגעבן געוואָרן דירעקט אונטערן דרוק פון מופטי־מענטשן. ווו זשע איז דער אָפּשטעל און די אייזערנע מחיצה פאַר ווייטערדיקע שאַנטאַזש־מעשים, פאַר ווייטערדיקע אולטימאַטומס, באַפעסטיקטע דורך דער פאַכעניש מיטן טעראָריסטן־שווערד? הייגט גיט מען נאָך אין ענין באָדן, מאָרגן קען מען נאָך פאַרבויגן אויך אויפן ענין עליה און איבערמאָרגן זאָל מען זיך בוקן און קניען פאַר אַנדערע גלוסטעענישן פון זיין רוצחישער מאַיעסטעט, פון מופטי...

און ווען אַ מיניסטער רעדט אַזוי אומפאַרשעמט־אָפן, אַזוי נעבעכדיק־שוואַך וועגן זיין פחד פאַר אַראַבישע אומרועֿן אין ארץ־ישראל און פאַר־בינדט עס מיט אַ מעגלעכן אָפּקלאַנג אין די ווייטסטע מדינות און מיט דער אויסווירקונג אויף דער שטאַנדהאַפטיקייט פון די עצם יסודות פון דער בריטישער אימפעריע, צי קען עס נישט אויפגענומען ווערן דורך די אַראַ־בישע מנהיגים גופא, ווי אַ דערמוטיקונג און אָנלאָקונג צו אַ ווייטערדיקער פּאָליטיק פון דרוק און שאַנטאַזשיסטישע מאַניפּולאַציעס?

און צי קען נישט דער „הויפּט־שונא" עצהנען און באַגינסטיקן דורך באַקאַנטע באַקשיש־מיטלען, אַז דער מופטי און זיינע משרתים זאָלן טאַקע

www.libtool.com.cn

קוועטשן און דריקן וואָס מער און זאָלן טאַקע "דערשיטערן די יסודות״?

קיין איין וואָרט פון רויקייט, פון פעסטקייט האָט מען נישט געהערט פון דעם קאָלאָניעס־מיניטער. אַזאַ רעדע אַליין קלינגט ווי די גרעסטע פּראָוואָקאַציע בנוגע די אינטערעסן פון יידישן פאָלק און אפילו בנוגע דער סטאַביליטעט פון דער ענגלישער מלחמה־פּאָליטיק. און נאָכדעם — אַ צביעותדיקער פּסוק: "מיר אָנערקענען פולשטענדיק די יידישע רעכט אין ארץ־ישראל, אָבער אויך די אַראַבער דאַרפן האָבן גלייכע רעכט ווי יידן״...

און דאָס ווערט געזאָגט נאָך דעם, ווי עס ווערט באַרעכטיקט די דיס־קרימינאַציע פון יידישע רעכט און עס ווערן געשטעלט אין אַ אויסערגע־וויינלעך פּריווילעגירטן מצב די רעכט פון די אַראַבער. דווקא די אַראַבער וועלן קענען קויפן ערד אין ארץ־ישראל פראַנק און פריי אין אַלע זאָנעס, אין אַלע ווינקעלעך, אָן שום אַראָפּזעצונג און פאַרשמעלערונג פון די יידישע רעכט, טייטשט אויס דער פלינקער אויף דער צונג רעדנער, ווי אַ שוץ פון אַראַבישע רעכט...

און אַזוי איז עס געשען.

אַ פּאָליטיק, וואָס איז געווען פאַרטראַכט אין שלום־צייט, וואָס האָט באַצוועקט מבטל צו מאַכן די באַלפור־דעקלאַראַציע, וואָס האָט אַרויסגערופן אין דער יידישער וועלט אַ שטורעם פון פאַרביטערונג און צאָרן, וואָס איז דורך דער מאַנדאַט־קאָמיסיע פון פעלקערבונד אָפּגעוואָרפן געוואָרן, וואָס האָט געזאָלט אויף דער צייט פון קריג לכל־הפחות סוספּענדירט ווערן — אָט די פּאָליטיק ווערט דווקא איצט דורך דער ענגלישער רעגירונג און ענגלישן פּאַרלאַמענט אָנגענומען צו דער באַלדיקער פאַרווירקלעכונג!...

אַ פאָלק צאַפּלט זיך אין יסורים, טראָגט די גרעסטע און בלוטיקסטע קרבנות אין איצטיקן קריג, מיט דער הייסער בענקעניש אויסגעלייזט צו ווערן אין לאַנד פון זיינע אבות און זיינע קינדער, האָט פאַרבונדן זיינע לעצטע האָפענונגען מיטן זיג פון רעכט און גערעכטיקייט אין רעזולטאַט פון דאָזיקן טיטאַנען־צוניפשטויס — אָט דאָס פאָלק ווערט אויף אַזאַ גרויליקן אופן פאַרפירט און אָפּגענאַרט. ווערט דעגראַדירט און באַשפּיגן דווקא פון יענער זייט, וווּ ער האָפט צו געפונען מיטהילף און מיטאַרבעט!...

יאָ, דער תירוץ איז פאַרטיק: די אייזערנע נויט פון קריג, די נויט־ווענדיקייט אַלץ צו שטעלן אין קאָן, אַבי דעם קריג צו געווינען — דאָס

www.libtool.com.cn

האָט געצוווּנגען ענגלאַנד איינצוגיין אויף אַזאַ אומפאַרשעמטן און אומ־גערעכטיקן אַנטי־יידישן אויפטו.

אָבער מיר זענען אָפּטימיסטן. מיר גלויבן נישט, אַז דאָס איז דאָס לעצטע וואָרט פון דער ענגלישער פּאָליטישער חכמה. אויב די גזירה איז אַ קאָניונקטור־זאַך, אַ פּועל־יוצא פון אַ פּאַרוויקלטער פּאָליטישער סיטואַציע, איז זי נישט דויערהאַפט. איז זי וואַקלדיק.

קען זיך בייטן דער פּאָליטישער וועטער און עס קענען דיקטירט ווערן דורכן זעלביקן קאָלטן, אַכזריותדיקן פּאָליטישן חשבון אויך אַנדערע זיגזאַגן און אויסוועגן...

עס איז נישט אונדזער שולד, וואָס דער אויפבוי פון ארץ־ישראל, וואָס דער שיקזאַל פון דער יידישער נאַציאָנאַלער היים איז פאַרפלאָכטן מיט די אינטערעסן פון אַ וועלט־אימפּעריע, וואָס האָט זיך אירע אינטערעסן און אירע קאַלקולאַציעס.

נישט מיר האָבן דעם שותף אויסגעוויילט. אַזוי איז אונדזער גורל אויסגעפאַלן. אָבער איינס ווייסן מיר אויף זיכער. פּונקט אַזוי ווי די פיר יאָר טעראָר האָבן נישט אָפּגעשטעלט דעם יידישן דראַנג צו ארץ־ישראל און נישט געליימט דעם וווּקס פון אונדזערע פּאָזיציעס אינם לאַנד, פּונקט ווי קיינע כוחות פון שמירה און פּאָליציי, האָבן נישט געקענט אָפּהאַלטן די עליה קיין ארץ־ישראל — אַזוי וועלן אויך נישט העלפן און נישט גילטן די גזירות רעות פון מאַקדאָנאַלד.

עס בייטן זיך צייטן און מענטשן, עס פאַרשווינדן קאַבינעטן און פּאָליטישע סיסטעמען. דאָס יידישע פאָלק וועט קעמפן! מיר וועלן זיך נישט באַרויִקן. למען ציון לא אחשה!

און יידישע יוגנט וועט נאָך טאַנצן אַמאָל געקייטלטע, לוסטיקע "האָראַס" אויף יענע פעלדער, אויף וועלכע עס איז היינט אָוועקגעלייגט געוואָרן אַ טאַבו פאַר דער יידישער פוס, און יונגע שטאַרקע הענט וועלן זיך פאַרוואַרפן אויף די שולטערס, און יונגע אויגן וועלן אויפבליצן מיט אַחוזק־שמייכעלע: ברודער־לעבן! ווו איז די אַמאָל באַרימטע גזירה, הא? ווו זענען די גזירה־געבער אַליין? העכער, שטאַרקער, ברידער! ווייל —

„אל יבנה הגליל, אל יבנה הגליל״!...

9.3.1940

www.libtool.com.cn

# אַ מעשה וואָס האָט זיך פאַרלאָפן

אַ קליינע מלחמה אין גרויסן טיטאַנען־קאַמף, אַן אויפבליץ פון אַן עפּיזאָד אויפן פאָן פון ריזיקן אימפּעריעס־צונויפשטויס, — דאָס איז געווען דער פיניש־רוסישער קריג, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן און זיך פאַרענדיקט אומפאַרהאָפט־פּלוצלונג ביי גלייכע דראַמאַטישע תנאים...

ווען ראַטן־רוסלאַנד האָט פאַריקן נאָוועמבער געשטעלט אירע פאָדע־רונגען צו פינלאַנד, איז געווען אָנצונעמען, אַז פינלאַנד וועט זיי נישט אָפּוואַרפן. פריער עסטלאַנד, נאָכדעם לעטלאַנד און צולעצט ליטע האָבן אָקצעפּטירט די סאָוועטישע פאָרשלאָגן, וואָס האָבן באַצוועקט צו פאַר־שטאַרקן די מיליטערישע פּאָזיציעס פון ראַטן־פאַרבאַנד אין באַלטיקום און צו שאַפן אַ ברייטן גאַרטל באַפעסטיקונגען אַרום די אויסגאַנג־פּונקטן פון דער סאָוועטישער סטראַטעגיע.

פאַרוואָס זאָל פינלאַנד נישט איינגיין אויף אַזעלכע קאָנצעסיעס אויף איר טעריטאָריע, וואָס וואָלטן נישט באַרירט איר סוווערעניטעט און וואָלטן אין ערגסטן פאַל איר געשטעלט אונטערן איינפלוס פון דער סאָוועטישער אויסערן־פּאָליטיק? העלסינקי האָט פונדעסטוועגן די פאָדערונגען אָפּגע־וואָרפן און האָט עס געמאַכט צוליב צוויי סיבות.

ערשטנס, האָט פינלאַנד אַן אַלטן פחד פאַר איר גרויסע שכנטע. זי געדענקט די יאָרן פון יאָך און אָפּהענגיקייטן אונטער דער אַלטער רוסישער צאַריסטישער מאַכט, וואָס האָט, אמת, איר געגעבן אַ געוויסע אויטאָנאָמיע, אָבער האָט געקענט צו יעדן געשעפענעם מאָמענט אָפּנעמען די אַלע גוטע זאַכן און זי פאַרוואַנדלען אין אַ געוויינלעכע רוסלענדישע גובערניע.

עס זענען שטאַרק געווען די רעמיניסצענצן אויך פון יאָר 1918, ווען נאָך די באַוואָפנטע אינטערווענץ פון דייטשלאַנד האָט געראַטעוועט פינלאַנד פון אַ פולשטענדיקער סאָוועטיזאַציע. זי האָט באמת מורא געהאַט, אַז איר דערוואַרט איצט דער זעלביקער גורל, אַז עס וועט זיך אָפּשפּילן די מעשה סודעטן־לאַנד נומער צוויי: פריער אַן אומשולדיק געביטל און נאָכן פינגער ווערט אַריינגעשלעפּט אין דער צומאָלונגס־מאַשין די גאַנצע האַנט...

צווייטנס, האָט צו יענעם מאָמענט שוין געהאַט אויפגעפלאַקערט די מלחמה. פוילן איז שוין געלעגן אין חורבות. די אַליאירטע זענען געווען

www.libtool.com.cn

אויפגעבראָכט אויף מאָסקווע, הלמאי זי האָט געשטאַרקט בערלין און האָט געשטיצט דאָס הינטערלאַנד פון דריטן רייך. מען האָט שוין געזוכט פאַרן קריג נייע נעווראַלגישע פונקטן. מען האָט געהאַט בדעה צו האַלטן ווו נאָר עס לאָזט זיך אָפענע אייטערדיקע ווונדן.

זאָל זיך טומלען אויף דאָרטן אין צפון, בשעת עס רודערט זיך אין איראָפּע...

עס וועט צוניץ קומען. מען וועט האַלטן אין שפּאַנונג די סאָוועטישע מיליטער־מאַכט.

פינלאַנד איז אַזוי אַרום דערמוטיקט געוואָרן אין איר ווידערשטאַנד־גייסט. שפּעטער איז אויפגעטרייסלט געוואָרן פון זיין זיסן דרעמל דער פעלקערבונד און האָט געמאַכט אַן עפעקטיוון זשעסט. ער האָט אויסגע־שלאָסן פאַקטיש רוסלאַנד פון זיין באַשטאַנד און צעגעזאָגט הילף פאַר דער אַנגעגריפענער פינלאַנד.

העלסינקי איז אַריין אין קאַמף. זי האָט געוווּסט, אַז זי קעמפט קעגן אַ ריז. די כוחות זענען אומגלייכע — 1 קעגן 50. די רוסישע מענטשן־רעזערוון זענען אומאויסשעפּלעך. און סוף־סוף איז דאָך דער דעצידירנ־דיקער פאַקטאָר אין היינטצייטיקן קריג נאָך דער טעכניק — דער סאָלדאַט ירום הודו אַליין. די פינען האָבן פאַרמאָגט אַ סאַך מוט, העלדישקייט, אַ גוואַלדיקן אויפפלאַם פון פאַטריאָטישע געפילן און האָבן געהאָפט אויף הילף — הילף נישט נאָר מיט מעדיקאַמענטן, געלט און געווער און מיט־געפיל־טעלעגראַמעס, נאָר מיטן גרונט־קאַפּיטאַל — מיט אַרמייען.

דאָס איז געווען דער חשבון, אויף וועלכן עס האָט געבויט איר פּאָליטיק פון האַרטנעקיקייט און אָפּוועזר די העלסינקער רעגירונג. וואָלט די מעשה פינלאַנד געשען אין אַ שטילער צייט, וואָלט עס געווען אַן עפּיזאָד, וואָס וואָלט זיך אָפּגעוויקלט צווישןביידע פּאַרטנערן און וואָלט נישט געהאַט קיין שום איינפלוס אויפן פאַרלויף פון דער גרויסער אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטיק. געווען אַזאַ "אינצידענט" מיט אַבעסיניע, מיט אַלבאַניע, מיט עסטרייך, מיט טשעכאָסלאָוואַקיי. קיין איראָפּעיִשע מלחמה וואָלט עס זיכער נישט אַרויסגערופן און די זיילן פון איראָפּעיִשן "וואַקלדיקן גלייכ־געוויכט" וואָלטן נישט דערשיטערט געוואָרן.

האָט אָבער פינלאַנד "מזל" און דער קאָנפליקט צווישן איר מיט רוס־

www.libtool.com.cn

לאַנד איז אַריינגעפלאָכטן געוואָרן אין גרויסן מלחמה־שפּיל צווישן די ריזן־מלוכות. איז עס געוואָרן אַ טייל־בילד פון גרויסן מלחמה־געוועב. איז עס געוואָרן אַ מיטל צו אַ ווייטגייענדיקן ציל, און פינלנאַד איז געפאַלן אַ קרבן פון איר טעות און פון — פרעמדע הבטחות...

איצט ווען די שריפה אויפן פינישן פראָנט איז אויסגעלאָשן געוואָרן און די פינען זיצן אויף זייערע ״בבל־טייכן״ און באַוויינען דעם אומגליק, האָט זיך צופלאַקערט אין ענגלישן פּאַרלאַמענט אַ דיסקוסיע — אַ שפּעט־לעכע דיסקוסיע צווישן טשעמבערליינען און האַר־בעלישאַן.

האַר־בעלישאַ האָט איצט געפונען דעם ריכטיקן מאָמענט אויפצומאָנען פון בריטישן פּרעמיער אַן אַלטן חוב. פאַרוואָס האָט ער זיך איינגעשפּאַרט און נישט געוואָלט שיקן קיין פינלנאַד מיליטערישע הילף? ער דעקט אויף אייגנטלעך דעם סוד פון זיין, האַר־בעלישאַס דעמיסיע, וואָס איבער אירע סיבות האָבן פּאָליטיקער און סתם נייגעריקע מענטשן געבראָכן דעם קאָפּ.

טשעמבערליין האָט זיך פאַרענטפערט, אַז פינלנאַד האָט נישט געבעטן...

האַר־בעלישאַ שרייט: אַ פּוילער תירוץ! באמת האָט זי יאָ געבעטן!...

אָבער אָנגענומען, אַז פינלאַנד האָט געבעטן און ענגלאַנד וואָלט זיך צונויפגערעדט מיט פראַנקרייך און וואָלט נאָך מיט חדשים צוריק אַרויס־געשיקט דעם עקספּעדיציע־קאָרפּוס, וואָס איז, לויט די רייד פון דאַלאַדיע, געשטאַנען גרייט מיט די זעקלעך און פּעקלעך ערגעץ ווו אין אַ האַפן און האָט געוואַרט מער נישט אויפן סיגנאַל: ״הושיעה־נאַ״!

קיין ספק נישט: אויך אָט דער קאָרפּוס וואָלט באַדייט מער אַן אַקט פון סימבאָלישער הילף, וואָס וואָלט דעם קריג אין צפון אפשר פאַרצויגן, אָבער וואָלט פינלנאַד נישט געראַטעוועט.

אין ראַטן־רוסלאַנד איז בכלל זייער נישט פּאָפּולער דער רעיון פון אַ פראַנצויזיש־ענגלישער אינטערווענץ אויף דער סאָוועטישער טעריטאָריע. עס איז נאָך געבליבן שטעקן אין דער נשמה דער ביטערער טעם פון אינטערווענצן פון דער אַנטאַנטע אין די יאָרן 1918—1919 אין אָדעס און אין מורמאַנסק, אין סיביר און אויף קאַווקאַז. דעמאָלט האָבן די סאָוועטן זייער געשיקט אויסגענוצט אין דער פּראָפּאַגאַנדע אָט די אינטערווענצ־יאָניסטישע פאַרמעסטענישן פון דער פראַנצויזיש־ענגלישער מיליטער־לייטונג: מען גייט אויפריכטן ראָמאַנאָווס טראָן! מען העלפט די ווייס־

www.libtool.com.cn

גוואַרדייער אויפשטעלן ווידער אַמאָל די ערשאַפט פון אוריאַדניק און פריץ, די צייטן פון קנעכטשאַפט און אונטערדריקונג!

און די דאַזיקע פּראָפּאַגאַנדע האָט באמת ווונדער באַוויזן. עס וואָלט געווען אַ נאַרישקייט איבערצוחזרן דעם דאָזיקן אומגעלונגענעם און לכתחילה אויף אַ דורכפאַל פאַרמשפּטן פּרווו. אַן עקספּעדיציע־קאָרפּוס קיין פינלאַנד, וואָס זאָל עווענטועל באַדראָען לענינגראַד, וואָלט נאָר אַרויסגערופן די שלומערנדיקע פּאַטריאָטישע געפילן פון די ברייטע רוסישע מאַסן.

און שיקן גרויסע אַרמייען, וואָס זאָלן זיין אימשטאַנד צו דעראָבערן רוסישע געביטן און שטעלן מאָסקווע אויף די קני איז, פאַרשטייט זיך, אַן אוממעגליכקייט און אַן אומזין.

וואָס זשע וואָלט האָר־בעלישאַ געוווּנען מיט זיין עקספּעדיציע? גאָר־נישט! דער פּרעסטיזש פון די אַליאירטע וואָלט נאָכמער געליטן. וואָלט אַריין אַרצה. עס וואָלט געעפנט אַ נייעם פראָנט פון קריג קעגן ראַטן־פאַרבאַנד, מיט וועלכן די אַליאירטע פירן נאָך היינט קיין מלחמה נישט און וואָס וואָלט זייער מיליטערישן פּאָטענציאַל אָפּגעשוואַכט. און — דאָס הייסט די פּאָזיציעס פונם הויפּט־שונא, פון דייטשלאַנד וואָלט עס פאַר־שטאַרקט.

איין פּעולה וועט דער איצטיקער איצט־אָפּגעשלאָסענער אין צפון־אייראָפּע קאַפּיטל געשיכטע זיכער האָבן: די נייטראַלע קליינע לענדער וועלן זיך נאָך מער פאַרפּאַנצערן און פאַרשאַנצן הינטער די מחיצות פון זייער נייטראַליטעט, וועלן שטרענגער היטן זיך און די גוטע פריינט פון אַריינצופּלאָנטערן זיך אינם קריג צווישן די קאָלאָסן, צווישן די גרויסע לויתנס. סיידן זייער נייטראַליטעט זאָל אַליין אָנגעגריפן ווערן דורך די קריגפירנדיקע צדדים צוליב סטראַטעגישע און טאַקטישע טעמים.

קיינער פון די קליינע וויל נישט לייגן זיין קאָפּ אין געפערלעכן שפּיל...

15.3.1940

www.libtool.com.cn

# אויך דו מוטער ציון

אויך איר, די בערג און טאָלן פון ציון, ווערט אַריינגעצויגן אין פייער פון קריג.

אויך דו, הייליקע שטאָט ירושלים, די שטאָלצע, גאַנץ יידישע שטאָט תל־אביב, אויך חיפה, טבריה, יידישע קאָלאָניעס און קיבוצים — אויך איר אַלע ווערט געשטעלט איצט אונטער די געשפּענסטער פון דער מלחמה. די כוואַליע פון האַס און צעשטערונג האָט דערלאַנגט אויך צו אייך. איר טיילט איצט דעם גורל פון דעם יידישן ציבור אין אייראָפּע.

מיר האָבן תפילה געטאָן הייס און האַרציק אַז לכל הפּחות אייך זאָל דער פייער־אוראַגאַן שאַנעווען, עס האָט זיך געוואָלט אַז איר זאָלט בלייבן דער אומבאַרירלעכער אינדזל אין ים פון צרות און ליידן, אין וועלכע עס טונקט זיך די יידישע וועלט.

וואָרום איר זייט דער מקום מקלט פאַר די קרבנות פון קריג. אַהין אין אייערע אָרעמס האָבן זיך דאָך געדאַרפט ראַטעווען די פאַרוואָגלטע און פון זייערע היימען פאַריאָגטע יידן. און עס האָט זיך געדוכט, עס האָט זיך געוואָלט גלויבן, אַז אונדזער תפילה וועט דערהערט ווערן...

יאָ, מיר האָבן געוווסט, אַז ווען די טיטאַנען שטויסן זיך צונויף, ווען עס גיבן זיך אַ נעם אין טויט־געראַנגל ריזן־מדינות און אימפּעריעס, פאַר וועמען אייראָפּע איז צו ענג, וועלן די דונערן און בליצן אָפּהילכן אין דער גאַנצער וועלט און די שרפה וועט אַריבערוואַרפן אירע פייער־צונגען אויך אויף אַנדערע קאָנטינענטן.

מיר האָבן עס געוווסט, אַז דאָס קען געשען. אָבער עס האָט זיך אַזוי טיף געוואָלט, אַז דאָס זאָל ניט געשען.

אונדזער תפילה איז ניט דערהערט געוואָרן...

אויך אין אַזיע און אין אַפריקע וועט זיך איצט גיסן בלוט און עס וועט גרויליק לאַכן פון די מענטשן־קינדער דער מלחמה־טייוול. דער שטח פון די שלאַכטן ווערט אומגעהויער פאַרגרעסערט. עס קומט אַ פאַרצערנדיקער פלאַם. עס צעבושעוועט זיך אַן אָקעאַן פון פאַרניכטונגס־כּוחות.

און אויך דו, מוטער ציון, דו באַשיידענע, שטילע, פרומע, די מוטער פון אמונה און מאָראַל, די לערערין פון פעלקער און רעליגיעס — אויך דו

www.libtool.com.cn

פאָלסט אַריין אין פייערדיקן קרייז.

דיינע הייליקע לוחות זיינען שוין במילא צעבראָכן, דיינע געבאָטן זיינען נאָך פריער פאַרשוועכט געוואָרן — פאַרוואָס זאָל מען פאַר דיר אַליין דרך־ארץ האָבן ?... יאָ, אויך דו קענסט דערוואַרטן צו יעדער שעה פון טאָג און נאַכט אַ זשומען פון עראָפּלאַנען איבער דיינע ישובים און בערג...

זיי מוטיק, מוטער ציון! האַלט הויך דעם קאָפּ, זיי שטאַרק אין קראַפט! מיר ווילן גלויבן אַז דאָך וועט דער מלחמה־געוויטער דיך ניט שטאַרק באַרירן.

דו מוזט, דו וועסט דעם שווערן נסיון אַריבערטראָגן. דו מוזט, דו וועסט דעם סוף פון פּיין דערלעבן און צו פרייעם קיום אויפשטיין.

ווייל איבער דיר שוועבט גאָטס ברכה און די נחמה־רייד פון די נביאים ווערן אפילו דורך דיינע בערג־פעלדזן אַרויסגעפּליסטערט.

און מיט דיר צוזאַמען וועט דאָס גאַנצע יידיש פאָלק אויפגעריכט ווערן און די היינט צעבלוטיקטע און געשאָכטענע וועלט וועט מיט דיר צוגלייך גענעזן ווערן.

11.6.1940

## גם את יהדות ליטא !...

אותו ערב, באביב 1940, כשהגיעה לקובנה הידיעה המרגיזה על הצטרפותה של איטליה למלחמה, לאחר נפילתה של צרפת, היתה מתיחות עצבנית גדולה שוררת בבית הקטן שבחצר, ברחוב לוקשיו 12, שהיתה בו "המיפקדה הראשית" של יהדות ליטא. כאן היתה המערכת של ה"אידישע שטימע", עתונה המרכזי של היהדות הלי־טאית, כאן היו רוב המוסדות הציוניים.

בחדרו המרווח במערכת התהלך אילך ואילך ראובן רובינשטיין, העורך הראשי של ה"שטימע" ואחד המנהיגים החשובים ביותר של יהודי ליטא. עוד פעם ניגש למפת ארץ־ישראל ואזור הים התיכון,

הסתכל בה ארוכות, מדד בסרגל את המרחק בקו־האויר בין רודוס וחיפה ובין גבול לוב־מצרים לתל־אביב, עישן סיגאריה אחת אחרי השניה, לסוף ביקש מאת כל הנוכחים לצאת מן החדר: עליו לכתוב את המאמר הראשי למחר.

www.libtool.com.cn

ארץ־ישראל במערבולת המלחמה!

ר. רובינשטיין, המדינאי היהודי קר המזג, לא היה אדם סנטי־מנטאלי, הפובליציסטיקה שלו היתה תמיד רצינית מאד, שקולה, שכלית יותר מאשר אמוציונאלית, — אך מה שהופיע למחרת בעמוד השני של העתון הציוני הקובנאי היה יותר פואימה לירית מאשר מאמר פובליציסטי רגיל: השתפכות נפש וחרדה לבבית וכנה לקראת הבאות, מין ליריקה פובליציסטית, שכבר הכותרת שלה הביעה את הכל. כותרת זו נחרתה עמוק בלבי. מלים ספורות אלו נתנו ביטוי קולע ומלא לכל היחס הנפשי של יהדות ליטא לארץ־ישראל. אולי גם — של כל הגולה הדוויה לארץ־ישראל. הכותרת היתה במקור:

"אויך דו, מוטער־ציון!..." "גם את, אמא־ציון!..." כלומר: גם את, ארץ ישראל, מעכשיו באזור המלחמה, גם את נתונה לסכנת הפלישה, אולי סכנת חורבן...

"גם את, אמא־ציון!..." היתואר ביטוי־רגשות יותר לבבי־נפשי, יותר אינטימי וישר ליחס של קיבוץ יהודי גלותי — לארץ־ישראל? "אמא ציון" — כך ידעו לכתוב רק בקובנה, זו השוכנת לרגלי ההר אלאֶקסוטה, ממנו הביט אברהם מאפו אל מקום התמזגות הניאֶמאן והוויליה, וחלם את חלום אהבת ציון.

בשעה שארץ־ישראל נסחפה לתוך המערבולת המלחמתית, לא היתה כבר ליטא ארץ שקטה. כבר אז התחילו בה הזעזועים הפולי־טיים — אם כי רגש בטחון החיים לא נחלש — והמאמר האֶלאֶגי של רובינשטיין, עם נימת החרדה לגורלה של "אמא ציון" היה מעין שירת הברבור של יהדות ליטא. דווקא אז — חרדה כזו — לארץ־ישראל! איש לא פילל אותה שעה, שהתפתחות הענינים תלך בכיוון שכזה: שדווקא ארץ־ישראל תתרחק במשך הזמן מן הסכנה, ואילו יהדות ליטא — — — —

"הארץ", 12.2.1943

מאמר זה הופיע ב"הארץ" כשלוש שנים לאחר שהודפסו דבריו הנרגשים והכואבים של ר. רובינשטיין ב"די אידישע שטימע" בקובנה. מחבר המאמר ד"ר ד. לאזר.

www.libtool.com.cn

# בפרוץ הסערה בליטא

## (1941—1940)

### א. במאסר ובמחנה־הסגר

סתיו 1939. בימים ההם לא ידע שום איש בליטא, כי בין ברית־המועצות ובין גרמניה קיים חוזה חשאי, שלפיו נתונה רשות לשלטון המועצות להכניס תחת כנפיה את הארצות הבאלטיות. עם פרוץ המלחמה בין גרמניה ופולין, ב־1 לספטמבר 1939, התחילו להגיע לליטא בהמוניהם יהודים מפולין, פליטי החרב והחורבן. הרגשנו אז, שלחץ רוסיה הסובייטית על החיים הציבוריים בליטא הולך וגובר. לפי דרישות מוסקבה, הוצבו משמרים חזקים של הצבא האדום ברוב ערי הארץ. וילנא, שנכבשה על־ידי הסובייטים, סופחה באופן פורמלי לליטא. חלום הליטאים כאילו נתגשם. הוחזרה להם עיר הבירה הקדומה, אליה התגעגעו בכל שנות קיומה של ליטא המחודשת, אבל כולם הרגישו, שאין זו החזרת אבידה ממש, ומימרה היתה שגורה בפי הבריות: — "וילנה אמנם הוגשה לקובנה, אבל קובנה בלי ספק תוגש למוסקבה"... וכך היה. ביום 15 ליוני 1940 כבש הצבא האדום את ליטא כולה. הממשלה הפאשיסטית למחצה של הנשיא סמיטונה מוגרה ובמקומה הוקמה "ממשלה עממית" בראשותו של הסופר הליטאי פרופ' קריווה־מיצקביצ'יוס. ממשלה זו היתה השלב הראשון והחשוב להפיכת ליטא לרפובליקה סובייטית. לפי הנוסח המקובל בברית־המועצות, נערכו בחירות ל"סיים עממי": הוצגה רשימה אחת ויחידה של "ברית הקומוניסטים ובלתי־מפלגתיים", וזו זכתה כרגיל, ברוב עצום. פחד הצבא האדום נפל על האוכלוסיה. הסיים החדש הכריז ביום 23 ליולי על ליטא כעל רפובליקה סובייטית, שצורפה לאחר זמן־מה לברית־המועצות.

כשבועיים לפני זה התחילו השלטונות הסובייטיים במאסרים המוניים. נאסרו לעשרות ואחר כך למאות ראשי מפלגות, עסקני ציבור, מורים, ובכלל אנשים בעלי עמדה והשפעה. מאסרים אלה הטילו אימה על הציבור כולו באשר חוסלו האנשים, אשר עיצבו את דעת הקהל ושהיו ידועים בהשקפותיהם הדמוקרטיות או האנטי־סובייטיות. נאסרו אנשים מכל השכבות והחוגים, בני כל העמים היושבים בליטא, — ליטאים, פולנים, ביילורוסים, רוסים ויהודים. מבין התושבים היהודים נאסרו רק העסקנים הציוניים. היתה

www.libtool.com.cn

קיימת גם "מפלגה עממית יהודית" (יידישע פאָלקס־פּארטיי), שהוציאה עתון משלה, "פאָלקסבלאט". בה לא נגעו לרעה, אף שהאידיאולוגיה שלה היתה מנוגדת להשקפת הקומוניסטים. כל החרון ניתך על ראשי הציונים מכל המינים: ציונים־סוציאליסטים, ציונים כלליים, מזרחי ורביזיוניזם. את בטאון צ.ס. "דאָס וואָרט" סגרו, את עתון הציונים הכלליים "די אידישע שטימע", שהיה לו בית־דפוס משלו, הפכו לעתון קומוניסטי מובהק, וכדרכם שינו את שמו ל"עמעס". כל המפלגות והמוסדות הציוניים: הקרן הקיימת לישראל, קרן היסוד, המשרד הארצישראלי, כל בתי הספר העבריים הידועים לתפ־ארת — בכלל, כל מוסד עליו התנוסס דגל ציון, חוסל ופוזר, ודברי התנועה הציונית ומנהיגיה נאסרו.

בתהליך חיסול זה נאסרתי גם אנכי. בליל שבת, ב־12 ליולי 1940, אחרי חצות, באו נציגי ה־נ.ק.וו.ד., (הבולשת הפוליטית הסובייטית), ביניהם גם יהודי קומוניסט, ערכו חיפוש קפדני בכל דירתי, פשפשו והפכו בספרי ובניירותי, שמו את כל הכתבים בארגזים והושיטו לי פיסת נייר: היתה זו פקודת מאסר. אשתי החווירה ופרצה בדמעות, אבל אני הרגעתיה: "מובטחני, שמחר או מחרתיים ישחררו אותי, הלא שום חטא לא חטאתי, על שום חוק לא עברתי — למה יחזיקוני בכלא?"

נשקתי לשני בני הישנים, נפרדתי מאשתי ויצאתי החוצה בלווית אנשי הבולשת.

*

כלאו אותי בתא קטן וצר, יחד עם עוד כמה ליטאים. שבועות על שבועות לא חקרו אותי. מה פשעתי ומה חטאתי? מדוע נאסרתי? על מה ולמה? בשאלות כאלו פניתי בכל יום ויום לשוטרי בית־הסוהר, אבל לא קיבלתי מענה ברור: — "אין אנו יודעים ולא כלום! אנו שומרים פשוטים. ואל תדחק את השעה, יקראו לך, אל תדאג!" דרשתי שישלחו אלי את נציגה של הבולשת שאסרה אותי, אבל ללא הועיל. תנאי בתא היו איומים. האוויר מחניק. האסירים שוכבים על הרצפה המלוכלכת בצפיפות נוראה. אי־אפשר לפשוט את הרגליים. הנך שוכב מקופל כתינוק בבטן אמו. אין מובילים אותך לטייל בחוץ, כנהוג בכל בתי־הסוהר שבעולם. מנות האוכל זעומות.

www.libtool.com.cn

ליטא היתה ידועה בשפע מזונותיה — לא היה שום מחסור בלחם, דגים, בשר או חמאה. אבל השיטה היתה, כנראה, להרעיב את האסירים ולהתיש את כוחותיהם, למען ירך לבבם בעת שיעמדו לפני החוקר.

כל הקשרים עם העולם החיצוני נותקו לחלוטין. שום מכתבים לקרובים או מהם לא נתקבלו. ראיון עם אשתי — אסור! אולי אפשר לקבל תוספת מזון מהמשפחה — גם זה אסור! אסור לגשת אל החלון, אסור לשיר, אסור לדבר בקול רם, אסור לשכב בשעות היום, אסור לשוטרים למסור לנו עתון או לספר לנו על המאורעות המתרחשים מחוץ לכותלי בית־הסוהר. אסור ואסור!

כך עבר חודש ימים — ימי מצור ומצוקה, ימי רעב ודכאון נפשי. פתאום בלילה, בשעה שתים בערך אחרי חצות, נפתחה הדלת, העירוני משנתי והבהילו אותי ללכת מייד אל כבוד החוקר.

— מהר, מהר! — קרא השוטר — אחת־שתים — כמעט שלא הספקתי להתלבש.

בחדר גדול, באותו בית־הסוהר גופו, על־יד שולחן רחב, ישב ברנש רוסי טהור. עיניים קטנות ונוצצות, פנים זועפים.

החוקר ניגש מייד לכתוב פרוטוקול. שאלות פורמליות, פרטי־פרטים של הביוגרפיה ואזהרה חמורה: אוי ואבוי לך אם תשקר, אם תעלים איזה פרט שהוא! כל תשובותי רשם לפניו מתוך שקט גמור.

— נו, ועכשיו תספר לי — הרעים לפתע את קולו — על מעשיך הקונטררבולוציוניים!

— מה? מעשים קונטררבולוציוניים, מה זאת לפי דעתך קונטררבו־לוציה? התאוששתי והעזתי לשאול.

— אל תעמיד פנים של תם —— הקיש החוקר באגרופו על השולחן: — ספר את האמת ורק את האמת!

— סליחה, אדוני החוקר — התרגזתי גם אני, אבל השתדלתי להבליג על רגזנותי: — אתם אסרתם אותי ולפיכך מוטלת החובה קודם כל עליכם לבאר לי, במה אתם מאשימים אותי!

— הלא כבר אמרתי לך: אנו מאשימים אותך בקונטררבולוציה. נו, נדייק במקצת — בקונטררבולוציה ציונית. ידוע לנו שאתה היית אחד מפעילי הציונים בארצך, זאת אומרת, קונטררבולוציונר מובהק, שחור שבשחור.

www.libtool.com.cn

עליך להתוודות על חטאיך ואם תתחרט על מעשיך ותחזור בתשובה, ייתכן שאנו נרחם עליך ונמתיק את דינך.

— אמת, הייתי ציוני והנני גם עכשיו ציוני, — השבתי בשקט, — לפי דעתי אין לציונות שום קשר לקונטררבולוציה, אף לזו כפי שאתה מבין אותה. הציונות היא תנועה מהפכנית. היא שואפת לעקור את המוני העם היהודי מארצות תפוצותיהם, להעלותם לארץ־ישראל, שהיא מולדתנו הקדו־מה, ולהפכם לעובדי אדמה ולאנשי עמל ויצירה.

— אל תספר לי מעשיות — שיסע אותי החוקר מתוך לעג, הוציא מתיקו פתק וקרא מתוכו: — אתם הציונים הנכם מרגלים פשוטים, סוכני אנגליה, משרתי הקפיטליזם הבינלאומי, אתם רוצים לנשל מאדמתם את העמלים הערבים ולכונן בפלשתינה מדינה־בורגנית־ריאקציונית, שתהא מכורה לאימפריאליזם הבריטי ושתדכא את עמי המזרח התיכון... עכשיו אתה מבין? — הרים את ראשו מעל הנייר והסתכל בי מתוך ברק נצחון שבעיניו: — הנך רואה? קשה לרמות אותי! אל תיתמם! נו, עכשיו תספר לי?

— מכיוון שאתה, כנראה, יודע הכל ואין אתה זקוק לאינפורמציה שלי, הלא אין לי מה לספר לך — השבתי בשקט.

החוקר קפץ מעל כסאו ונעץ בי מבט ארוך. לאט לאט המשיך את דיבורו:

— כנראה, אין אתה מכיר את החוקר הסובייטי. זכור תזכור: אתה אויב העם, אתה מרגל וסוכן אימפריאליסטי. אנו יכולים למחוק אותך כהרף־עין מעל האדמה, פשוט למחוץ אותך כמו זבוב. ולפיכך אל תיתמם הרבה, פתח פיך וספר! בנת סוף־סוף?

— על מה לספר לך? מה אתה רוצה סוף־סוף ממני?

— ספר לי בטובך בפרוטרוט, אתה מבין? את כל הפרטים — מתי נתקבלת לשירות החשאי של בריטניה, איזו משכורת אתה מקבל לחודש, אי־אילו ידיעות כבר מסרת להם, מי הם חבריך ושותפיך במלאכת הריגול וכולי וכולי. והיה — אם תספר לי את כל האמת ותקרא בשמות כל עוזריך, אוכחה לדעת, כי אמנם הנך חוזר בתשובה, ואז אולי תרוחם, ז.א. שלא תירה.

— אתה משטה בי — עניתי במרירות: — אך אני חוזר על דברי. הלא אתה מאשים אותי, לפיכך אתה מחויב להביא את הראיות להאשמה מגוחכת שכזו. אם אני, לפי ידיעותיך, נכנסתי לתוך שירות הריגול הבריטי, בבקשה לברר וללבן לי את ראיותיך, בבקשה להראות לי את המסמכים ואת

www.libtool.com.cn

העדויות, אם ישנן תחת ידיך!

— אין לי צורך בראיות — השיב החוקר באדישות. — אתה בעצמך תספק לי את הראיות. אני יודע רק דבר אחד: כל עסקן ציוני הוא מרגל וסוכן של ממשלה זרה. אתה בוודאי קיבלת כסף לא רק בעד ידיעות צבאיות, אלא גם לשם מלחמה נגד התנועה המהפכנית הקומוניסטית. בנאומיך ובמאמ־ריך הרעלת את נפש הנוער היהודי ובאופן כזה חסמת לפני הנוער את הדרך למחנה המהפכני.

דברי הלהג האלה נמאסו עלי והשבתי תוך עייפות: — לא, אתה טועה! לא הייתי מרגל בריטי.

— אם כן, אולי היית מרגל גרמני? — הפתיע אותי החוקר בשאלה חדשה וכאילו נימה של שמחה ביצבצה מתוך דבריו.

לא יכולתי להתאפק מחיוך: — כלום אתה סבור באמת, שיהודי לאומי מסוגל להיות סוכנו של היטלר?

— ומדוע לא? — השיב החוקר בשאלה, — אינני מסופק אף רגע, שגרמנים עלולים להזמין דווקא יהודים לאומיים לשירות החשאי שלהם.

— אבל, כפי שקראתי בעתונים מלפני זמן, הלא נחתם חוזה של ידידות ואי־התקפה בין ברית־המועצות ובין גרמניה הנאצית, ובכן מה אתה מפחד מפני הריגול הגרמני?...

— Tu l'a voulu, Dandin! — קענען מיר אויסרופן מיט די ווערטער פון באַרימטן פראַנצויזישן שריפטשטעלער מאָליער (דו אַליין האָסט עס געוואָלט, דאַנדען!)

נאָר איר אַליין האָט עס געוואָלט! איר אַליין האָט געבראַכט היטלערן צו דער מאַכט, מיטן כוח פון אייער שטים־צעטל, וואָס איר האָט בשפע געוואָרפן אין דער וואַל־אורנע. איר אַליין האָט אים אין זאַטל אַריינגעזעצט. איר אַליין האָט אין אייער שפלותדיקן, הכנעהדיקן, סטאַדע־מעסיקן "היט־לער־גרוס" צו אים אייערע הענט געשטרעקט. און איר אַליין האָט אים געליפערט די אַרמייען מערדער און רויבער, די שוואַרצע קראָען־מחנות פון די געשטאַפּאָ־אויסוווּרפן און ס. ס.־לייט.

אַ ל ץ — א י ר אַ ל י י ן!

✶

זיי זענען גרויסמוטיק, די ריטערס פון אומשולד.

זיי שווערן אייך, אַז רעפּעראַציעס זענען זיי דווקא מסכים צו צאָלן. יאָ, פאַרשטייט זיך, מסכים נאָך אַ גאַנצער ריי באַוואָרענישן און אויסריידענישן:

www.libtool.com.cn

מ׳זאָל זיי איבערלאָזן וואָס מער ״סובסטאַנץ״, מ׳זאָל נישט דעמאָנטירן און נישט אַרויספירן קיין פאַבריקן, מ׳זאָל נישט טשעפּענען די אינדוסטריע פון סאַאַר און רור־געביט, מ׳זאָל זיי בכלל געבן וואָס מער ברויט, פּרנסה און פרייהייט. ערשט דעמאָלט וועלן זיי צאָלן.

זיי זענען גרייט, ווי זיי דריקן זיך אויס, צו טראָגן די ״מיטפּאַראַנט־וואָרטונג״. איז דאָך ממה נפשך: איז מען נישט שולדיק און מען טראָגט נישט קיין אחריות — דאַרף מען דאָך נישט צאָלן. צאָלט מען יאָ, הייסט דאָך דאָס, אַז מען אָנערקענט די אייגענע שולד! ווי שיקט זיך עס? איז דער תירוץ, אַז די מעשה צאָלעניש איז טאַקע מער נישט ווי אַ תירוץ. די דייטשן שטעלן אויס זייער קאָרט אויפן קורצן זכרון פון די פּאָליטיקער, אויף ווייכע הערצער פון גאַטספּאַרכטיקע ווייבער, אויף דער רחמנות־אַקציע, וואָס ווערט געטריבן מיט אַזאַ ברייטן פאַרנעם אין אַמעריקע און ענגלאַנד.

עלנט, נויט, הונגער — דאָס זענען די געשפּענסטער, וואָס דאַרפן אַנוואַרפן אַ פחד אויף דער עפנטלעכער מיינונג פון דער וועלט. מען דאַרף אַרויסהעלפן די אומגליקלעכע דייטשן פון די טיפענישן פון זייער אומגליק, וווהין די געשיכטע, דער גורל האָט זיי נעבעך אַריינגעוואָרפן. וועט זיין דייטשלאַנד זאַט, רייך און צופרידן, וועט דערפון קודם כל געניסן ווערן די צופוילטע און קראַנקע אייראָפּע.

דאָ הזרט מען איבער דעם אַלטן פּאָליטישן מאַנעוור פון די יאָרן 1920—1930. מען וויל ווידער אַריינשטאָפּן אין דער דייטשער אינדוסטריע אויסלענדישע קרעדיטן, ראַטעווען די קאָנצערנס פון זייער אומפאַרמיידלעכן אונטערגאַנג און דערנאָך מיט אַ נייעם אימפּעט און ברען אָפּבויען די ווירטשאַפטלעכע באַזע פאַר מיליטאַריסטישע אַוואַנטורעס. און אויב ס׳זענען נאָך פאַראַן אויף דער וועלט מענטשן מיט אָפענע אויגן און קלאָרן שכל, וואָס ווערן נישט נתפּעל פון די דייטשע פּראָפּאַגאַנדיסטישע מאַכערייקעס, שלעפּט מען אַרויס אויפן ליכטיקן שיין נאָך אַן אַרגומענט, וואָס קלינגט כמעט ווי אַ דראָאונג: זאָל מען פון דייטשלאַנד אָפּטאָן דאָס ביסל לייט־זעליקייט, וואָס זיי פאַרלאַנגען, איז פאַראַן אַ סכנה, אַז ס׳זאָל חס וחלילה וואַקסן דער נאַציזם...

גיט איבער אַ דייטשע צייטונג אַ בליץ־אַנקעטע, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן אין אַ פּריוואַטן קרייז פון דייטשן: ״וויפיל נאַציס זענען נאָך פאַראַן

www.libtool.com.cn

אין דייטשלאַנד?". די תשובות זענען געווען פאַרשידן. איינער מיינט: 10 פּראָצענט דייטשן זענען נאָך נאַציס. אַ צווייטער: 70—80 פּראָצענט. אַ דריטער: באַלד וועלן עס זיין 90 פּראָצענט. אַ פערטער שטעלט אַ שאלת תם: "וואָס איז אַזוינס אַ נאַצי?"

די סאַמע כאַראַקטעריסטישע איז אפשר די לעצטע תשובה. אין איר קלינגען עטלעכע תשובות מיט אַמאָל: מיט וואָס איז אַזוי שלעכט אַ נאַצי? און ווער איז נישט קיין נאַצי? איז דען איצט בעסער אָן די נאַציס?

אָבער אפילו די יעניקע דייטשע פּובליציסטן, וואָס לייקענען, אַז די נאַצישע באַצילן לעבן נאָך און מערן זיך אין דייטשן פאָלקס־אָרגאַניזם, האַלטן אויך, אַז עס וואַקסט אַ "נעאָ־נאַציאָנאַליזם", אַ "היפּער־פּאַטריאָטיזם", וואָס קען ווערן געפערלעך פאַר דער "דעמאָקראַטישער דערציִונג" פון די מאַסן, און זיי פּרעדיקן: וויל מען פּטור ווערן פון נייע נאַצישע געוויקסן און בליטן, מוז מען באַווייזן דער דייטשער באַפעלקערונג, אַז דעמאָקראַטיע איז אַ בעסערער געשעפט, באַצאָלט זיך בעסער, גיט מער מאַטעריעלע גיטער און זיסע זאַכן.

אַן אַרגומענט, וואָס שמעקט מיט שאַנטאַזש!

די בעלי הטענה באַמערקן אַליין נישט, אין וואָס פאַר אַ משונהדיקער ליכט זיי שטעלן די מענטאַליטעט פון דייטשן מאַסן־מענטשן, זיין אינערלעכע, זעלישע באַציִונג צום ענין דעמאָקראַטיע.

דעמאָקראַטיע איז אַ פּאָליטישער אָני־מאמין, אַ נשמה־באַדערפעניש פון ערלעכן, עטיש־דערצויגענעם מענטשן; דעמאָקראַטיע איז די אויסדרוק־פאָרם פון פּראָגרעס, פון רעכט און גערעכטיקייט פון נאַטירלעכן יושר־געפיל, פון פרידלעכן צוזאַמענזיין פון מענטשן און פעלקער. עכטע דעמאָקראַטיע איז די בעסטע און זיכערסטע גאַראַנטיע פאַרן וועלט־שלום.

אָבער דער דייטש משמעות באַטראַכט דעם ענין דעמאָקראַטיע ווי אַ "קו־האַנדל": ער קען זיין אַ פאַשיסט, ער קען זיין אויך אַ "דעמאָקראַט" — אַלץ הענגט אָפּ דערפון, וואָס עס לוינט אים בעסער — און ווער וועט אים מער אָנבאָטן, ער איז לכתחילה גרייט צו פאַרקויפן זיך אַליין, זיין נשמה, זיין מלוכה־סדר...

✶

www.libtool.com.cn

יאָ, דער דייטשער מאַסן־מענטש האָט קענטיק קיין זאַך נישט אָפּגע־לערנט פון דיביידע קאַטאַסטראָפעס נאָך ביידע וועלט־מלחמות און איז פּאָליטיש און מאָראַליש אַבסאָלוט נישט קרעדיט־פּעיִק. און דערפון קען מען אַרויסדרינגען נאָר איין אויספיר:

ער פאַרדינט נאָך נישט קיין "גוטע" שלום־באַדינגונגען, ער באַדראָט נאָך דעם וועלט־שלום. ער טרוימט נאָך וועגן פרעמדע לענדער, פרעמדע לעבנס, פרעמדע האָב און גאָב.

און דעריבער: Caveant consules! זאָלן די "קאָנסולן", די פירנדיקע וועלט־פּאָליטיקער אַן אויג איבער אים האַלטן!...

## זיי פאַרגעסן נישט

אָפט מאָל שפּילן זיך אָפּ ערגעץ ביי די זייטן פון וועג געשעענישן, וואָס דער פאַרבייגייער באַמערקט זיי נישט אין זיין איילִיקן גאַנג. אָבער דווקא זיי זיינען כאַראַקטעריסטיש און סימבאָליש און שפּיגלען אָפּ די איינשטעלונגען און שטימונגען פון דעם זינדיקן בן־אדם.

אָט, למשל! אַ דעלעגאַציע פון אונדזערע ישראלדיקע פעדאַגאָגן האָט באַזוכט דייטשלאַנד (פאַרשטייט זיך, מערב־דייטשלאַנד), האָט זיך דאָרט באַטייליקט אין דער קאָנפערענץ פון דער וועלט־קאָנפעדעראַציע פון די לערערס און האָט געהאַט אַ ספּעציעלע באַגעגעניש מיט די דייטשע פאַך־קאָלעגן.

ס'איז אַדורך ווי אומבאַמערקט. אויך אונדזער פּרעסע האָט זיך מיט דעם ענין נישט אָפּגעגעבן. ערגעץ־ווו איז דורכגעלאָפן אַ קליינע נאָטיץ און איז פאַרשלונגען געוואָרן אין דעם שטראָם פון אַנדערע נאָטיצן און ידיעות.

קיין אָפּקלאַנג, קיין ווידערקלאַנג!

און די מעשה איז דאָך טאָקע ווערט אונדזער געשפּאַנטע אויפמערק־זאַמקייט. וואָרום קודם כל פרעגט זיך דאָך, ווען אונדזער הסתדרות המורים האָט באַשלאָסן צו שיקן אַזאַ דעלעגאַציע קיין דייטשלאַנד, צי זיינען זיי

www.libtool.com.cn

גאָר נישט באַפאַלן קיין ספקות, צי דאַרף זי, צי מעג זי, צי מוז זי זיין פאַרטראַטן אין אַט דער קאָנפערענץ, וואָס קומט זיך צונויף אויף דער דייטשער ערד? מילא, שמועסט מען וועגן שילומים, וועגן קאָמפּענסאַציעס פאַרן יידישן מאַטעריעלן חורבן, געפינט מען נאָך אַ וועלכע עס איז פאַרענטפערונג פאַר אַט דעם קאָנטאַקט מיטן נאָך לעבעדיקן דור פון דייטשע רוצחים.

צו וואָס זאָל מען איבערלאָזן אין זייערע הענט די גזילה?

אויך פּאָליטיקער קומען צו אונדז און טענהן, אַז אונדזער פּאָליטישער ווילזיין, די אינטערעסן פון מדינת ישראל אויפן אינטערנאַציאָנאַלן פאָרום פאָדערן, מיר זאָלן אָנבינדן פּאָליטיש־דיפּלאָמאַטישע באַציִונגען מיט מערב־דייטשלאַנד. גאָט איז מיין עדות, אַז מיין נשמה שרייט קעגן אַזעלכע פאַרבינדונגען. אָבער אויך אַזאַ טענה קען נאָך האָבן אַ פּיצל לאָגיק, אַ שטיקל באַרעכטיקונג.

אָבער, צי מוזן מיר אָנטייל נעמען אין קולטור־קאָנפערענצן און קולטור־אימפּרעזעס, וואָס ווערן אָרגאַניזירט אין דייטשלאַנד?

יאָ, געוויס קען מען זאָגן, אַז דאָס איז געווען אַן אינטערנאַציאָנאַלע קאָנפערענץ און נישט קיין ספּעציעל־דייטשער צונויפקום. איז מה רעש?

איז, ערשטנס, באַדאַרף מען האָבן אין זינען, אַז אויף יעדער קאָנפערענץ, אַפילו פון אינטערנאַציאָנאַלן כאַראַקטער, דריקן אַרויף זייער שטעמפּל די גאַסטגעבערס. און נישט ווילנדיק מוזטו ווערן דער גאַסט פון געגעבענעם לאַנד אָדער פון דער געהעריקער לאָקאַלער אָרגאַניזאַציע. און אַ גאַסט מוז זיין העפלעך און מוז אַרויסווייזן פיינקייט לגבי דעם מכניס אורחים.

צווייטנס, די עצם באַגעגעניש און בשותפותדיקע אַרבעט מיט די דייטשע לערערס, וואָס האָבן דאָך אויסגעהאָדעוועט אַ דור פון דער היטלער־יוגנט, האָט געדאַרפט זיין פריקרע אין די אויגן פון אונדזערע לערערס און מדריכים, וואָס צווישן זייערע תלמידים אין מדינת ישראל זיינען פאַראַן נאָך הונדערטער און טויזנטער נאַצישע קרבנות, דירעקטע און אומדירעקטע.

נאָכן באַקאַנטן נצחון פון דייטשלאַנד איבער פראַנקרייך אין ביס־

www.libtool.com.cn

מאַרקס צייטן, האָט דער דייטשער קאַנצלער זיך באַרימט, אַז דאָס האָט געזיגט דער דייטשער לערער, מחמת ער האָט פאַרפלאַנצט אין יונגן דור דעם דייטשן פּאַטריאָטיזם. קיין צווייפל נישט, אַז דער דייטשער לערער האָט אויך אַ היפּשן חלק אין דעם אויפקום פון דייטשן ראַסיזם און אַנטיסע־מיטיזם. איז עס נישט נאָך אַ ביסל צו פרי פאַר אונדזערע לערערס זיך צו זעצן צום טיש מיט די דייטשע פּעדאַגאָגן?

אָבער ווייטער איז פאַרגעקומען נאָך אַן ערגערע מעשה.

אונדזערע לערערס־דעלעגאַטן האָבן זיך טאַקע געטראָפן אויף אַ ספּע־ציעלן צוזאַמענקום מיט זייערע דייטשע "קאָלעגן". די פאָרשטייער פון דער דייטשער לערערשאַפט, דערציילט מען אונדז, האָבן געוואָלט אָפּהאַלטן אַ ישוב הדעת מיט די ישראלדיקע פּעדאַגאָגן. וואָס איז? זאָלן די העברעיִ־שע פּעדאַגאָגן זיי אַן עצה געבן, ווי אַזוי צו ליקווידירן די „איבערבלייבע־נישן פון נאַציזם אין די לערן־ביכער און צו ווידמען אַ ברייטן פּלאַץ פאַר דער שילדערונג פון דער קאַטאַסטראָפע"...

און אונדזערע לערערס האָבן זיך נישט געפוילט און טאַקע געגעבן גוטע עצות, ווי אַזוי די דאָזיקע "רייניקונגס־מלאכה" דורכצופירן.

וואָרום די דייטשן גופא ווייסן נעבעך נישט, ווי אַזוי מען מאַכט דאָס און מיט וועלכע גאָפּל־מעסער מען עסט אָט דעם מאכל. טאַקע אַ גליק איז געשען, וואָס עס האָבן זיך איינגעפונען צופעליק אין דייטשלאַנד עטלעכע העברעיִשע לערערס, ווען נישט זיי, וואָלטן דאָך געבליבן אין די דייטשע שולן די אַלטע ספרי לימוד פון די נאַצישע צייטן.

דערפון באַדאַרף מען, הייסט עס, מאַכן דעם פּועל יוצא, אַז ביז איצט, שוין 14 יאָר נאָך דער היטלערישער מפּלה, איז נאָך ווינציק געטאָן גע־וואָרן דורך די דייטשע דערציִערס אויף אָט דעם גוואַלדיק שווערן שטח. די "רייניקונג" איז נאָך נישט געמאַכט געוואָרן בשלימות...

און נאָך אַ פּיקאַנטער פּרט: אויף אָט דער באַגעגעניש איז בייגעווען דער דייטשער פּראָפעסאָר עקאַרט, וואָס איז ממונה אויף דער "רייניקונג" פון די לערן־ביכער. ער דאַרף עס באַקעמפן די נאַצישע אידעאָלאָגיע אין די שול־ביכער. ווייזט זיך אַרויס, אַז דער זעלביקער בכבודיקער פּראָפע־סאָר איז אין היטלערס צייטן געווען דער ממונה אויף דער „פּאָליטישער דערציִונג" פון דער דייטשער "לופט־וואָפע", פון דייטשן לופט־פלאָט!

www.libtool.com.cn

**אַ פּראָפעסאָר אַ מאדים, אַ גוואַלדאָוונער בריה!**

אמת, עס ווערט אויף גיך צוגעגעבן, אַז דער דאָזיקער פּעןקער גע־לערנטער איז בשעתו געשיקט געוואָרן דורך דער „אונטערערד" אין די געצעלטן פון דער נאַצישער טומאה מיט אַ כוונה. אָבער ווי קען אַזאַ שליח דערציִען די לופט־פּליִערס אין היטלעריסטישן גייסט? וואָרום עס איז דאָך קלאָר, אַז ער האָט נישט געקענט מיט זיי לערנען די אַ נ ט י ־ ה י ט ל ע ־ ר י ס ט י ש ע תורה. והראיה, ער לעבט דאָך!...

נאָר אונדזערע היימישע שליחים־פּעדאַגאָגן, ווייזט זיך אַרויס, האָבן שוין געזאָרגט צו כשרן בתכלית הכשרות זייער אַנטייל אין דער קאָנפע־רענץ. זיי האָבן אַנטפּלעקט פּיל גבורה און נאַציאָנאַלן שטאָלץ. זייער פאַר־שטייער, וואָס איז אגב דער סעקרעטאַר פון דער הסתדרות המורים, האָט אָפּגעגעבן אַ קורצע דעקלאַראַציע אויף דער קאָנפערענץ. די דעקלאַראַציע איז געווען, ווי די פּרעסע טיילט מיט, „איינגעהאַלטן". ווי דען אַנדערש? צי קענסטו דען רעדן מיט אַ הויכן טאָן ביים גאַסט־געבער אין שטוב?

און דעקלאַרירט האָבן אונדזערע מחנכים, אַז זיי האָבן נישט פאַרגעסן און וועלן קיין מאָל נישט פאַרגעסן דאָס, וואָס די דייטשן האָבן געטאָן דעם יידישן פאָלק.

טאַקע זייער און זייער איינגעהאַלטן! אַנשטענדיק און צירלעך־מאַ־נירלעך!

צו וואָס זאָל מען באַנוצן שאַרפע רייד און ווי אַזוי קען מען זיין שאַרף, ווען די נשמה פון די דעקלאַראַנטן ווייטיקט נישט, קענטיק, מיט אַ טיפן פאַרצערנדיקן ווייטיק, ווען זי פלאַמט נישט מיט צער און צאָרן, ווען מען מוז עפּעס זאָגן וועגן דער „שואה" פון יוצא וועגן?

און ילמדנו רבנו: — וואָס הייסט — "זיי פאַרגעסן נישט און וועלן נישט פאַרגעסן"? דאָס איז דאָך סתם אַ פראַזע, וואָס איז נישט מחייב צו קיינע מסקנות, צו קיינע מעשים! יאָ, איך צווייפל נישט אַז אונדזערע לערערס האָבן געוויס אַ גוטן זכרון. אַ לערער מוז דאָך וויסן און געדענקען וואָס ער לערנט. בפרט אַ לערער פון געשיכטע וועט דיר אָפּזאָגן אויף אויסנווייניק די פּינקטלעכע כראָנאָלאָגיע פון אַלע וויכטיקע היסטאָרישע געשעענישן. ער וועט דיר זאָגן, ווי אַ פרומער ייד זאָגט אשרי, די נעמען און צונעמענישן פון אַלע מלכים, גדולים און וועלט־מערדער.

www.libtool.com.cn

נו, וועט ער דען פאַרגעסן דעם נאָמען פון גרעסטן וועלט־רוצח, וואָס האָט אויסגעהרגעט מיליאָנען יידן? וועט ער נישט געדענקען די דאָטעס פון דער יידן־אויסראָטונג און די געשיכטע פון יידישע יסורים? געוויס וועט ער געדענקען און וועט אויך זיינע תלמידים עס איבערדערציילן.

אָבער ווען די תורה האָט אונדז באַפוילן: „זכור את אשר עשה לך עמלק”! האָט זי געמיינט גאָר אַן אַנדער מין געדענקען. דאָס איז אַזאַ ג ע ד ע נ ק ע ן, וואָס מוז פירן צו ג ע ד אַ נ ק ע ן, און פון געדאַנקען צו מסקנות. ווען נישט דאָס — איז דאָס "נישט פאַרגעסן", מיט וואָס אונדזערע לערערס האָבן זיך באַרימט אויף דער קאָנפערענץ, אַ חוזק, אַן אָפּשפּאָט, אַ ביטערער וויץ.

וואָלטן אונדזערע מחנכים טאַקע נישט געקענט און נישט געוואָלט פאַר־געסן, וואָלטן זיי נישט מיטגעמאַכט די מיאוסע קאָמעדיע פון געבן עצות די דייטשע לערערס, ווי אַזוי זיי זאָלן דערקלערן זייערע תלמידים אונדזער אומקום־דראַמע.

וואָלטן אונדזערע לערערס טאַקע געפילט טיף אין האַרצן דעם ברע־נענדיקן, אומאויסלעשלעכן פּיין און שוידער פון אונדזער גרעסטן נאַציאָ־נאַלן אומגליק — וואָלטן זיי בכלל מוחל געווען אויפן כבוד צו פאָרן צו דער דאָזיקער קאָנפערענץ אין פ ר אַ נ ק פ ו ר ט, כדי נישט זיין גע־צוווּנגען זיך צו טרעפן מיט די דייטשע לערערס און צו געניסן פון זייער גאַסטפריינדלעכקייט.

ווי ווייט איז דען פראַנקפורט פון דאַכאַו און פון די מאַסן־קברים פון די יידישע קדושים וטהורים? צי האָט זיי, אונדזערע דעלעגאַטן, גאָרנישט באַאומרויִקט אַזאַ שוידערלעכע שכנות?

אָדער אפשר האָט זיי דאָס גאָר געהאָלפן "נישט צו פאַרגעסן"?

ניין, זייער „איינגעהאַלטענע” דעקלאַראַציע איז פאַלש. מיט זייער עצם קומען קיין דייטשלאַנד און מיט זייערע פריינדלעכע ישוב־הדעתן מיט די דייטשע לערערס האָבן זיי דערוויזן, אַז זיי האָבן טאַקע פאַרגעסן און אַז זיי ו ו י ל ן פאַרגעסן.

און אָט אַזאַ אויפפירונג מצד אונדזערע מחנכים, אָט די „אינזשינערן פון נשמות”, ווי זיי ווערן אָפּט מאָל אָנגערופן, דערשיטערט מיך, און איך געפין נישט דערפאַר קיין שום פאַרענטפערונג.

www.libtool.com.cn

און אויב אפילו חכמים ווערן געווארנט, זיי זאלן פארזיכטיק זיין מיט זייערע רייד, מעג מען דאך געוויס זאגן די לערערס:

— מורים, הזהרו בדבריכם ובמעשיכם!

13.9.1957

## אויף פארשידענע לשונות

איך גלויב נישט, אז די טעמע וועגן די באציונגען צווישן מדינת ישראל און די תפוצות און דער גאנצער קנויל פראבלעמען, וואס איז געבונדן און געקייטלט דערמיט, זאל ווען ס'איז אראפגיין פון אונדזער סדר־היום.

דער וויכוח, אפטמאל א קאלטער, און אפטמאל א היציקער און דענער־ווירנדיקער, וועט תמיד אויפפלאקערן פון צייט צו צייט אויף אונדזערע עפנטלעכע טריבונעס ביי יעדער פאסיקער און אומפאסיקער געלעגנהייט. און דעם אמת געזאגט, ס'איז נישט צו זען, אז די בעלי הוויכוח, וואס קרייצן זייערע פאלעמישע שווערדן מיט פיל טעמפעראמענט און איבער־צייגונגסקראפט, זאלן קומען צו אן עמק השווה, זאלן זיך צונויפרעדן אויף א געוויסער פשרה. ניין, דאס וועט נישט געשען!

ווייל אין זייערע לאגישע, אויף שכל באגרינדעטע באווייזן, פלאנטערט זיך אריין א היפש ביסל פסיכאלאגיע. מיר, די ישראלים, שטרעבן מיטן גאנצן הארצן צו דערוווייזן, אז אלע יידן דארפן, מוזן און קענען עולה זיין, ווייל מיר ווילן דא ווערן שטארקער, פילצאליקער, פארפונדעוועטער און זיכערער.

דער אינסטינקט פון אליין־דערהאלטונג, פון המשכדיקן קיום צווינגט אונדז אפילו אומבאוווסטזיניק אנצוציען וואס מער יידן פון דער גרויסער וועלט, זיי זאלן זיך אנשליסן צו אונדזער גורל און אונדזער לעבן.

נו, און דער גלות־ייד, אדער, ווי ס'איז אנגענומען צו טיטולירן אים — דער גולה־ייד, וועלכער לעבט אין גוטע באדינגונגען אין זיין היים — גוטע, ווירטשאפטלעך, פאליטיש, מענטשלעך — קלאמערט זיך מיט הענט און פיס אן זיין ווווילזיין, און וויל זיך פון ארט נישט רירן. ער זוכט דיר אויס אלערליי תירוצים און קאמבינירט אויס אלע מעגלעכע ארגומענטן, כדי זיך

www.libtool.com.cn

אַליין און אויך אַנדערע צו איבערצייגן, אַז זיין לאַגע איז אומדערשיטערלעך און ער און זיינע קינדס־קינדער האָבן נישט וואָס מורא צו האָבן פאַר דער צוקונפט.

איז וואָס האָט דער ישראל־ייד זיך אַנגעזעצט אויף זיין לעבן און וויל אים פאַרפינצטערן די מערכה מיט שוואַרצע נביאות־זאָגעכצער?

דער דאָזיקער אַלט־נייער וויכוח האָט זיך איצט צעפלאַקערט ביי אונדז אין שייכות מיט דער קאָנפערענץ פון די "בני־ברית", וואָס איז פאָרגעקומען אין ירושלים. און מיט דער סעסיע פון ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט, וואָס איז אויך אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין דער עיר הקודש.

דער מנהיג פון די "בני־ברית" פ. קלוצניק, זייער געוועזענער פרעזידענט, און קענטיק אויך אידעאָלאָג פון דער "שיינער גולה", האָט איינגעטיילט די יידישע קיבוצים אויף דער וועלט אין דריי גרופעס:

איין גרופע קיבוצים לעבט אין לענדער אָפּגעשטאַנענע, אונטער רעאַקציאָנערע פּאָליטישע רעזשימען. זיי דאַרפן מיט אַלע מיטלען עוקר זיין פון זייערע ווין־לענדער און עולה זיין קיין ישראל. דאָ וועלן זיי געפינען זייער מקום מנוחה און אַ שעפעריש לעבן. דאָ וועלן זיי צום ערשטן מאָל אין זייער לעבן פילן דעם טעם פון אַ פרייער, דעמאָקראַטיש געאָרדנטער עקזיסטענץ.

צו דער צווייטער גרופע יידישע קיבוצים געהערן די יידישע ישובים אין אַזעלכע לענדער, וווּ פאַרמעל געניסן יידן פון אַלע בירגערלעכע רעכט, אָבער זיי ווערן אונטערדריקט ווי יידן. זייער נאַציאָנאַל קולטורעל לעבן איז ליקווידירט און זייער מענטשלעכע ווירדע ווערט באַליידיקט. אויך די יידן פון דאָזיקן מין באַדאַרפן מיט אַלע כוחות אַנטרונען ווערן קיין ישראל. פאַרשטייט זיך, אויף וויפל דאָס לאָזט זיך — אויף לעגאַלע און אומלעגאַלע דרכים. וועלכע לענדער ער האָט דערביי אין זינען איז קלאָר.

פאַראַן נאָך אַ דריטע גרופע לענדער, וווּ יידן לעבן זיך אויס. דאָרט לעבן זיי אַבסאָלוט פריי ווי מענטשן און ווי יידן. זיי זענען אויך מאַטעריעל גוט סיטואירט. זיי ליידן נישט פון קיין שום געזעלשאַפטלעכער דיסקרימינאַציע. אַנטיסעמיטיזם? יאָ, ער איז פאַראַן, אָבער ער ווערט קלענער און שוואַכער און שפּירט זיך נישט ווי אַ געזעלשאַפטלעכער פאַקטאָר.

די דאָזיקע דורכן גורל אויסדערוויילטע יידן האָבן קיין ברעקל גרונט

www.libtool.com.cn

נישט אויסצוואַנדערן ערגעץ־ווו — אויך נישט קיין ישראל.

צוליב וואָס? וואָס פעלט זיי?

אין דער קאַטעגאָריע פון אַט די מזלדיקע מדינות רעכנט אַריין מיסטער קלוצניק, פאַרשטייט זיך, קודם כל, די פאַראייניקטע שטאַטן פון צפון־אַמעריקע, — זיין אייגענע היים, אויך קאַנאַדע, לאַטיין־אַמעריקע, דרום־אַפריקע, מערב־אייראָפּע, אויסטראַליע.

פאַרשטייט זיך, מ׳וואָלט גאַנץ היפּש געקענט פאַרמינערן דעם ליכטיקן אָפּטימיזם בנוגע דעם געזעלשאַפטלעכן מעמד פון יידן אין די דאָזיקע אַלע לענדער.

דער אַנטיסעמיטיזם פאַרשווינדט דאָרט? הלוואי, רבונו של עולם!

אָבער מיר הערן אַנדערע גרוסן פון יענע מקומות. און מיר וויסן אויך פון אונדזער היסטאָרישער דערפאַרונג, אַז שנאת ישראל ווערט נישט אויס־געוואָרצלט פון גויִשע הערצער אַזוי שפּילעוודיק־לייכט. פאַרקערט: וואָס בעסער ס׳איז די מאַטעריעלע לאַגע פון יידן אין אַ באַשטימטער סביבה, אַלץ גינסטיקער ווערט דער באָדן פאַר גיפטיקע אַנטי־יידישע שפּראָצונגען.

נאָר מילא, לאָמיר נאָכגעבן די אָפּטימיסטן!

די עיקרדיקע שאלה פון יידישן קיום אין די תפוצות איז דאָך נישט דער אַנטיסעמיטיזם, נאָר די צוקונפט, דער המשך פון יידישן לעבן, און פון יידישע דורות. ס׳ווערט פאַרזען די געוואַלדיקע סכנה פון אַסימילאַציע, פון דער מיתת נשיקה, וואָס באַדראָט די "גוט סיטואירטע" יידישע ישובים. אין דער בעסטער גולה קען נישט געמאָלט זיין קיין שלמותדיק גייסטיק און סאָציאַל יידיש לעבן.

די דאָזיקע פריווילעגיע געהערט נאָר צו דער יידישער מדינה.

אָבער ווער זאָגט, אַז יידן אין די אַמעריקעס, למשל, בענקען גאָר נאָך אַזאַ לעבן? דער דורכשניטלעכער יידישער מענטש, וואָס איז באַזאָרגט מיט פּרנסה, וואָס פילט זיך פריי אין זיין ווין־לאַנד און האָט נאָך דערצו אַ בית־מדרש, און זיינע קינדער לערנען יידישקייט אויפן שפּיץ מעסער אין אַ נאָכמיטאָג־שול, אַזאַ ייד איז העכסט צופרידן מיט זיין גורל.

ער שפּירט נישט די צרת היהודים און אויך נישט די צרת היהדות, לויט דער אַלטער ציוניסטישער טערמינאָלאָגיע.

ווען אַ מענטש פילט זיך, ברוך השם, געזונט, ווערט דאָך אים נישט

www.libtool.com.cn

איינרעדן, אַז ער איז, לא עליכם, קראַנק.

אויף אַט דעם שטח, פאַרלירט דער וויכוח יעדן זין און טעם. בפרט נאָך, אַז אַפּט האַלט ער, אַז ער דערפילט זיין חוב לגבי יידישקייט מיט זיינע תרומות פאַר די ישראלדיקע קאַמפּיינס און הלוואות. מדינת ישראל איז פאַר אים אַ לויכטנדיקער טורעם. זי פאַרשטאַרקט זיין יידישן באַוווּסט־זיין און דערוועקט אין אים געפילן פון נאַציאָנאַלן שטאָלץ.

אָבער פון דאַנען ביז פּערזענלעכער עליה איז אַ ריזיקער מהלך!

ביי פיל כשרע צאָלערס פאַר די נאַציאָנאַלע פאָנדן און קויפערס פון די "באָנדס" ווערט זייער שאַרף אָפּגעגרענעצט זייער ישראלדיקער סענטי־מענט פון זייער בירגערלעכן פליכט־באַוווּסטזיין.

ער איז אַ ייד און אַ ישראל־פריינט, אָבער נאָך מער איז ער אַן אַמעריקאַנער פּאַטריאָט.

איינער פון די דאָזיקע פּאַטריאָטן, האָט זייער אָפנהאַרציק דעמאָנסטרירט די דאָזיקע פסיכישע גרענעץ. ווען עס זאָל — די שעה זאָל נישט זיין! — אויסברעכן אַ מלחמה צווישן אַמעריקע און — ישראל, וואָס וועט ער דאַן טאָן? ער וועט, זאָגט ער, אָן שום וואַקלעניש גיין אין דער אַמעריקאַנער אַרמיי קעמפן מיט געווער אין די הענט קעגן ישראל. ווייל דאָס איז זיין פליכט לגבי דער "אַמעריקאַנער נאַציע".

נישטאָ, הייסט עס, פאַר אים קיין יידישע נאַציע. און קיין שום קאָנפליקט וועט נישט אויפשטורעמען זיין נשמה, ווען ער וועט נעמען זיין ביקס און גיין שיסן אין ישראלדיקע זעלנער.

אַ גליק, וואָס עס זעט זיך נישט אין דער פּערספּעקטיוו, אַז וואַשינגטאָן זאָל דערקלערן אַ מלחמה מדינת ישראל. יידן ווילצלען זיך, אַז דאָס וואָלט גאָרנישט געווען אַזוי שלעכט. ווייל אַמעריקע וואָלט דאָך אונדז זיכער באַזיגט. ווער קען זיך פאַרמעסטן מיט אירע סילאָגנען און ראַקעטעס? און דאַן וואָלט זי דאָך געדאַרפט אויסהאַלטן דאָס באַזיגטע לאַנד ישראל. וואָלט אונדז דאָך טאַקע גוט און ווויל געווען ווי די וועלט!

אלא וואָס דען? יידן פרעגן זיך: און ווען ישראל זאָל חס וחלילה באַזיגן אַמעריקע, ווי אַזוי וואָלט דעמאָלט די רעגירונג זיך אַן עצה געגעבן מיט איר תקציב? אדרבא, האַלט אויס אַמעריקע!

נאָר אַ וויץ אין דער זייט.

www.libtool.com.cn

די דאָזיקע מענטאַליטעט, וואָס עס אַנטפּלעקט דווקא אַ גוטער אַמע־ריקאַנער יידישער "פּראָ־ישראַליסט", איז זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר ברייטע יידישע קרייזן אין אַמעריקע און אויך אין אַנדערע לענדער. איז ווי קענסטו קומען צו זיי מיט דיין ציוניסטישער טעאָריע און אידעאָלאָגיע? ווי אַזוי קענסטו פאַרלאַנגען פון אים הגשמה עצמית, אַ פּערזענלעכע עליה? ער איז פּשוט נישט אימשטאַנד דיך צו פאַרשטיין.

דו פאַרלאַנגסט פון אים אידעאַליזם, וואָס איז נישט גאַנגבאַר ביי יעדן דורכשניטלעכן בירגער.

ווען דו פאָדערסט פון אים, אַז ער זאָל לכל הפחות שיקן אַהער זיינע קינדער, זיי זאָלן שלאָגן וואָרצלען אין לאַנד און בויען די יידישע מדינה, קוקט ער אויף דיר ווי אויף אַ צעדולטן אָדער אין בעסטן פאַל ווי אויף אַ וויצלינג: צו וואָס? זיין זון שטודירט אין אַ הויכשול און שניידט זיך אויף אַן אינזשיניער אָדער דאָקטאָר (דער אַלטער טרוים פון יידישע טאַטע־מאַמע!) און ער וועט זיכער מאַכן אַ גוטע קאַריערע אין די "גוטע" לענדער, איז צוליב וואָס זאָל ער גיין זוכן גליקן ערגעץ אַנדערש ווו?

יאָ, קיין צווייפל נישט, אַז דער חלוציזם אין זיין פאַרמלחמהדיקער געשטאַלט, ווי ער האָט זיך אויסגעפורעמט אין מזרח־איראָפּע, — אין פּוילן, ליטע, רומעניע — דער דאָזיקער מין חלוציזם קען נישט האָבן קיין קענטיקע הצלחה אין די אַמעריקעס.

ווייל לאָמיר זיך מודה זיין: אויך דער אידעאַליזם פון דער יידישער יוגנט אין מזרח־איראָפּע איז אויפגעקומען דעמאָלט אונטער דער בייטש פון דער ביטערער יידישער נויט.

11.6.1959

## נאָענטקייט צו ווייטקייטן

די הגדה ווייזט זיך אַרויס, האָט שוין ביז איצט אויסגעהאַלטן אַרום דריי טויזנט אויסגאַבעס. נאָכן תנ"ך איז זי אפשר דאָס פּאָפּולערסטע ווערק אין דער יידישער וועלט. פאַרשטייט זיך, אַז עס האָבן זיך אַנגעקליבן הונ־

www.libtool.com.cn

דערטער פּירושים און מעשׂיות און אגדות אַרום אָט דער מערקווירדיקער הגדה של פּסח.

איך מיין, אַז דאָס דערקלערט זיך דערמיט, וואָס די מעשׂה מיט יציאת מצרים איז תּמיד לעבעדיק, חיותדיק, סימבאָליסטיש. וואָרום יידן האָבן דאָך געהאָט אויף זייער וואָגל וועג נישט איין יציאה פון אַ פינצטערן גלות, נישט איין נס פון אויסלייזונג, פון אויפקום, פון נאַציאָנאַלער גאולה.

די הגדה לאָזט זיך דעריבער אַקטואַליזירן.

זי דערמאָנט טרויעריקע געשעענישן און פריידיקע אויפטרייסלונגען אויך פון אונדזערע טעג. תּמיד קענסטו געפינען אין דער הגדה פּסוקים, וואָס קענען אַפּשפּיגלען די אַרומיקע ווירקלעכקייט, די געדאַנקען און שטרעבונגען און טענדענצן פון די היינטיקע טעג.

אָט למשל, די וווּנדערלעכע אין זייער פּשטות און טיפע אין זייער זין פּסוקים:

— בכל דור ודור חייב אדם לראות את עצמו, כאילו הוא יצא ממצרים... שלא את אבותינו בלבד גאל הקדוש ברוך הוא, אלא אף אותנו גאל עמהם — אין יעדן דור איז דער מענטש מחויב צו באַטראַכטן זיך, ווי ער אַליין וואָלט אַרויסגעגאַנגען פון מצרים, ווייל נישט נאָר אונדזערע עלטערן האָט גאָט אויסגעלייזט, נאָר אויך אונדז האָט ער אויסגעלייזט צוזאַמען מיט זיי.

יעדער פון אונדז, הייסט עס, דאַרף זיך פילן ווי אַ גאָר נאָענטער מחותּן אויף אָט דער פאַרצייטיקער, מיט טויזנטער יאָרן צוריק פאַרלאָפע־נער דראַמע.

יעדער פון אונדז האָט געקנאָטן ליים און געמאַכט ציגל און געבויט פּיתום מיט רעמסס פאַר פרעהן, און אויף אונדזערע אייגענע רוקנס האָט געפּייפט די בייטש פון די אַמאָליקע "קאַפּאָס", און מיר אַלע זענען מיט שׂמחה און געזאַנג אַרויס פון בית עבדים צו אַ נייעם, פרייען, גליקלעכן לעבן.

דעריבער טאַקע האָבן מיר דאָך רעכט צו ענטפערן אויף די פיר קשיות איין גרונטיקע תּשובה: עבדים היינו במצרים — מיר אַלע, וואָס זיצן דאָ איצט ביים סדר, זענען געווען קנעכט אין מצרים.

עס הייסט, יעדער פון אונדז איז מחויב זיך פּסיכיש אַריינצולעבן אין אָט דעם ווייטן, יסורימדיקן עבר. נאָר דאַן קענען מיר פילן דעם נס פון גאולה און נאָר אויף אַזאַ אויסטערלישן אופן קענען מיר זיך אַריינוועבן

www.libtool.com.cn

מיט אונדזער נשמה און מוח אין דער געשיכטע פון פאָלק ישראל, זיך באַהעפטן מיט זיינע ליידן און פריידן.

פונקט אַזוי ווערט יעדער ייד דאָך אויפגעפאָדערט צו זען זיך אַליין אַ שטייענדיקן ביים באַרג סיני; נישט זיינע אבות, נאָר ער אַליין איז בפועל ממש געשטאַנען ביים באַרג און האָט מקבל געווען די תורה אין דונערן און בליצן.

איך מיין, אַז דערין, אין אָט דער ענגער, נשמהדיקער באַהעפטונג מיטן עבר ליגט דער סוד פון אונדזער המשכדיקייט, פון אונדזער אומפאַרגענג־לעכקייט, פון אונדזער אייביקייט. דאָס איז אַן אייזערנע אָדער גאָלדענע (רוף עס ווי דו ווילסט!) קייט, וואָס איטלעך רינגעלע אין איר בינדט דיך צונויף מיטן גאַנצן מהות פון עם ישראל, מיט זיין היסטאָרישן גורל, מיט זיינע אידעאַלן און וויזיעס.

פאַרשטייט זיך, דאָס איז אמתדיק נישט נאָר פאַר יציאת מצרים.

אָט ווערט אָפּגעמערקט אין די פסח־טעג דער יאָרטאָג פון וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד. אַ קאַפּיטל פון גלענצנדיקער יידישער גבורה, אַ הערלעכע דעמאָנסטראַציע פון אומבויגעוודיקן יידישן רצון און צוגלייך אַ דערמאָנונג פון שוידערלעכע עינויים, פון טייוולאַנישער טעווטאָנישער אכזריות.

האַלט מען אָפּ אין דער יידישער וועלט און בפרט אין ישראל־לאַנד מאַסן־פאַרזאַמלונגען און טרויער־אַקאַדעמיעס, געווידמעט דעם אָנדענק פון די קדושים און גיבורים. הערט מען אויס די רעדעס, זאָגט מען אָפּ דעם קדיש, אויב אַזאַ קדיש ווערט געזאָגט, און מען צעגייט זיך אַהיים.

יאָ, געוויס, אונטערן איינדרוק פון פייערדיקן וואָרט און פון דער אינטימער איבערלעבעניש!

אָבער זייט מיר מוחל, אויב איך בין חושד גאָר ברייטע קרייזן אונדזערע, אַז די דאָזיקע טרויער־צערעמאָניע לאָזט נישט איבער אויף זייער געמיט אַ דויערנדיקן איינדרוק. און פאַראַן דאָך גאָר גרויסע שיכטן פון דער באַפעלקערונג, וואָס גייען בכלל נישט צו אַזאַ אימפּרעזע, ווייל זיי ווילן זיך נישט קאַליע מאַכן די שטימונג...

געווען אַמאָל אַזאַ מעשה און — שוין!

קען מען דען לעבן מיט אָט די פיינלעכע דערינערונגען? צי דאַרף מען זיך פאַרסמען טעג און נעכט מיט זכרונות וועגן די געטאָ־יסורים?

www.libtool.com.cn

און וואָס איז דאָ די גדולה פון אויפשטאַנד קעגן די דייטשע הענקערס, ווען די יידישע יוגנט אין ארץ־ישראל האָט באַוויזן — בשעת דער מלחמת השיחרור גרעסערע העלדישקייטן מיט מער הצלחה?

אויף אַזעלכע שטימונגען און טראַכטענישן קען מען זיך לייכט אָנשטויסן אין אונדזער געזעלשאַפט.

אָט דאָ ווילט זיך דערמאָנען דעם פסוק פון דער הגדה: יעדער ייד איז מחויב צו באַטראַכטן זיך אַליין, ווי ער וואָלט בכבודו ובעצמו געווען אין די געטאָס און קאַצעטן און ווי ער אַליין וואָלט זוכה געווען צו נעמען אָנטייל אין באַוואָפנטן קאַמף קעגן די נאַציש־דייטשע רשעים. זאָל ער זיך אַריינהאַקן אין מוח און אין האַרצן, אַז ער פּערזענלעך איז על פּי נס געראַטעוועט געוואָרן פון שוידערלעכן אומקום.

דעמאָלט וואָלט יעדער פון אונדז אַנדערש געדענקט און געפילט און ער וואָלט גענומען גאָר אַן אַנדער שטעלונג צום פּראָבלעם דייטשלאַנד און צום אויפוואַכנדיקן, ממש לעינינו, נעאָ־נאַציזם.

יאָ, נישטאָ קיין אַנדערע, בעסערע און ריכטיקערע מאָס פון אונדזער פאַרבונדנקייט מיט יידן און מיט יידישקייט אין צייט און אין שטח, ווי אָט דאָס באַוווסטזיין פון אונדזער אינדיווידועלער באַטייליקונג אין היסטאָרישע פּאַרקומענישן און אָפּקומענישן, ווי ווייט זיי זאָלן נישט זיין פון אונדז.

נישטאָ קיין בלויזן, קיין ווייסע פלעקן, קיין פוסטער חלל אין דער יידישער געשיכטע.

אָט אַזאַ איז זי — און נעם זי ווי זי איז!

און אָט איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין ירושלים ערב פסח אַ כינוס לחקר המקרא — א צוזאַמענקום צו פאַרשן דעם תנ"ך. אייגנטלעך האָט מען אויף דער קאָנפערענץ נישט געפאָרשט דעם תנ"ך, נאָר אויסגעהערט רעפעראַטן וועגן די פאָרשונגען פון געלערנטע תנ"ך־מומחים. דאָס איז נישט דער ערשטער כינוס פון אָט דעם מין. און איך ווער איטלעך יאָר נתפעל, מיט וואָס פאַר אַ ברען און התמדה פיל הונדערטער ישראל־בירגער, לערנער און פשוטע פאָלקס־מענטשן, יונג און אַלט, שטאָטישע איינוווינער און קיבוצ־ניקעס, זעצן זיך לערנען תורה.

דער תנ"ך איז געוואָרן ביי אונדז אַ געוואַלדיקער צוציאונגס־צענטער פאַר גייסטיקן געניוס און פאַר וויסן. איז דאָס בעצם קיין ווונדער נישט.

www.libtool.com.cn

אין לאַנד פון תנ״ך, ווו דו געפינסט די נעמען פון יענע בערג און טאָלן און נאַטור־ווינקעלעך, ווו דו טרעטסט איצט מיט די פיס, קען מען צום בעסטן לערנען און באַנעמען דעם ספר הספרים, זיינע שיינקייטן און טיפקייטן.

אָבער עס לאָזט זיך מערקן ביי געוויסע פּלייסיקע תנ״ך־לערנער אַ מאָדנע טענדענץ, וואָס איז אַנטי־היסטאָריש און דעריבער בשום אופן נישט באַרעכטיקט.

איינער פון אונדזערע בלי ספק גרויסע תנ״ך־קענער האָט זיך אַרויס־געזאָגט אין זיין אַרויסטריט אויפן כינוס, אַז ערשט איצט קערן מיר זיך באמת אום צום תנ״ך, און אַז דער תנ״ך איז געווען פאַרשטויסן און פאַר־דרענגט אויף אונדזער גאַנצן גלות־וועג. ער גייט אַרויס פון שטאַנדפונקט, אַז דאָס, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין דער נאָך־תנ״ך־תקופה, האָט ווייניקער ווערט פאַר אונדזער נאַציאָנאַלער קולטור.

איז ערשטנס נישט ריכטיק, אַז דער תנ״ך איז אָפּגערוקט געוואָרן אויפן הינטערפּלאַן פון יידישן לימוד און אינטערעס אין משך פון הונדערטער גלות־יאָרן. די משנה, די גמרא, דער מדרש זענען דורכגעזאַפּט און דורכ־געדרונגען נישט נאָר מיט דער תורה, נאָר אויך מיט די נביאים און כתובים. און איז דען דער מלבי״ם נישט קיין טיפער פירוש צום תנ״ך? און וואָס האָט געטאָן רש״י? און וואָס האָבן געמאַכט די הונדערטער מפרשים פון תנ״ך?

און די העברעיִשע ליטעראַטור — סיי פון ספרדישן פּעריאָד און סיי פון דער נייער תקופה? צי איז זי דען נישט פאַרוועבט מיטן גייסט, לשון און סטיל פון תנ״ך? צי קען מען זיך גאָר פאַרשטעלן די העברעיִשע דיכטונג פון אַלע תקופות אָן די אוצרות פון תנ״ך, וועלכע שפּיגלען זיך אין איר ווי טייערע דימענטן אין אַ קרוין?

צווייטנס, וואָלט געווען אַ מין לייכטזיניקער ״כנענישער״ שפּרונג אַריבערצוהיפּן איבער דער דורותדיקער יצירה פון יידישן געניוס אין אַלע אירע אַנטפּלעקונגען, איבער די שאַפונגען פון לאַנגן גלות־פּעריאָד.

מילא, פאַר אונדזערע היימישע כנענים, וואָס פּלאָנטערן זיך אין די פּאָלעס פון זייער אומגעלומפּערטן, ברייטן בגד פון סעמיטישן ״לעבנס־רוים״, איז אַזאַ באַנעם ווי אַנגעמאָסטן.

אָבער אָן אמת דענקנדיקער מענטש, וואָס אָריענטירט זיך אין די

www.libtool.com.cn

קליינע פינטעלעך און איז מײַלן ווייט פון דער טיפּישער כנענישער עם־הארצות, קען נישט און טאָר נישט מאַכן אַזאַ פאַטאַלן פעלער, ווי איבער־פירן אַ פאַרניכטנדיקן שטריך איבער אַזאַ נאַציאָנאַלער עשירות.

די איינציקע נחמה איז, וואָס אַזאַ "גרויסמוטיקער" אָפּזאָג פון דער רייכער ירושה וועט נישט העלפן. דאָס יידישע פאָלק וועט זיך דערפון נישט אָפּזאָגן.

זאָלן מיר נישט געגליכן ווערן צו יענעם פאַרשוין פון די פיר בנים אין דער הגדה, וואָס פרעגט מיט געמאַכטער תמימות: מה העבודה הזאת לכם?

יאָ, די גאַנצע תורה ועבודה פון אַלע היסטאָרישע תקופות, פון אַלע שעפערישע יידישע גייסטער זענען לייבלעך־אונדזעריקע, זענען אונדזער אייביקער מעכטיקער אוצר.

22.4.1959

## ישראלים אין דער פרעמד

דאָס איז, קען מען זאָגן, אַן אייביקע טעמע.

זי וועט זיכער קיינמאָל נישט אַראָפּגיין פון אונדזער געזעלשאַפטלעכן סדר היום. ערשטנס, דערפאַר, ווייל דאָס פּראָבלעם עקזיסטירט, צווייטנס, דערפאַר, וואָס פאַראינטערעסירטע עסקנים נוצן עס תמיד אויס צוליב פאַרשידענע פּאָליטישע און עגאָיסטישע צוועקן.

דאָס איז די שאלה וועגן דער ירידה און די יורדים. איצט האָט ווידער די דאָזיקע שאלה זיך אַרויסגערוקט אויפן פאָדערגרונט פון אונדזער ציבור־לעבן. ריכטיקער געזאָגט: מען האָט זי אָפּגעפרישט. אָפּטמאָל דוכט זיך מיר, אַז עמיצער האָט אַ מין מאַזאָכיסטישן פאַרגעניגן זיך צו גריבלען אין אָט דער ווייטיקדיקער פראַגע.

ווייל זינט איך געדענק, האָט נאָך קיינער גאָרנישט מחדש געווען אין דער באַלויכטונג און אין דער דורכלופטערונג פון ירידה־פּראָבלעם. אַלץ אַלטע טענות, מאָטיוון, באַשולדיקונגען און אַנגריפן.

אין כל חדש תחת השמש.

www.libtool.com.cn

און דאָס קען בעצם נישט זיין קיין חידוש.

וואָרום די ירידה עקזיסטירט זינט עס איז פאַראַן די עליה. דער „אַראָפּגאַנג" איז בעצם אַן אומאויסמיידלעכע באַגלייט־דערשיינונג פון „אַרויפגאַנג". אַזוי איז געווען ביי אַלע מיגראַציע־באַוועגונגען אין גאַר דער וועלט: פאַראַן אַן אימיגראַציע און פאַראַן אַן עמיגראַציע. מענטשן גייען אַריין און אַרויס — דאָרט, פאַרשטייט זיך, ווו די טיר און טויער זענען אָפן.

און אויב אַזאַ איז דאָס אומאויסמיידלעכע געזעץ פון סאָציאַלן לעבן אין אַלע מדינות פון דער וועלט און אין אַלע צייטן, איז פאַרוואָס זאָל זיין אַנדערש ביי אונדז יידן און דווקא אין ארץ־ישראל?

קען מען דאָך געוויס זאָגן: דער משל איז נישט גלייך צום נמשל, דאָ רעדט זיך דאָך וועגן ארץ־ישראל, וועגן דער ארץ־הבחירה, וועגן גלות־פּיינען און גאולה־בענקשאַפטן. דאָ מוזן דאָך די עמיגראַנטן, וואָס מיר האָבן זיי אַ נאָמען געגעבן גדלותדיק־שטאָלץ „עולים" — האָבן אַ באַזונדערס הייסע נשמה־פאַרבינדונג מיטן לאַנד פון די אבות און פון די קומענדיקע דורות.

יאָ, על פּי שכל דאַרפן זיי און מוזן זיי.

אָבער, ס'איז אַ ביטערער טעות, ווען מען מיינט, אַז אַלע יידן זענען געקנאַטן פון איין טייג און אַלע יידישע נשמות פלאַטערן מיטן הייליקן ניצוץ פון גאולה. יידן קומען אויך אין דער יידישער מדינה אונטערן דרוק פון דער גלות־נויט: זיי פילן זיך דאָרט שלעכט אין זייערע אַלטע היימען, מען מאַכט זיי ענג די טריט. דער אַנטיסעמיטיזם פּייטשט איבער זייערע קעפּ ווי אַ שאַרפער האַרבסטיקער ווינט.

און געהערט האָט מען, אַז אין יידישן לאַנד פילן זיך יידן אַלס יידן זייער גוט. נו, פאָרט מען, קומט מען. און אויב מען ברייט זיך אָפּ ביי די ערשטע שריט אין נייעם לעבן — פאַרגעסט מען, וואָס עס האָט זיי אַקאָרשט געטריבן פון שטיף־מוטער־לאַנד און מען צעגיסט זיך באַלד מיט אַ קלאָג־מוטער־ליד.

איז נאָך נישט געווען אַזאַ עליה, אפילו די סאַמע אידעאַליסטישע, וועלכע האָט נישט געגעבן קיין ירידה. ווייסן מיר למשל, אַז די צווייטע עליה, נאָך דער רוסישער רעוואָלוציע פון יאָר 1905, די עליה, וועלכע

www.libtool.com.cn

האָט אַריינגעבראַכט אין לאַנד עולים־אידעאַליסטן, ריינע נשמות, מענטשן פאַרהאַרטעוועטע און געפּאַנצערטע קעגן אַלערליי נסיונות, האָט אויך געגעבן אַ גאָר גרויסן פּראָצענט יורדים.

אַ סברא, אַז נישט מער ווי צען פּראָצענט פון יענע עולים זענען פאַרבליבן אין לאַנד און זיך פאַרוואָרצלט. די איבעריקע האָבן זיך צוריק־געקערט, ווער אין רוסלאַנד און ווער אין די אַמעריקעס.

פון דעסטוועגן איז, פאַרשטייט זיך, זייער וויכטיק און באַלערנדיק צו פאָרשן ביי איטלעכער נייער ירידה־"כוואַליע די סיבות פון אָט דעם "השיבנו נאַזאַד". דערמיט פאַרנעמען זיך ביי אונדז סטאַטיסטיקער און סאָציאָלאָגן. און עס וואָלט טאַקע גוט געווען, ווען עס ווערט אָנגעקגעזעצט אַן ערנסטע קאָמיסיע פון פּסיכאָלאָגן און סאָציאָלאָגן און אויך פון עסקנים — אַ קאָמיסיע, וועלכע זאָל אָביעקטיוו פאָרשן און זוכן די פאַקטאָרן פון אָט דער צוריק־באַוועגונג פון יידישן לאַנד.

קיין אונטערשייד נישט, צי עס האָבן פאַר די לעצטע 7 חדשים פאַר־לאָזן דאָס לאַנד 6 טויזנט יורדים, ווי לייט זאָגן, אָדער די צאָל איז געווען ווינציקער. די עצם דערשיינונג דאַרף אונדז אינטערעסירן. ווייל מיר זשאַלעווען יעדן יידן, וואָס אַנטלויפט פון דאַנעט. נישט נאָר מחמת מיר מוזן דאָ האָבן מער יידן צוליב די אַלגעמיינע אינטערעסן פון אונדזער מדינה־אויפבוי, נאָר אויך צוליב די אייגענע אינטערעסן פון די יורדים און בפרט פון זייערע קינדער.

וואָרום זיי אַליין ווייסן נישט, וואָס פאַר אַ פאַרברעך זיי באַגייען לגבי די קינדערלעך, וואָס זענען אין ישראל שוין געבאָרן געוואָרן אָדער וואָס זענען געקומען אַהער מיט זייערע עלטערן סך־הכל מיט געציילטע יאָרן צוריק און האָבן זיך שוין איינגעפּעדימט אין געוועב פון ישראל־לעבן.

ס'איז קיין ספק נישט, אַז די קאָמיסיע וועט אויסגעפינען פיל צענד־ליקער סיבות פון דער ירידה. וואָרום יעדער יורד האָט זיך זיין סיבה און זיין מאָטיוו און זיין תירוץ. יאָ, מען קען אפילו קלאַסיפיצירן די דאָזיקע הירוצים און איינווענדונגען לויט געוויסע קאַטעגאָריעס: ווירטשאַפטלעכע, פּסיכאָלאָגישע, פּאָליטישע, סאָציאַלע און סתם פּסיכאָפּאַטישע. און דאַן וועט אפשר מעגלעך זיין אָנצונעמען מיטלען צו לינדערן די דאָזיקע צרה, צו פאַרקלענערן די ירידה און צו שאַפן אַזאַ אַטמאָספער אין לאַנד, וואָס זאָל

www.libtool.com.cn

אָפּהאַלטן די פּאָטענציעלע יורדים פון זייער פאַטאַלן שריט.

אָבער זיכער איז, אַז אינגנאַנצן ליקווידירן די ירידה וועלן מיר נישט קענען.

ווייל, ווי געזאָגט, ביי איר גאַנצער אומנאַטירלעכקייט איז זי דאָך אַ נאַטירלעכע דערשיינונג.

מיר גיבן נישט און וועלן קיינמאָל נישט געבן קיין מאָראַלישע באַרעכ־טיקונג די יורדים — די עווענטועלע און די אָפּגעפּאָרענע. אָבער עס איז לעכערלעך, ווען איצט — ווען עס האָט שוין אָנגעהויבן צו שמעקן אין דער לופט מיטן שטורעם־געוויטער פון די קומענדיקע כנסת־וואַלן, — פאַרפירט מען ביי אונדז וויכוחים, ווער איז שולדיק אין אָט דער ירידה.

אַזאַ עפּנטלעכער וויכוח איז פאָרגעקומען נישט לאַנג אין תל־אביב. און פאַרשטייט זיך, אַז די אָפּאָזיציאָנעלע רעדנער האָבן געוואָרפן די גאַנצע שולד אויף דער רעגירונג — אויף איר שטייער־פּאָליטיק, אויף דער אומ־גינסטיקער פאַר ביזנעס אַטמאָספער, אויף די באַאַמטע און אויף דער סוכנות. און דער פאַרשטייער פון דער קאָאַליציע האָט געשליידערט די שולד־פּילקע אויף צוריק, אין טויער פון דעם קעגנער.

און אסור, אויב עמיצער איז קלוג געוואָרן פון אָט דער איינזייטיקער טענדענציעזער דיסקוסיע.

וואָרום אויב דער ענין ירידה איז געוואָרן אַ טעמע פאַר פּאַרטיי־פּאָליטישע רייסערייען און אָריינזאָגענישן, וועט אונדז קיין געזונט דערפון נישט צוקומען און מיר וועלן דאָס פּראָבלעם נישט אויפקלערן.

אין אונדזער פּרעסע זענען לעצטנס דערשינען אַ ריי אַרטיקלען און רעפּאָרטאַזשן וועגן די יורדים אין די לענדער פון זייער ירידה, — אין קאַנאַדע, אַרגענטינע, בראַזיל, דייטשלאַנד, דרום־אַפריקע, עסטרייך און אַנדערע מדינות. איטלעכער זשורנאַליסט, שליח אָדער עסקן, וואָס פאָרט קיין אויסלאַנד, געפינט פאַר זיין חוב אויפצוזוכן די יורדים און מיט זיי צו שמועסן.

די כוונה איז זיכער אַ גוטע: מען וויל דערגיין, צי זענען זיי גליקלעך אין זייער נייער עקזיסטענץ, צי האָבן זיי בכלל זיך אויסגעקעמפט אַ פּאָזיציע אין זייער נייער "ארץ־הבחירה" און צי בענקען זיי נישט נאָך זייער פאַר־לאָזענער און פאַרשעמטער היים.

www.libtool.com.cn

על פי רוב זענען די גרויסן — איך זאָג אָפן, צו מיין גרויסער צופרידנ־קייט — זייער טרויעריקע. בלויז אַ קליינער פּראָצענט יורדים האָט מאַטע־ריעל מער־ווייניקער זיך איינגעאָרדנט. זיי שלאָגן אויס זייער פּרנסה. די איבערוויגנדיקע מערהייט איז אויף גרויסע צרות. פיל פון זיי וואָלטן גערן געפאָרן צוריק, ווען זיי וואָלטן געהאַט אויף הוצאות.

און אַן אינטערעסאַנטן עפּיזאָד דערציילט איינער פון אונדזערע זשור־נאַליסטן. ער האָט געטראָפן אין פּאַריז זיינעם אַ געוועזענעם שכן, וואָס האָט אין ישראל געהאַט אַ קליינע דירה און אַרבעט און חיונה און אויך — טענות... אין פּאַריז לעבט ער אין דחקות ערגעץ אויף אַ דאַך און ליידט נויט. אָבער זע אַ וווּנדער: קיין טענות האָט ער שוין נישט — נישט צו דער פראַנצויזישער רעגירונג און נישט צו פראַנקרייך. ער האָט טענות נאָר צו זיך אַליין!

און נאָך אינטערעסאַנטער: די יורדים ווערן געפּלאָגט עפּעס דורך אַן אומרו:קן געוויסן. זיי שעמען זיך מיט זייער ירידה. זיי פילן זיך נישט גוט. זייערע סאַבּרעלעך קענען נישט משלים זיין מיט דער נייער אומגע־ווינלעכער סביבה, מיטן געפיל פון פרעמדקייט, וואָס מאַטערט זיי.

אַ יונגער בוים איז אויסגעריסן געוואָרן מיט די וואָרצלען פון זיין געטירלעכן באָדן — ווי אַזוי קען ער זיך פילן גוט?

זוכן די יורדים עפּעס אַ צובונד צום ישראל־לאַנד. זיי טראָגן אַריין זייערע תרומות פאַר קרן קימת און פאַר דער מגבית. זיי באַזוכן ציוניסטישע פאַרזאַמלונגען און אימפּרעזעס, פייערן מיט התלהבות דעם יום העצמאות.

אין די פאַראייניקטע שטאַטן איז אַפילו געשאַפן געוואָרן אַ קלוב פון די יורדים. זיי ווילן דעמאָנסטרירן זייער התקרבות צו ישראל, זיי ווילן זיך אויסלעבן ישראלדיק. קומען זיי זיך צונויף אויף אָוונטן, ווו מען רעדט עברית און מען זינגט ארץ־ישראלדיקע לידער.

מען קוויקט זיך מיט דער "זמרת הארץ" אין דער פרעמד, אין פריי־וויליקן גלות.

און זיי טרייסטן זיך: אויב אין אַמעריקע עקזיסטירן קלובן פון איר־לענדער און איטאַליענער, וועלכע האַלטן איין זייער גייסטיקן און קולטור־קשר מיט זייערע אַפּשטאַם־לענדער, פאַרוואָס זאָל נישט געגרינדעט ווערן אויך אַ קלוב פון ישראל־בירגער, וועלכע האָבן עמיגרירט קיין אַמעריקע?

www.libtool.com.cn

איטלעכע מדינה האָט דאָך קאָלאָניעס פון אירע בירגער אין אַנדערע לענדער. ישראל איז אויך אַ נאָרמאַלע מדינה. האָבן אויך זיי, די יורדים, רעכט אויף טריישאַפט צו זייער וויט־נאָענטער מדינה.

יאָ, עס ווערט עפּעס פריקרע אויפן האַרצן, ווען דו זעסט, ווי ישראל־בירגער וואַנדערן אויס קיין גלות, כדי דאָרט מקיים צו זיין די מצווה פון כלות־הנפשדיקן אויסרוף:

— לשנה הבאה בירושלים!

7.11.1958

## אַראַבישע אייניקייט

נאָך גאָרנישט לאַנג האָט מען ביי אונדז דיסקוטירט די פראַגע, צי איז גוט אָדער שלעכט פאַר יידן די אַזוי גערופענע אַראַבישע אחדות, ס'הייסט, די פּאָליטיש־מיליטערישע און ווירטשאַפטלעכע פאַראייניקונג פון די שכנותדיקע אַראַבישע מדינות.

איז געווען אַ יש אומרים, אַז געוויס איז עס שלעכט.

ווייל די פאַראייניקטע כוחות פון די אַראַבישע אַגרעסאָרן, וואָס חלומען וועגן אַ רעוואַנזש־מלחמה קעגן ישראל און וועגן אומברענגען די יידישע מדינה לויטן מוסטער פון דער נאַצישער "ענדלייזונג", וועלן זייער לייכט אַנגעלאָקט ווערן דורך דער עצם פאַראייניקונג, זיי וועלן ראַפּטום פּרובירן דורכזעצן זייער חלום. בפרט נאָך, וואָס זיי דעקלאַרירן אָפן, ביי יעדן עקס־פּערימענט פון אַזאַ מין פאַראייניקונג, אַז זייער הויפּט־צוועק דערביי איז קודם כל די אויסראָטונג פון אונדזער מדינה.

און נאָצער הערט דאָך נישט אויף ביי יעדער געלעגנהייט צו דעקלאַ־רירן בייז און האַרב, אַז ער וועט, נישקשה, זיך אַרומטאָן מיט ישראל אַליין אָדער מיט דער הילף פון יענע אַראַבישע ברידערלעך, וועלכע וועלן נוטה זיין אַרונטערצורוקן זייער קאָפּ אונטער זיין געשפּאַן. איז דאָך קלאָר, אַז אָט די אחדות איז פאַר אונדז שעדלעך.

פאַראַן אָבער אַ צווייטע דעה, אַז דווקא די פאַראייניקונג צווישן די אַראַבישע לענדער וועט זיך גוט אויסווירקן אויף זייער באַציאונג צו דער

www.libtool.com.cn

אומגעוווּנטשענער שכנטע. וואָרום בעצם זעען זיי דאָך אַליין איין, אַז ישראל איז אַ האַרטער נוס און וויל מען זי צעקנאַקן, קען מען נאָך די ציין צעברעכן און דעם קאָפּ פאַרלירן.

אלא וואָס דען? יעדער איינער פון די אַראַבישע מושלים האָט מורא צו מאַכן אַ וועלכן ס'איז פּאָליטישן שריט, וואָס קען חס וחלילה אויסגע־טייטשט ווערן דורך זיינע קאָנקורענטן ווי אַ פאַרראַט לגבי דער "אַראַבישער נאַציע". אַזאַ איינער, אַ חצוף און בוגד, קען לייכט אָנווערן זיין מאַכט־שטול, אויב ער וועט גאָר וואַגן צו טראַכטן וועגן איינלעבן זיך מיט ישראל, וועגן קומען מיט איר צו אַ הסכם וועגן אַ פרידלעכן אָדער סתם דערטרעגלעכן צוזאַמענלעבן. פאַרקערט, יעדער איינער פון זיי שווערט ביי אַללאַ און זיין נביא, אַז ער איז דער ריינער, אמתער, ציכטיקער אַראַבישער פּאַטריאָט און ער וועט באַקעמפן מדינת ישראל: נאָר ער איז באַרופן צו לייזן דאָס "פּאַלעסטיין־פּראָבלעם".

ווען אָבער עס זאָל אויפקומען אַ פאַראייניקטער מדינות־קאָלעקטיוו, אָדער עס זאָל סתם האַלטן ביי אַ וועלכער ס'איז אחדות־פאָרם, וועלן זיי נישט דאַרפן קאָנקורירן צווישן זיך איבערן טיטול פון גרעסטן אַראַבישן פּאַטריאָט. וועלן זיי אין קאָמפּאַניע שוין געפינען אַ דרך צו דער אָנערקענונג פון ישראל און דאָס איבעריקע וועט שוין קומען מיט דער צייט: גוטע שכנות און פרידלעכע קאָ־עקזיסטענץ.

פאַרשטייט זיך, קיינער פון אָט דיביידע בעלי־דעות קען נישט באַזירן זיינע מיינונגען אויף זיכערע פאַקטן. דאָס אַלץ איז נישט מער ווי השערות, ווי פרומע ווונטשן. נאָר איידער וואָס־ווען, איידער מיר זענען מושווה גע־וואָרן צווישן זיך, וואָס עס איז בעסער און גערינטער פאַר אונדז — צי די אַראַבישע צעריסנקייט אָדער די אַראַבישע פאַראייניקונג, איז געקומען די האַרבעווירקלעכקייט און האָט באַוויזן, אַז בכלל איז די אַראַבישע אחדות אַ גרויסער פּאָליטישער בלאָף: לא היה ולא נברא!

והראיה, אַלע פּרוּוון פון אונדזערע שכנים פאַר די לעצטע חדשים צו שאַפן אַ וועלכע ס'איז ראַם פאַר אַ פאַראייניקונג, האָבן זיך אויסגעלאָזט מיט גאָרנישט, און יענע פּרוּוון, וועלכע זענען נאָך אין גאַנג, זענען אויך געבויט אויף לופט־שלעסער.

בעצם לעבן איצט איבער די אַראַבער אַ מין ראָמאַנטישע תקופה. אַזאַ

www.libtool.com.cn

תקופה האָבן די אייראָפּעיִשע פעלקער געהאַט אין מיטן און צום סוף פון 19־טן יאָרהונדערט. די קליינע, די צעטיילטע פעלקער, אָדער די יעניקע, וועלכע זענען געוואָרן אונטעריאָכט ביי די גרויסע מדינות, האָבן געפלאַקערט מיטן חלום וועגן פאַראייניקונג, וועגן נאַציאָנאַלער קאָנסאָלידאַציע. אַזאַ איז געווען, למשל, די לאַגע אין איטאַליע, וואָס איז געווען פאַרשקלאַפט ביי דער עסטרייכישער אימפּעריע. אַזאַ איז אויך געווען דער מצב אין דייטשלאַנד, וואָס איז געווען צעטיילט און צעשפּליטערט אויף פאַרשידענע פּירשטנטומס.

די אַראַבישע פּאָליטיקער אין אונדזערע טעג קענען נישט פאַרגעסן, אַז ס'איז געווען אין דער אַראַבישער געשיכטע אַ "גאָלדענע תקופה" פון דער מוסולמענישער באַהערשונג און דעראָבערונג. די אַראַבער האָבן פאַרמאָגט אַן אימפּעריע, וואָס האָט זיך רחבותדיק צעלייגט אויף אַ ריזיקן שטח פון אַטלאַנטישן אָקעאַן אין מערב ביז די גרענעצן פון אינדיע אין מזרח, פון טערקיי אין צפון ביזן אינדישן אָקעאַן אין דרום.

נאָך זייער דאָזיקער גדולה, זענען זיי דערנידעריקט און אונטערדריקט געוואָרן דורך דער טערקישער אימפּעריע און שפּעטער דורך די יורשים פון די טערקן — די ענגלענדער, פראַנצויזן און איטאַליענער.

איז קיין וואונדער נישט, וואָס עס האָט זיך אַנטוויקלט ביי זיי אַ מין מינדערווערטיקייטס־קאָמפּלעקס. ס'טייטש, פאַרוואָס קומט זיי אַזאַ גורל? האָבן זיי דאָך דערוויזן, אַז זיי זענען מסוגל צו שאַפן גרויסע, מעכטיקע פּאָליטישע בלאָקן און אפילו אַ קאָלאָסאַלע אימפּעריע. נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה האָבן אַלע אַראַבישע לענדער זיך באַפרייט פון די לעצטע רעשטלעך פון זייער פּאָליטישער געפאַלנקייט און פון פרעמדער קאָלאָניאַלער הערשאַפט. אַלע אַראַבישע לענדער האָבן זיך דערשלאָגן צו זייער פולער אומאָפּהענגיקייט.

אָבער דאָ האָט זיך דער קאָפּ פאַרדרייט ביי די אַראַבישע בעלי־חלומות און בעיקר ביים מצרישן הערשער. די אומאָפּהענגיקייט איז, הייסט עס, בלויז דער ערשטער שטאַפּל צו אַ ווייטערדיקן אויפשטייג. מ'דאַרף קלעטערן נאָך העכער — צו דער פאַראייניקונג פון זייערע לענדער. זייער תפילה איז געוואָרן: חדש ימינו כקדם!

דער ערשטער, וועלכער האָט קלאָר און שאַרף פאָרמולירט די דאָזיקע שטרעבונג איז געווען נאַצער. אין זיין חיבור "די פילאָזאָפיע פון דער רע־

www.libtool.com.cn

וואָלוציע", ווי עס האַנדלט זיך בסך הכל וועגן די צוועקן פון זיין איבער־קערעניש, רעדט ער וועגן דעראָבערן און פאַראייניקן שטופּע נאָך שטופּע — פריער די אַראַבישע לענדער, דערנאָך די מוסולמענישע וועלט און צו לעצט דעם אַפריקאַנער קאָנטינענט.

דאָ האָט איר שוין אַן אימפּעריע, וואָס זאָל זיך אויסשפּרייטן אויף קאָלאָסאַלע שטחים אין אַזיע און אַפריקע.

ווי אָבער זאָגט אונדזער שפּריכוואָרט? תפסת מרובה לא תפסת! — כאַפּסטו אַ סך, האָסטו גאָרנישט געכאַפּט. אפילו די ערשטע סטאַדיע פון הערשאַפט איבער דער אַראַבישער וועלט איז נאַצער נישט מסוגל זיך איינ־צושאַפן. ער איז, אמת, צוליב זיין ראָמאַנטיש אָנציעוודיקער לאָזונג פון אַראַבישער אחדות זייער פּאָפּולער געוואָרן ביי די אַראַבישע פאָלקס־מאַסן אומעטום אין אַלע לענדער. ער האָט פאַרברענטע חסידים. זיי אימפּאָנירט דער גלאַנץ פון אַן אַראַבישער גרויסמאַכט, וואָס קען דיקטירן איר ווילן די מערבדיקע גרויסמאַכטן און ווייזן, זייט מוחל, אַ פייג די געוועזענע אימ־פּעריאַליסטן, וועלכע האָבן געוועלטיקט איבער די אַראַבישע לענדער.

דעריבער האָט ער און וועט תמיד האָבן זיינע אַגענטן און סימפּאַטי־קער, באַצאָלטע און נישט באַצאָלטע, אין נאָענטע און ווייטע אַראַבישע ישובים, בפרט נאָך וואָס זיינע נאַצישע משרתים, געוועזענע געסטאַפּאָ־מומחים, קענען די מלאכה פון דיווערסיע, שפּיאָנאַזש און קאָמפּלאָט.

פון דעסטוועגן האָט נאַצער פאַר די צען יאָר פון זיינע אָנשטרענגונגען זיך נישט דערשלאָגן צו קיין שום דערגרייכונג אין ערגעץ נישט. זיין באַ־רימטער עקספּערימענט מיטן אָנשלוס פון סיריע צו מצרים האָט געפּלאַצט מיט דער שפּילעוודיקייט פון אַ זייפן־בלאָז. זיין אָפּמאַך וועגן דער פאַר־אייניקונג מיט סיריע און איראַק האָט געפּלאַצט נאָך איידער זי איז געקומען צו דער געפּלאַנטער פאָלקס־אָפּשטימונג. און היינט־צו־טאָג שפּייט ער מיט גאַל אויףביידע מדינות, ווו ס'האָבן זיך איינגעפעסטיקט זיינע געוועזענע פּאַרטנערס — די "באַאַט"־פּאָליטיקער.

דער פּרווו זיינער אַריינצונעמען אין זיינע הענט תימן הענגט נאָך אַלץ, נאָך אַ יאָר פון בלוטיקע קאַמפן, אויף שפּינוועבס.

הכלל, ווו ער שטעקט נאָר אַריין זיין האַנט, בריט ער באַלד אָפּ די פינגער אויפן פייער פון אַ העפטיקן ווידערשטאַנד.

www.libtool.com.cn

און פונקט ווי עס זעט זיך נישט קיין מעגלעכקייט פון אַ פּאַראייניקונג צווישן מצרים און אַנדערע מדינות, איז נישט צו זען קיין שום סימן פון לכל הפחות אַ פרידלעכן צוזאַמענלעבן צווישן די אַראַבישע לענדער. די אָפּגעשלאָסענע פּאָליטיש־מיליטערישע פּאַראייניקונג צווישן איראַק און סיריע איז אויך געגייט מיט ווייסע פּאָדים. איראַק נויטיקט זיך אין דער הילף פון סיריע, כדי צו אונטערדריקן דעם אויפשטאַנד פון די קורדן, מיט וועלכע זי קען זיך קיין עצה נישט געבן, און סיריע האָפט מיט דער הילף פון באַגדאַד צו פאַרשטאַרקן איר פּאָזיציע לגבי נאַצערן.

אָבער קיין אריכות ימים זאָגט נישט צו אויך דער דאָזיקער שידוך.

און וואָס זעען מיר ווייטער? אַלזשיר איז אויף מעסערס און אויף האַרמאַטן מיט מאַראָקאָ, תימן האָט פיינט סאַודיע און ירדן. די ירדן־מלוכה פאַרטראָגט נישט סיריע און איראַק. סיריע שיקט אירע זעלנער קיין לבנון, און גרענעץ־אינצידענטן פלאַקערן אויף צווישן ביידע שכנים.

נו, און ווו איז די געאַכפּערטע און פיל רעקלאַמירטע אַראַבישע ליגע? זי, וואָס איז באַרופן צו צעמענטירן און קאָנסאָלידירן די אַראַבישע מדינות, איז אומבאַהאָלפן אַט ווי אַ הון, וועלכע איז אָפּגעגאָסן געוואָרן מיט אַן עמער וואַסער.

אַזוי זעט אויס היינט צו טאָג די אַראַבישע אייניקייט.

25.10.1963

## אומבאַוווסטע פּאַרטיזאַנקע

די יידישע פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג אין די גרויליקע יאָרן פון דער נאַ־צישער הערשאַפט איז מער־ווייניקער אויסגעפאָרשט און באַשריבן געוואָרן אין דער חורבן־ליטעראַטור. אמת, נאָך נישט אַלץ איז באַקאַנט פון אַט דער גרויסער הערלעכער עפּאָפּייע פון יידישער גבורה אין די שוידערלעכע באַדינגונגען פון טאָטאַלער אויסראָטונג.

ס'איז אָבער כמעט גאָרנישט באַוווסט אַ ספּעציעל קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון דער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג אין אין פונקט אויף דער מאַפּע פון דער אַנטי־נאַצישער אונטערערד. דאָס איז די פּאַרטיזאַנער־אָרגאַניזאַציע

www.libtool.com.cn

אין געטאָ קאָוונע.

אין די ביכער וועגן קאָוונער געטאָ און וועגן חורבן פון יידישן קיבוץ אין ליטע ווערט כמעט נישט דערמאָנט די דאָזיקע אומבאַקאַנטע געשיכטע.

וואָס איז די סיבה דערפון?

מעגלעך, אַז די לעבנגעבליבענע חברים פון יענער באַוועגונג זענען געווען אויף אַזוי פיל באַשיידן און צניעותדיק, אַז זיי האָבן נישט געטראַכט וועגן פאַרעפנטלעכן זייער קאַמף־געשיכטע. און מעגלעך, אַז די יענע געטאָ־איינוווינער, וועלכע האָבן אונדז געגעבן אויספירלעכע באַריכטן וועגן יענע יאָרן פון שוידער און אומקום, האָבן נישט צוגעגעבן קיין חשיבות דעם אונ־טערערדישן געראַנגל אין קאָוונער געטאָ. וואָרום קיין אָפענער אויפשטאַנד איז צווישן די ווענט פון אָט דעם געטאָ נישט אויסגעבראָכן.

נישט געווען, הייסט עס, געגוג עפעקטיוו און דראַמאַטיש־אָפענע קאַמפן אין געטאָ קעגן דעם נאַצישן צורר, זיי זאָלן אויפרייסן די אויגן.

ווי די מעשה זאָל נישט זיין, איז אַ פאַקט, אַז מיר האָבן גאָר קנאַפּ געוווסט וועגן אַ וועלכן ס'איז אונטערערדישן קאַמף אין געטאָ קאָוונע. און געדוכט האָט זיך, אַז דאָס ליטווישע יידנטום האָט פּאַסיוו געטראָגן דעם מערדערישן יאָך פון די היטלעריסטישע באַנדעס אָן ווידערשטאַנד, אָן קעמפערישער רעאַקציע.

ווו איז געווען די יידישע יוגנט אין ליטע — יענע יוגנט, וואָס איז דערצויגן געוואָרן אין די ציוניסטישע און אַנדערע יוגנט־באַוועגונגען צו שטאָלצער מענטשלעכקייט און מוטיקער יידישקייט? איז זי טאַקע פון דער ערד פאַרשוווּנדן, ווי נאָר דער טמאדיקער נאַצי איז אַריינגעטראָטן קיין ליטע?

דער פאַרהאַנג איבער אָט דער רעטעניש איז לעצטנס סוף־כל־סוף אויפגעהויבן געוואָרן. און געמאַכט האָבן עס מיט פיל וויסן, ערנסטקייט און געוויסנהאַפטיקייט צוויי געוועזענע פּאַרטיזאַנער פון געטאָ קאָוונע צבי א. בראון און דב לעווין. זיי האָבן אין פאַרלאַג פון "יד ושם" אַרויסגעגעבן אַ בוך אונטערן נאָמען "תולדותיה של מחתרת". און אין אונטערקעפּל: "הארגון הלוחם של יהודי קובנא במלחמת העולם השניה".

יאָ, דאָס איז אַ גרונטיק ווערק, וואָס איז געשריבן געוואָרן אויפן סמך פון דאָקומענטן, פּובליקאַציעס, עדות־אַרויסזאָגונגען און קאָנטראָלירטע זכרונות. הכלל, אַ שלל מאַטעריאַלן איז אויסגענוצט געוואָרן פאַרן דאָזיקן

www.libtool.com.cn

ספר. די מאַטעריאַלן זענען באַאַרבעט געוואָרן לויט אַ וויסנשאַפטלעכן מעטאָד. און קיין ספק נישט, אַז דאָס איז אַ ווערטפול היסטאָריש ווערק, וואָס עפנט אונדז די אויגן אויף יענער תקופה בכלל און אויף דער יידישער אונטערגרונט־באַוועגונג אין ליטע בפרט.

די מחברים גיבן קודם כל אַן אַלגעמיין בילד פון דער לאַגע אין געטאָ קאָוונע און פון די ערשטע שריט פון די יידישע יוגנטלעכע, וועלכע האָבן באַשלאָסן אין דער פולער איינזאַמקייט צו וועבן די מחשבות, וואָס זאָלן פירן צו מעשים פון ווידערשטאַנד און דיווערסיע. זיי האָבן געזוכט בני ברית מחוץ די געטאָ־ווענט, געשטרעבט איינצושטעלן אין געפערלעכע באַדינגונ־גען אַ קאָנטאַקט מיט די פּאַרטיזאַנער אין די וועלדער און זיי האָבן דעם וועג צו די פּאַרטיזאַנער געפונען. האָט מען מיט גרויסע צרות זיך איינ־געשאַפט געווער־כלים און מ'האָט דורכגעמאַכט געוויסע מיליטערישע איבונגען.

דער עיקרדיקער ציל איז געווען: איבערצוטראַנספּאָרטירן די קעמפער מחוץ פון געטאָ צו די באַזעס פון די ליטווישע און רוסישע פּאַרטיזאַנער.

אין די אונטערגרונט־קעמערלעך זענען געווען אָרגאַניזירט יוגנטלעכע פון די ציוניסטישע פּאַרטייען, וועלכע זענען געבליבן געטריי זייער פאָן אויך נאָכדעם, ווי די סאָוועטן האָבן באַזעצט ליטע און עס איז געשאַפן געוואָרן די ליטווישע סאָוועטישע רעפּובליק. זיי האָבן אויך דאָרט גע־אַרבעט אין אַן אייגנאַרטיקן אונטערערד — נישט חס וחלילה קעגן דער נייער מאַכט, נאָר לשם דער ציוניסטישער חלוצישער דערציִונג. איז די דאָזיקע ציוניסטישע קרייזלעך באַשערט געווען אויך אין געטאָ צו אַרבעטן אומלעגאַל — דאָס מאָל, קעגן דעם אכזריותדיקן נאַצישן שונא.

גוט אָרגאַניזירט זענען געווען אויך די קאָמוניסטישע קעמערלעך. זיי האָבן געהאַט נאָענטע באַציִונגען מיט די קאָמוניסטישע פּאַרטיזאַנער.ביידע מחנות יוגנטלעכע האָבן געלעבט צווישן זיך בשלום. דער קאַמף קעגן דעם בשותפותדיקן שונא האָט זיי דערנענטערט איינעם צום צווייטן.

און מזל האָבן געהאַט די אונטערערדניקעס. דאָס איז דער זעלטענער פאַל פון געמיינשאַפטלעכקייט און מיטאַרבעט מצד דעם עלטעסטן־ראַט און דער יידישער געטאָ־פּאָליציי.

פון די דאָזיקע מקורות וועגן די קעמפער אין אַנדערע געטאָס איז

www.libtool.com.cn

באַקאַנט, אַז ס׳האָט נישט געהערשט קיין קעגנזייטיקער צוטרוי צווישן בײדע פֿאַקטאָרן.

די עלטעסטן־ראַטן האָבן על פּי רוב געהאַלטן, אַז דער מינימאַלסטער ווידערשטאַנד, שוין אָפּגערעדט פֿון אַ באַוואָפֿנטן אויפֿשטאַנד, קעגן דער רשעותדיקער מאַכט, קען ברענגען אומגליקן און טאָטאַלע אויסראָטונגען אויף דער גאַנצער געטאָ־באַפֿעלקערונג.

אין געטאָ קאָוונע זענען די מיטגלידער פֿון עלטעסטן־ראַט אויך געווען באַזאָרגט וועגן גורל פֿון זייער "עדה". אָבער זיי האָבן געהאַט פֿאַרשטענדע־ניש אויך פֿאַר די געוואַגטע פּרוּוון פֿון דער יוגנט צו פֿירן אַן אונטער־גראַבערישע אַרבעט קעגן די רוצחישע באַצווינגער.

אין פֿיל פֿאַלן האָט די יידישע פּאָליציי געהאָלפֿן די אונטערערדניקעס און זיי אויסבאַהאַלטן. דאָס איז אויך געווען אַ זעלטענע דערשיינונג אין דער טראַגישער געטאָ־ווירקלעכקייט.

סוף־כּל־סוף געלינגט די קאָוונער אונטערערדניקעס זיך אַרויסצורייסן מיט גרויסע שוועריקייטן אין די וועלדער. זיי שליסן זיך אָן צו די פּאַרטי־זאַנער און קעמפֿן מיט גבֿורה און התלהבֿות קעגן די נאַציס. זיי האָבן געליטן, פֿאַרשטייט זיך, שווערע קרבנות. זיי זענען באַגאַנגען העלדישע מעשׂים.

אינעם ספֿר ווערט געגעבן אַ גענויע שילדערונג פֿון יענע פּאַרטיזאַנער־אַקציעס, אין וועלכע ס׳האָבן זיך באַטייליקט די קאָוונער געטאָ־קעמפֿער. ס׳ווערט אויך געשילדערט דאָס שטייגער־לעבן אין די וואַלד־לאַגערן.

און דאָ קומט אַ קאַפּיטל, וואָס רופֿט אַרויס, דעם אמת געזאָגט, פֿאַר־וווּנדערונג. דאָס איז דאָס קאַפּיטל וועגן די באַציִונגען צווישן די יידישע און נישט־יידישע פּאַרטיזאַנער. בעת אין אַלע אַנדערע קאַפּיטלעך און שיל־דערונגען רעדן די מחברים קלאָרע און שאַרפֿע דיבורים, געבויט אויף אייגענער דערפֿאַרונג און איבערלעבענישן און אויך אויף דאָקומענטן, הויבן זיי אָן ביי אָט דעם קאַפּיטל עפּעס צו צווייפֿלען און צו וואַקלען זיך.

פֿון די דערציילונגען פֿון די יידישע פּאַרטיזאַנער אין אַנדערע מקומות פֿון מזרח־אייראָפּע דערוויסן מיר זיך, אַז די דאָזיקע באַציִונגען זענען געווען על פּי רוב געשפּאַנט און אַפֿילו זייער פֿיינטלעך. געווען פֿאַלן פֿון אָפֿענעם אַנטיסעמיטיזם אין די פּאַרטיזאַנער־רייען. די יידישע פּאַרטיזאַנער קלאָגן זיך אין זייערע ווערק אויף דער יידן־פֿיינטלעכער איינשטעלונג.

www.libtool.com.cn

געווען פֿאַלן פֿון אָפֿענער דיסקרימינאַציע און פֿון גליענדיקער פֿיינטשאַפֿט צו די יידישע חברים מצד די נישט־יידן, — חברים און קאָמאַנדירן.

אונדזערע מחברים האָלטן אָבער, אַז דאָס "פּראָבלעם פֿון יידן אין וואַלד" איז נאָך נישט גענוג געפֿאָרשט געוואָרן, מחמת ס'פֿעלן דאָקומענטן אין דאָזיקן וויכטיקן ענין און מחמת מען קען נישט פֿאָרשן דעם צד שכנגד, ס'הייסט, דעם נישט־יידישן צד. דער איינציקער מקור פֿאַר דער פֿאָרשונג פֿון דער דאָזיקער פּרשה, האַלטן זיי, זענען די עדות פֿון יידן. און דאָ איז פֿאַראַן אַ שטאַרקער חשש, אַז די עדות זענען נישט גענוג אָביעקטיוו. זיי ברענגען די השערות, ווי זיי זאָגן, לכאן ולכאן. זיי גיבן איבער די דערציילונגען פֿון יידישע פּאַרטיזאַנער, וואָס שטעמפּלען די בכיוונדיקע אַנטי־סעמיטישע דערשיינונגען. אָבער געוועןן, טענהן זיי, דאָך פֿאַלן, ווען אויך יידישע קאָמאַנדירן האָבן פּוגע געווען אין יידישע פּאַרטיזאַנער...

יאָ, דאָס איז דער שוואַכסטער טייל פֿון דאָזיקן, בכלל גענומען, זייער ווערטפֿולן און היסטאָריש־חשיבותדיקן ספֿר. צי זענען באמת די פּאַרטיזאַנער, וועלכע האָבן געקעמפֿט אין די ליטווישע וועלדער געבענטשט געווען מיט אַ מין אַלערגיע לגבי דער אַנטיסעמיטישער מחלה?

תיקו — בלייבט אַ קשיה!

דאָס מינערט אָבער נישט די ווערטיקייט פֿון יענעם מאַטעריאַל, וואָס די מחברים האָבן מיט אַזאַ התמדה צונויפֿגעזאַמלט און באַאַרבעט אין אַט דעם זייער וויכטיקן און נוצלעכן ווערק, וואָס פֿילט אויס אַ גרויסן בלויז אין אונדזער חורבן־ליטעראַטור.

1.11.1963

www.libtool.com.cn

# סעקטע פון שמייסערס

צי האָט איר באַמערקט, ווי לייכט, ווי שפּילעוודיק, מיר פאַלן אַריין אין יאוש, אין אַ תהומיקער פאַרצווייפלונג, ווען מיר פּרובירן שילדערן נעגאַטיווע, שאַטנדיקע זייטן פון אונדזער לעבן?

צי האָט איר געגומען אין אַכט, ווי מיר זיינען נוטה צו מאָלן אַלץ אַרום אין שוואַרצע פאַרבן, ווען מען שמועסט וועגן דער אָדער יענער שוואַכקייט אָדער פעלער אָדער פאַרברעכן, וואָס עס איז צו מערקן ערגעץ־ווו און ביי וועמען אין אונדזער לאַנד?

אַלץ ווערט געשילדערט אין סופּערלאַטיוון, אין איבערגעטריבענע קאַטעגאָריעס. פאַרשטייט זיך, זיינען מיר, ברוך השם, אַ מדינה מיט אַלע מדינות צוגלייך. און מיר פאַרמאָגן אויך שווינדלערס, אַפּנאַרערס, צעוויל־דעוועטע טיפּן, פאַרדאָרבענע כאַראַקטערן. איינער פון די חשובע ציוניס־טישע עסקנים האָט אַ מאָל געוואָרפן אַ ווערטל אַזאַ: „הלוואי האָבן מיר שוין אָן אייגענע מדינה, אַפילו מיט אייגענע גנבים, וואָס רעדן העברעיִש״. אַ פיינע המצאה! סתם אַ וויץ אַזאַ, און מ׳דאַרף זאָגן, אַ געזונט פלאַ־כער וויץ.

האָבן מיר שוין דערלעבט דערצו, אַז אָט דער פרומער ווונטש איז מקוים געוואָרן אין היפשע מאַסשטאַבן. יענער עסקן האָט זיך אַרויסגע־רעדט אין אַ שלימזלדיקער שעה, און דער שטן האָט אונטערגעכאַפּט דעם ווונטש און אים פאַרווירקלעכט מיט אַ ברייטער האַנט. מיר זיינען שוין געבענטשט נישט נאָר מיט ראַפינירטע גנבים, נאָר אויך מיט מערדער, פאַר־גוואַלדיקער, קרימינעלע פאַרברעכער פון אויסדערוויילטן מין — טאַקע ווי עס פּאַסט פאַר אַ מאָדערנער מדינה.

די הייסע ברכה, אַז מיר זאָלן ווערן אין אונדזער מדינה אָן „אור לגויִם״ מיט הויכע אידעאַלן, מיט אַ שטאַנדהאַפטיקער מאָראַל, מיט שיינע מידות בלייבט נאָך אַלץ אַ נבואה לעתיד לבוא.

אָבער ס׳איז ממש צו שטוינען, ווי לייכט מיר פאַלן אַריין אין עקסטרע־מען, ווען מיר שילדערן די פאַלן פון מענטשלעכער געפאַלנקייט. ניין, מיר באַגנוגענען זיך נישט מיט קרימינעלער כראָניק. ס׳איז ווינציק צו פאַר־אורטיילן אָט די נעגאַטיווע דערשיינונגען. מיר ווערן פאַרכאַפּט דורך

www.libtool.com.cn

אַ צויבער פּאַטאָס און באַשולדיקן אַלץ און אַלעמען, די גאַנצע געזעלשאַפט, כמעט דאָס גאַנצע פאָלק ישראל אין מדינת ישראל אין די אַלע מי־אוסקייטן.

יעדער חטא אָדער דורכפאַל אָדער עבירה אויפן געזעץ פון געוויסע פּאַרשוינען ווערן לייכט פּאַראַלגעמיינערט. און מען רעדט שוין נישט וועגן אַ יחיד אָדער וועגן יחידים, נאָר וועגן אַ כלל, וואָס האָט זיך אַראָפּגעגליטשט פון דרך הישר אין אָפּגרונט פון זינד. אויב עמיצער האָט געגנבֿעט לאַפּקע־געלט, טרומייטערט מען, אַז שוחד איז געוואָרן אַ גאַנגבאַרער אַרטיקל ביי אונדזער באַאַמטנטום.

האָט אַ יוגנטלעכער אָדער אַ גרופּע יוגנטלעכע פּאַרשלעפּט בגניבה אויטאָס און געמאַכט אַ ווילדע הוליאַנקע ביי נאַכט, אָדער עס צעהוליעט זיך סתם אַ כוליגאַן און פּאַרטשעפּעט מענטשן אויף דער גאַס, צעשרייט מען זיך ביי אונדז וועגן אונדזער פּאַרדאַרבענער יוגנט בכלל.

און צי האָט איר באַמערקט, אַז די נטיה מגזים צו זיין, איבערצוטרייבן געשעעניש און דערשיינונגען איז חל נאָר אויף שלעכטע זייטן פון אונדזער שטייגער־לעבן? רעדט מען אָבער וועגן די גוטע זייטן, וועגן מעשים טובים, וועגן די אַזוי אָפּטע פאַלן פון מענטשלעכקייט, חסד וצדקה, וועגן ריינע, ציכטיקע פּערזענלעכקייטן, וועגן אידעאַליסטיש איינגעשטעלטע בירגער, פאַלט מען קיין מאָל נישט אַריין אין קיין גוזמא.

חס וחלילה!

דאָ האַלט מען די מאָס. דאָ איז מען פּאַרזיכטיק מיט אַן איבעריק וואָרט. דאָ האַנדלט זיך, הייסט עס, וועגן אַ יוצא מן הכלל.

און דער איינדרוק איז: דאָס אַלגעמיינע בילד פון אונדזער אָרגאַניזירטן לעבן איז געדיכט שוואַרץ. אלא וואָס דען? אַ מאָל טיילט זיך אויס אויף אָט דעם חושכדיקן פּאַן אַ ליכטיקער פלעק, אַ פינטעלע ליכט, וואָס שימערירט ערגעץ אין דער אַנגעדראָלענער חושכניש.

הכלל, אינעם לאַנד פון די פּאַרצייטיקע נביאים פּוצט מען זיך ביי אונדז גאַנץ גערן אין דער טאָגע פון אַ נביא.

געדענקט איר טאָקע? אונדזערע קלאַסישע נביאים זיינען געווען שטאַרק להוט נאָך איבערטרייבונגען. ווי זאָגט, למשל, ישעיה הנביא שוין אין ערשטן קאַפּיטל פון זיין נבואה? "הוי גוי חוטא, עם כבד עון, זרע

www.libtool.com.cn

מרעים, בנים משחיתים" — אוי־ווי, זינדיקע אומה, פאָלק מיט פאַרברעכנס באַשווערט, זאָמען פון שלעכטס־טוערס, פאַרדאָרבענע זין.

געהרט אַ לשון? דאָס גאַנצע פאָלק איז זינדיק! קיין איין רעכטער נפש נישטאָ.

און פון ירמיהו הנביא איז גאָר אַ שרעק צו ציטירן. און אַזוי איז געשען כמעט מיט אַלע נביאים, אָבער איין מעלה האָבן זיי געהאַט. זייערע ביטערע, האַרבע שטראָף־רייד פלעגן זיי פאַרענדיקן סוף־־כל־סוף מיט טרייסטווערטער, מיט אַן אָנזאָג אויף ישועות ונחמות. „אל תירא עבדי יעקב"! און זיי האָבן געפונען אויך רייד פון לויב און גדולה פאַרן פאָלק ישראל.

אָט די דאָזיקע מידה פון די נביאים האָבן אונדזערע מוסר־זאָגערס נישט איבערגענומען. ביי אונדז איז מען בלינד אויף איין אויג — אָט טאַקע אויף יענעם אויג, וואָס האָט געדאַרפט זען, למשל, אויך יענע יוגנט וואָס גייט אין די נח"ל־פונקטן און ישובים ביי די גרענעצן. מיר פאַרמאָגן דאָך באמת אַ טייערע, גאָלדענע יוגנט, וואָס בויט די צוקונפט פון דער מדינה מיט חלוציש ברען.

מיר פאַרמאָגן הונדערטער טויזנטער ערלעכע, געטרייע בויער־קעמפער. מיר האָבן געלערנטע מיט וועלטנעמען. אונדזער וויסנשאַפט דערגרייכט הויכע שטאַפּלען פון אַנטוויקלונג. פאַראַן, ברוך השם, בילדונגס־און קולטור־אַנשטאַלטן פון גרויסער ווערטיקייט. מיר האָבן אויפגעשטעלט אין די מדינה־יאָרן צענדליקער שטעט און ישובים, אויסגעבויט אַ גרויס־אַרטיקע, העלדישע אַרמיי, אַ גרויסע, פאַרצווייגטע אינדוסטריע און די שעפערישע אַרבעט גייט אויך ווייטער אין גרויסע מאַסשטאַבן.

אונדזערע גדולי־התורה, ישיבות און תורה־אַנשטאַלטן שפּרייטן אויס זייער אויטאָריטעט אויף דער גאַנצער יידישער וועלט.

צי איז דאָס אַלץ באַזירט אויף די מוחות און פלייצעס פון מענטשן, וואָס זייער גרונט־פּראָפּעסיע איז מאָראַלישע פאַרדאָרבנקייט און נטיה צו ריינעם עגאָיזם?

און צי דער היסטאָרישער פּראָצעס פון עליה און קליטה פון הונדערטער טויזנטער יידן פון דער גאָרער וועלט — ביי אַלע דורכפאַלן און פעלערן וואָס פאַסירן, נאַטירלעך, ביי אַזאַ ריזיקער אַרבעט — וועקט

www.libtool.com.cn

גאַרנישט אונדזער געפּיל פון פאַרדינטן שטאָלץ?

און אויב אַלץ איז ביי אונדז טאַקע אַזוי שלעכט, איז פאַר וואָס איז דאָס אַלץ אַזוי גוט? פון וואַנען די נייגונג פון אונדזערע פּילצאַליקע שוואַרץ־זעערס און געשוואָרענע פּעסימיסטן אָנצוּוואַרפן אויף אונדז אַזאַ אימה מיט זייער שוואַרץ־מאָלעריי? צי באַמערקן זיי נישט, ווי די דאָזיקע רגילות זייערע ווירקט זיך שלעכט אויס אויף דער נשמה פון אונדזער יוגנט, ווי אַזוי דאָס קען אָפּשוואַכן העגט און פיס און קען שעדיקן דעם פּסיכישן צושטאַנד פונעם אדם־מענטש?

און צי האָבן זיי, אָט די היציקע נביאים, זיך נישט געשטעלט די שאלה: ווי קומט עס, וואָס מדינת ישראל איז געוואָרן אַ צוציִונגס־לאַנד פאַר אַ ריי נייע מדינות אין אַפריקע און אַזיע, וואָס מען קומט צו אונדז זיך לערנען ווי אַזוי צו פירן אַ באַלעבאַטישקייט אין מלוכה־מאַסשטאַב, און פאַר וואָס ווערן אונדזערע שליחים און מדריכים אין די דאָזיקע לענדער אויפגענו־מען מיט אַזאַ וואַרעמקייט און פאַרערונג?

געווען אַמאָל ביי די רוסן אַ סעקטע פון זעלבסט־שמייסערס. די סעק־טאַנטן האָבן געדינט גאָט דערמיט, וואָס זיי האָבן זיך אַליין געשמיסן ביז מכות מוות.

זאָל דער אויבערשטער אונדז שומר ומציל זיין פון דער גייסטיקער און פּסיכישער זעלבסט־שמייסעריי!

11.3.1966

## אַ סקאַנדאַל אין דער משפחה

הימל עפן זיך! גוואַלד, צו וואָס מיר זיינען דערגאַנגען! אַזאַ חרפה, אַזאַ דורכפאַל פון אונדזערע בעסטע און שענסטע קולטור־אידעאַלן!

אין אַ העברעיִשער מיטלשול, וואָס געפינט זיך אין מדינת ישראל, לערנט מען מיט די תלמידים יידיש. ווייי געשריגן, ווי אַזוי איז געקומען אויף אונדז אַזאַ בראָך, ווי אַזוי האָבן די שומרי החומות דערלאָזן צו אַזאַ שרעקלעכן נסיון.

אַזוי טראַכטן זיך מסתמא פיל פון די העברעיִשע קנאים. זיי היטן דאָך

www.libtool.com.cn

יעדן שריט און טריט פון אונדזערע קולטור־טוער און פון יידישע שרייבער, זיי זאָלן חס וחלילה נישט אַריינרוקן דאָס יידישע טרייף־פּסול אין יענעם היכל, ווו עברית דאַרף געוועלטיקן אָן שום קאָנקורענץ מצד יידיש.

אמת, יידיש קאָנקורירט דאָ בכלל נישט מיט עברית. די הערשאַפט פון דער לאַנד־שפּראַך איז שוין לאַנג און גרונטיק געזיכערט. אָבער דער פּחד, ווי עס זאָגט אַ רוסיש שפּריכוואָרט, האָט גרויסע אויגן.

דאַכט זיך זיי, די קנאים, אַז אָט־אָט וועט דער "שונא", דאָס יידישע לשון, אַריינגנבענען זיך אין דער פעסטונג פון עברית און וועט זי צעפּרעסן און אויסדריבלען פון אינעווייניק. טרעפט איר כסדר אין דער העברעיִשער פּרעסע וויי־געשרייען פון אַזעלכע בלינדע קנאים, וועלכע רופן און ליאַרעמען, הלמאי די יעניקע, וואָס זיינען באַרופן צו היטן און צו באַוואָרענען, זעען נישט, אַז די אונטערמינירונג פון העברעיִש מצד די יידיש־ליבהאָבער ווערט געפירט אומאויפהערלעך.

ס'הייסט, דער קאַמף קעגן יידיש מוז געפירט ווערן אויך ווייטער.

איז געשען אַן אויסערגעוויינלעכע זאַך. דאָס וואָס אין תל־אביב עקזיסטירט שוין יאָרן ביים "אַרבעטער־רינג", אַ נאָכמיטאָג־שול ווו קינדער לערנען יידיש, איז אמת אַן אומגליק, אָבער פאַרפאַלן: מ'האָט זיך שוין ווי ס'איז דערצו צוגעוווינט. זיינען דאָך די בונדיסטישע צולהכעסניקעס, נישט דאָ געדאַכט, אויסגעבערענטע און פאַרפאַנצערטע יידיש־פאַנאַטיקער. איז וואָס קאָן מען טאָן?

בפרט נאָך, וואָס עס געפינען זיך אויך עלטערן, כשרע ישראל־בירגער, וואָס ווילן דווקא, אַז זייערע קינדער זאָלן קענען דאָס לשון פון זייערע טאַטעס און מאַמעס און אפשר נאָר פון די זיידעס און באָבעס. נישט אומזיסט רופן פיל קינדער אין ישראל יידיש „דאָס באָבע־לשון", וואָרום זיי הערן יידיש נאָר פון דער באָבעס מויל. די מאַמע רעדט שוין העברעיִש. אָבער דאָך, זיינען פאַראַן עלטערן, וואָס שטרעבן דערצו, אַז יידיש זאָל אויך קלינגען אין די מיילער פון זייער יוגנט, סאַברישן דור.

נישט נאָר עקזיסטירן ביים „אַרבעטער־רינג" נאָכמיטאָג־שולן פאַר יידיש, נאָר זומער אָרגאַניזירן זיי אויך אַ קינדער־קאָלאָניע, ווו די אומגאַנגס־שפּראַך איז יידיש און ווו די קינדער לערנען זיך אויס פאַר אָט דער קאָלאָניע־צייט צו דעקלאַמירן און צו זינגען יידישע לידער — אַזעלכע

www.libtool.com.cn

קינדער, וואָס האָבן פריער קיין וואָרט יידיש נישט געקענט.

נו, איז די יידישע מדינה דערפון אונטערגעגאַנגען? חס ושלום! נאָר די עצם עקזיסטענץ פון אַזעלכע „געפּערלעכע" לערן־קורסן האָט שוין לאַנג געשטאָכן די אויגן ביי די העברעיִשע קנאים. אָבער דער שכלדיקער, ניכ־טערער העברעיִסט האָט מיט דער צייט זיך צוגעוווינט צום געדאַנק, אַז אַזאַ שול איז גאָרנישט געפערלעך און אפשר טאַקע ביז גאָר נוצלעך.

פאַר וואָס זאָל טאַקע אַ יידיש קינד, וואָס איז געבוירן געוואָרן און איז אויסגעוואַקסן אין ישראל, זיין אַבסאָלוט אָפּגעריסן פון יענעם חיות־קוואַל, וואָס האָט געשפייזט דאָס יידישע לעבן און די יידישע פאָלקישקייט אין משך פון כמעט טויזנט יאָר יידישע געשיכטע?

האָט מען שוין אָנגעהויבן שמועסן וועגן אַזאַ מין אפיקורסות: אפשר איז אַ פלאַן און אַ יושר, אַז מ׳זאָל לערנען יידיש אויך אין די העברעיִשע מיטלשולן? ניין, דאָס זאָל נישט זיין אַן אָבליגאַטאָרישער לימוד. נאָר אויב אין דער מיטלשול גיט מען אַ מעגלעכקייט די תלמידים זיך אויסצוויילן צוויי פרעמדע שפּראַכן צום לערנען — אויסער ענגליש — פראַנצויזיש אָדער אַראַביש, איז מיט וואָס איז די מערכה פון יידיש ערגער ווי פון פראַנצויזיש אָדער פון אַראַביש?

דאָ איז דאָך נישט שייך צו רעדן וועגן צוואַנג. קען געגעבן ווערן די עלטערן און די תלמידים די מעגלעכקייט פון אַ פרייען אויסקלייב צווישן, לאָמיר זאָגן, אַראַביש און יידיש. אמת, יידיש איז נישט קיין „פרעמדע" שפּראַך. אָבער דער סטאַטוס פון אַ פרעמדער שפּראַך קען דאָך, לכל הדעות, אפילו פון די עברית קנאים, איר יאָ געגעבן ווערן.

איז אָט דער נס פון לערנען יידיש אין אַ מיטלשול טאַקע מקויים גע־וואָרן אין איינער פון די מיטלשולן אין קרית חיים. אַזאַ סקאַנדאַל אין דער משפחה! האָט אַ ציטונגס־רעפּאָרטער געמאַכט אַהין אַ שפּאַציר און האָט אויפגעקלערט אויסטערלישע זאַכן.

ווייזט זיך אַרויס, אַז אָט דעם לימוד האָבן אויסגעקליבן אַכצן תלמי־דים און תלמידות. דער לערער, יחיאל שיינטוך, איז זייער פּאָפּולער ביי זיינע תלמידים. ווי אַזוי לערנט ער? קיין לערן־ביכער פון דער יידי־שער שפּראַך אויף העברעיִש, ווי ס׳פאָדערט זיך פאַר קינדער וואָס זייער מוטער־שפּראַך איז עברית, זיינען נישטאָ און ועלן, מסתמא, אַזוי גיך אויך

www.libtool.com.cn

נישט זיין. לערנט ער מיט זיינע תּלמידים אויף אויסנווייניק יידישן פֿאָלק־לאָר־מאַטעריאַל — יידישע וויצן און ווערטלעך און פּאַרטייטשט עס בעת מעשׂה אויף העברעיִש. האָט דאָס אַ גוטע פּעולה.

די קינדער ווערט פֿריילעך אויף דער נשמה. זיי באַקומען דעם יידישן שפּראַך־מאַטעריאַל אין אַ לייכטער, אַנציִעוודיקער פֿאָרעם.

איז די קשיא: פֿאַר וואָס האָבן די תּלמידים אויסגעוויילט זיך אַלס צווייטע „פֿרעמדע" שפּראַך דווקא יידיש? דער רעפּאָרטער האָט זיך אינ־טערעסירט אויך מיט דער דאָזיקער שאלה. האָבן די תּלמידים אים געגעבן פֿאַרשידענע תּשובֿות. זאָגט אַ תּלמידה, אַז יידיש איז פֿאַרשפּרייט צווישן מיליאָנען יידן אין די תּפֿוצות און אַז די העברעיִשע ליטעראַטור צייכנט זיך אויס מיט קלאָרע יידישע מקורות. ס'איז דעריבער גוט צו קענען די דאָזיקע מקורות אין אָריגינאַל. אָבער צום סוף האָט זי צוגעגעבן, אַז זי האָט געמאַכט דעם אויסוואַל אויס פּראַקטישע מאָטיוון: לגבי פֿראַנצויזיש און אַראַביש איז יידיש אַ סך לייכטער צו דערלערנען.

אויך אַן אַנדערער תּלמיד האַלט, אַז יידיש איז פֿאַר אים צוגענגלע־כער. די אותיות זיינען דאָך די זעלביקע ווי אין עבֿרית. חוץ דעם, איז די דאָזיקע שפּראַך אינטערעסאַנטער פֿאַר אים ווי אַראַביש, וואָס איז אים בכלל פֿרעמד.

דער דירעקטאָר פֿון אָט דער שול, ד״ר אליעזר כּהן, איז אַליין אַ הייסער עבֿרית־חסיד. ער האָט געענדיקט אַ העברעיִשע גימנאַזיע אין ליטע, וווּ עבֿרית און יידיש האָבן זיך געקענט גוט איינלעבן. זיי האָבן ביידע נישט געהאַט צו ליידן פֿון אַ קאָנקורענץ מצד אַ פֿרעמדער שפּראַך. די יידישע ליטע, ווי באַקאַנט, האָט נישט געוווּסט פֿון קיין קולטור־ און שפּראַך־אַסימי־לאַציע. ער האָט נאָך דעם שטודירט העברעיִשע ליטעראַטור אין ירושלימער אוניווערסיטעט און איז לעקטאָר פֿון אָט דער ליטעראַטור אין חיפֿהער אוניווערסיטעט.

איז שווין צו פֿאַרשטיין, ווי אַזוי ער האָט געוואָגט צו מאַכן אַזאַ אוי־סערגעוויינלעכן עקספּערימענט מיטן איינפֿירן דעם יידיש־לימוד אין זיין שול. האָט ער עס געמאַכט אויף זיין אייגענער אחריות? ניין! ער האָט באַצייטנס געמאָלדן וועגן דעם די אינספּעקטאָרן פֿון משׂרד החינוך והתר־בות. הייסט עס, אַז אונדזערע אָפֿיציעלע חינוך אינסטאַנצן האָבן גאָרנישט

www.libtool.com.cn

אויסצושטעלן קעגן אַזאַ לימוד.

אָבער די ידיעה וועגן אָט דעם חידוש האָט באַוויזן העברעיִשע שרייַבער און דיכטער אויסצודריקן זייער פּאַראיבל: ס'טייטש, ווי שיקט זיך עס?

ווייזט זיך אַרויס, אַז אויך אַ תלמידה פון זיין בית־ספר האָט אין אַ בריוו אויסגעדריקט איר טיפע אומצופרידנקייט פון אַזאַ „דורכברוך" אין דער מויער פון עברית. צי איז דאָס נישט קיין אַרעמקייט־צייגעניש — פרעגט זי — וואָס די גלות־שפּראַך פון דער תקופה פון אונטערדריקונג און דערנידערונג — זאָל געלערנט ווערן אין אַ בית־ספר עברי? צי איז דען נישט אויפגעקומען אינעם לאַנד אַ נייער דור מיט אַנדערע האָריזאָנטן, בילדונג און כאַראַקטער?

יאָ, עס זיצן נאָך וואָרשיינלעך גענוג טיף אינעם באַוווסטזיין פון פיל ישראלדיקע יוגנטלעכע די פאַראַכטונג צו דער גולה־תקופה אין יידישן לעבן, אין וועלכער זיי זעען נישט אַחוץ רדיפות, אומגליקן און דערנידערונגען — קיין שום גייסטיקע אוצרות, קיין ברעקל יידישן שטאָלץ און גבורה.

25.11.1966

## מען זוכט אַ הכשר

צי מעג ער, צי דאַרף ער, אונדזער פילהאַרמאָנישער אָרקעסטער, שפּילן די ווערק פון ריכאַרד וואַגנער און ריכאַרד שטראַוס?

דער וויכוח אַרום דער דאַזיקער שאלה צעפלאַקערט זיך אַלץ שאַרפער און הייסער אין אונדזער פרעסע און אין דער עפנטלעכקייט. דאָס גופא איז שוין אַ באַווייז, ווי לייכט און לייכטזיניק די לייטונג פונעם אָרקעסטער האָט אין איינעם אַ טאָג זיך געגעבן אַ זעץ אַוועק און האָט אין איין אָטעם געפּסקנט: מותר, מען מעג! זי האָט קענטיק נישט אויסגערעכנט, אַז דער דאַזיקער פּאַטאַלער באַשלוס וועט זיך אָפּרופן ביי אונדזער קהל אַזוי שטורמיש, אַזוי ווייטיקדיק.

ביידע לאַגערן, די יאָ־זאָגערס און די ניין־זאָגערס, טרעטן נישט אָפּ

www.libtool.com.cn

אויף איין טריט פון זייערע פּאָזיציעס. און ביידע צדדים צי׳ען אַריין אין זייער געראַנגל אַלע נייע כוחות. אַלע נייע מאָטיוון פּאַר און קעגן ווערן אַנגעגעבן אין פלאַם־פייער פון וויכוח. אָבער דוכט זיך, אַז ס׳רוב פון דעת הקהל נויגט זיך אַלץ קלאָרער צו די קעגנער פון די ריכאַרדס.

גרויס איז דער פּאַראיבל אויפן גאַסט־דיריזשאָר מעהטאַ, דער טאַ־לאַנטפולער מוזיקער פון אינדיע. ער האָט עס אייגנטלעך פאַרקאָכט די גאַנצע קאַשע. דאָס איז ער פלוצים אַרויסגעטראָטן מיט אַ פאָרשלאַג מען זאָל איינשליסן די ריכאַרדס אין די פּראָגראַמען פון פילהאַרמאָנישן אָרקעס־טער אין קומענדיקן סעזאָן. מען מוז, האַלט ער, זיי שפּילן. אויב חס ושלום נישט, וועט די מוזיקאַלישע דערציִונג פון אונדזער עולם ליידן נעבעך אַ שווערע פּגימה. ווי אַזוי קען מען זיין אַ קולטור־מענטש און נישט נתפּעל ווערן פון ביידע ריכאַרדס ?

יאָ, ער ווייסט, זאָגט ער, אַז יידן האָבן שרעקלעך געליטן פון די נאַציס און ער ווייסט אויך, אַז וואַגנער איז געווען דער אָפּגאָט ביי די נאַציס און איז סתם געווען אַן אומפאַרשעמטער שונא־ישראל און אַז שטראַוס האָט אַקטיוו געאַרבעט ביי געבעלסן. אָבער אָט איז אויך דאָס האָלענדישע פאָלק אויסגעשטאַנען צרות אונטערן נאַצישן אָקופּאַציע־רעזשים און דאָך שפּילט מען דאָרט וואַגנערן. קיינער פון די האָלענדער האָט קעגן דער דאַזיקער עבירה נישט פּראָטעסטירט. וואָס האָט דען צו טאָן די שאַפונג צום שעפער ? זי האָט איר אייגענע עקזיסטענץ און איר באַרעכטיקונג.

איין קליינער אונטערשייד, וואָס מיסטער מעהטאַ האָט פאַרגעסן. די נאַציס האָבן די האָלענדער נישט געברענט אין די קאַלך־אויוונס און זיי זיינען נישט געווען אויסגעשטעלט אויף טאָטאַלער אויסראָטונג. דאָס האָלענ־דישע פאָלק האָט געליטן קליינע פאַרלוסטן אין דער מלחמה און איז גע־בליבן גאַנץ אויך נאָכן חורבן.

אפשר וואָלט געווען אַנשטענדיקער פאַרן גאַסט, ער זאָל בכלל זיך נישט מישן אין אַזאַ טראַגישן פּראָבלעם פאַרן יידישן פאָלק און זאָל אונדז נישט לערנען, ווי אַזוי מיר דאַרפן געשטאַלטיקן אונדזער באַציִונג צו די ביידע ריכאַרדס. האָט שוין עמעצער געפרעגט: ווי אַזוי וואָלט געפילט און רעאַגירט מיסטער מעהטאַ אַליין, ווען זיינע עלטערן און אויך זיין פאָלק וואָלטן אַריינגעשליידערט געוואָרן אין נאַצישן גיהנום דורך דער באַנדע

www.libtool.com.cn

היטלער־רוצחים?

יאָ, די אָרקעסטער־לייטונג האָט איצט געפונען אַ הכשר פאַר די ריכאַרדס אין די ווענט פון "היכל התרבות". דערמאָנט מען זיך, אַז זי איז געווען די ערשטע אין ארץ־ישראל, וואָס האָט פּראָקלאַמירט אַ חרם אויף וואַגנערן. דאָס איז געשען אין די 30ער יאָרן, ווען עס איז אויסגעבראָכן אין דייטשלאַנד די אַזוי גערופענע „קרישטאָל־נאַכט". אין יענער נאַכט האָט זיך צעגאָסן אַ בלוטיקער, גוט־אָרגאַניזירטער דורך דער מאַכט, פּאָגראָם איבער גאַנץ דייטשלאַנד. עס זיינען אונטערגעצונדן געוואָרן 191 סינאַגאָגעס, 36 יידן זיינען דורך די נאַציס דערהרגעט געוואָרן און פיל צענדליקער יידן זיינען פאַרוואונדעט געוואָרן.

דעמאָלט האָט דער אָרקעסטער גאַנץ ספּאָנטאַן, געטריבן דורך אַן אינערלעכן געפיל, באַשלאָסן נישט צו שפּילן וואַגנערן.

דאָס איז געשען שיינע עטלעכע יאָר פאַר די געטאָ־ און קאַצעטן־צייטן, פאַר דער פּראָקלאַמירטער פאַרניכטונגס־סיסטעם בנוגע מיליאָנען יידן. צי איז נאָך אָט די שוידערלעכקייטן דאָס האַרץ פון אונדזערע מוזיקאַנטן און זייערע אַפּוטרופּסים וייכער געוואָרן און זיי זיינען שוין איבערגעפּולט מיט מחילה־געפילן צו די נאַצישע אידעאָלאָגן און משרתים?

אַ שפּאָגל נייע טענה ווערט אַרויסגערוקט מצד די "מחילהניקעס". אויב מיר זאָלן באַיקאָטירן וואַגנערן מחמת זיין אַנטיסעמיטיזם, באַדאַרפן מיר זיין קאָנסעקווענט און אויך אַריינלייגן אין חרם אַ גאַנצע ריי אייראָפּעישע שרייבער און דענקער, וואָס זיינען געווען געשטימט אַנטיסעמיטיש. צי וועלן מיר, למשל, זיך אָפּזאָגן פון וואָלטער, געטהע, קאַנט, גאָגאָל, דאָסטאָיעווסקי און אַנדערע?

ווידער אַמאָל: פולע איגנאָראַנץ מכוח דער פערזענלעכקייט פון וואַגנערן אָדער אַ בפירושע כוונה צו פאַרווישן דעם חילוק צווישן ביידע מינים שונאי־ישראל.

וואַגנער איז געווען נישט נאָר דער קאָמפּאָזיטאָר, וואָס האָט אין זיין מוזיק אַריינגעבראַכט די טעווטאָנישע עלעמענטן פון דער אויסדערווייל־טער גערמאַנישער ראַסע. ער איז געווען דער מורה הוראה אויך בכתב פון דער נאַצישער אידעאָלאָגיע נאָך צענדליקער יאָרן פאַר היטלערס אויפקום. אין יאָר 1850 האָט ער געשריבן אין אַ דייטשן זשורנאַל אַ מאמר וועגן יידן

www.libtool.com.cn

אין דער מוזיק. זאָגט ער, אַז זיין כוונה איז אויסצודריקן דאָס געפיל פון עקל צו יידן, וואָס עס לעבט ביים דייטשן פאָלק זינט קדמונים ביזן היינטיקן טאָג.

וואַגנער האָט פיינט געקראָגן דאָס קריסטנטום איבער איין סיבה: זיין פאַרבונדנקייט מיטן תנ״ך. ער האָט אויך יעזוסן נישט פאַרטראָגן. ער האָט אים נישט געקענט מוחל זיין זיין יידישן אָפּשטאַם. וואַגנער איז געווען קעגן געבן גלייכבאַרעכטיקונג יידן. יידן, האַלט ער, האָבן אָנגעזאַמלט ריזיקע פאַרמעגנס כדי צו באַהערשן די גאַנצע וועלט. באַדאַרף מען רעדן נישט וועגן באַפרייען יידן, נאָר באַפרייען די וועלט פון יידישן יאָך.

יידן פאַרמאָגן נישט קיין שום שאַפונגס־קראַפט. די קולטור־ווערטן, וואָס יידן האָבן געשאַפן, זיינען בלויז אַ קאַריקאַטור. דער איינציקער אויסוועג פאַר יידן איז — זייער פולקומער אומקום!

אָט האָט איר די גאַנצע אויסראָט־תורה פון נאַציזם על רגל אחת.

ניין, היטלער איז נישט געווען דער אויטאָר פון דער „ענדלייזונג״ פון יידישן פּראָבלעם. די דאָזיקע תורה האָט ער בלי ספק געקאָנט לערנען ביי וואַגנערן. איז דען אַ ווונדער, וואָס די נאַציס האָבן פאַרגעטערט וואַגנערן? און זיי האָבן גענומען אויף זיך די אויפגאַבע דורכצוזעצן זיין עצה טובה.

יאָ, דאָס האָט ער אויסגעפונען דעם רעצעפּט, ווי אַזוי פּטור צו ווערן פון יידן מיט איין מעכטיקן קלאַפּ. אָט ווי ער האָט געזאָגט: נאָר דאָס דייטשע פאָלק קען לייזן דאָס יידישע פּראָבלעם, אָבער מיט איין תנאי — דאָס פאָלק זאָל זיך באַפרייען פון יעדן בושה־געפיל.

זיי האָבן אים געפאָלגט די דייטשע מנהיגים פון די דרייסיקער יאָרן פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט.

קומט אונדזער ליבער פּראָפעסאָר, ש. ה. ברעגמאַן, און גיט אַ שאַרפן זאָג אין זיינס אַן אַרטיקל: דער חרם אויף די צוויי ריכאַרדס איז ״אַ חרפּה פאַר מדינת ישראל״.

מיר זיינען גרייט איבערצוטראָגן די דאָזיקע „חרפּה״ מיט אַ טיפער סאַטיספאַקציע. מיר שעמען זיך נישט. וואַגנער און שטראַוס, — דער אויסראָט־אידעאָלאָג און שונא־ישראל וואַגנער און דער געטרייער דינער פון די נאַציס שטראַוס, — ביידע טאָרן נישט אַריינקומען אין די טירן פון ״היכל התרבות״.

www.libtool.com.cn

גדעון האַוזנער, דער פּראָקוראָר אין אייכמאַן־פּראָצעס, האָט ריכטיק געזאָגט: זיי ביידע רופן אַרויס ביים איצטיקן יידישן דור שוידערלעכע אַסאָציאַציעס. זיי זיינען געוואָרן דער סימבאָל פון דער רוצחישער פּאַר־מעסטעניש פון די היטלערס און די געבעלסעס, די אָפּישירטע מאַרקע פון דער נאַצישער חיה רעה.

און מיר זיינען נישט בכוח פון אָט די אַסאָציאַציעס זיך צו באַפרייען. מיר ווילן נישט און מיר טאָרן נישט זוכן אַזאַ באַפרייונג. אויב אונדזער שבועה „נישט פאַרגעסן און נישט פאַרגעבן!" האָט אַ זין, אויב זי איז ערנסט געמיינט, וועלן מיר נישט מוחל זיין אויך די יעניקע בעלי־מוסר און פיינשמעקערס אונדזערע, וואָס מיען זיך אַריינצוברענגען אין אונדזער קולטור־היכל אַזאַ עקלדיקן טריף־פּסול.

8.7.1966

# אַ יידישער קרעכץ

אַ יידישער קרעכץ, אַ יידישער זיפץ — ווער קען נישט אָט די ספּעצי־פישע ביי אונדז, יידן, אויסדרוקן?

פאַרשטייט זיך, אַלע מענטשן זיפצן און קרעכצן נעבעך דאָן, ווען ס'איז זיי ביטער אויפן האַרצן, ווען מ'ווערט געפּלאָגט מיט אַ צרה, מיט אַן אָנשיקעניש.

אָבער יידן זיינען, ווי באַקאַנט, אַן אָריגינעל פאָלק, וואָס טיילט זיך אויס פון צווישן אַנדערע פעלקער מיט זיין אייגנאַרטיקייט אויף כלערליי שטחים — כמעט אין אַלע אַנטפּלעקונגען פון רעליגיע, גייסט און לעבנס־שטייגער.

בקיצור, מיר זיינען דאָס באַקאַנטע אתה בחרתנו־פאָלק. האָבן מיר זיך איינגעשאַפן אויך אַן אייגנאַרטיקן יידישן קרעכץ.

די קלאַסיקער פון דער העברעיִש־יידישער ליטעראַטור, ווי מענדעלע, שלום־עליכם, פּרץ, האָבן אין זייערע ווערק זייער פיל געשילדערט דעם יידישן זיפץ. איר געפינט ביי זיי אַן אַ שיעור ווערטלעך און אויסדרוקן, אין וועלכע ס'איז אַריינגעבראַקט דער יידישער „אוי". אוי, ווי איז צו מיר!

www.libtool.com.cn

אוי, גאָט איז מיט דיר! אוי, טייער קינד מיינס! אוי, ווי גוט ס׳איז געווען! אוי, אַ שמחה אויף אונדז! — און אַזוי ווייטער. אַזעלכע און ענלעכע אויס־דרוקן שנירלען זיך כסדר אין יידישע זאָגעכצן, אין דעם יידישן סדר־הדיבור.

און ווי איר זעט, איז אָט דער „אוי" נישט דווקא אַ צוגאָב־אויסרוף, בשעת מען רעדט וועגן צרות און אַנשיקעניש|ן, נאָר איז אויך אַ מין צופּוץ צום גוטן געמיט. דער ייד זיפצט נישט נאָר דאַן ווען ער טרויערט, בשעת ער איז דורך עפּעס דעפּרימירט, נאָר אַפילו דאַן, ווען עס איז אים לייכט אויף דער נשמה.

הכלל, מ׳קען זאָגן, אַז ס׳איז פאַרן יידן פּשוט אַ מחיה צו זיפצן!

דער העברעיִש־יידישער שרייבער און פּעדאַגאָג, ד״ר ישראל רובין ז״ל, האָט אין זיין באַקאַנטן בוך „פון דאַנען אַהין", געווידמעט אַ זייער אינטערעסאַנטן עסיי דעם ענין קרעכצעניש|ן בכלל און ביי יידן בפרט. באַ־מערקט ריכטיק ישראל רובין, אַז ווען אַ ייד איז בכלל גוט אויפן האַרצן און ער איז ביז גאָר פריילעך אויפגעלייגט, מישט ער צו דעם אַלעמען צו אומבאַדינגט זיין „אוי":

— אוי, ס׳איז מיר גוט! אוי, ס׳איז מיר פּשוּיעמנע! אוי, ס׳איז ווויל צו זיין אַ ייד! — אַזוי זינגט זיך אין אַ פּאָפּולערן יידישן פאָלקסליד. און דער מחבר ווייזט ווייטער אָן, אַז פון די צען מאָסן קרעכצן, וואָס זיינען אַראָפּגענידערט געוואָרן אויף דער ערד, האָט ספּעציעל דער יידישער מענטש געגומען פאַר זיך גאַנצע ניין מאָסן און נאָך מער — די ספּעציפיק פון יידישן קרעכץ איז נישט אין כמות, נישט בלויז אין דעם, וואָס דער קרעכץ איז ביים יידישן מענטשן מער און אָפטער, ווי ביי אַלע אַנדערע אומות, נאָר אויך — און אפשר בעיקר — אין איכות, אין דעם, וואָס ביי יידישע מענטשן איז דער קרעכץ אַ באַזונדערס שאַרפער.

דער מחבר דערגרונטעוועט זיך טיפער צו די וואָרצלען פון דעם יידישן קרעכץ און ער געפינט אין אים אָפּקלאַנגען — רעשטלעך פון עלטער־עלטער־זיידישן געוויין ביים חורבן בית־המקדש און פון אַלע אַנדערע צרות און יסורים, וואָס יידן האָבן איבערגעלעבט אויף זייערע גלות־וועגן.

זעט אויס, אַז דער יידישער קרעכץ קען ווערן אַן ענין פאַר פּסיכאָלאָ־גישע פאָרשונגען. אָבער כ׳מיין, אַז ס׳וואָלט געווען ריכטיק צוצוגעבן, אַז

www.libtool.com.cn

אין אַט דעם זיפּץ און קרעכץ שפּיגלט זיך אָפּ נישט נאָר די יידישע פּסיכיק. דער קרעכץ איז געוואָרן אַ מין אָנשפּאַר פאַר כלערליי אידעאָלאָגיעס און שטימונגען. דאָס איז געוואָרן אַ גאַנגבאַרע סחורה ביי פיל יידישע געזעל־שאַפטלעכע עסקנים, אויך ביי שרייבערס.

צי האָט איר אפשר באַמערקט, אַז אין דער יידישער פּובליציסטיק, אין די אַרטיקלען פון דער יידישער פּרעסע אין דער גאָרער וועלט, הערט איר כסדר אַט די טענער: אַ זיפצעניש, אַ קרעכצעניש, אַן אַכצעניש. יאָ, יאָ, געוויס — אַ גרונט דערצו איז שטענדיק פאַראַן! דאָס גלות־לעבן, ווי מיר ווייסן, ליפערט שטענדיק שטאָף פאַר טרויעריקע מחשבות. כמעט אין אַלע גלות־לענדער איז, ווי באַקאַנט, דער קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם דאָס טעג־לעכע ברויט פון געזעלשאַפטלעכע טוערס און אינסטיטוציעס. דערשפּירט מען אַנטפּלעקונגען פון אַנטיסעמיטיזם, טרעט מען אַרויס מוטיק אין קאַמף קעגן די שונאי ישראל. געוויס, טאָר מען נישט איגנאָרירן די אינטריגעס און אַטענטאַטן פון שונאים, וועלכע שעדיקן דעם יידישן נאָמען און די יידישע אינטערעסן.

ווי דען אַנדערש? מ׳דאַרף טאַקע שאַרף רעאַגירן, ווען יידן ווערן אָנ־געגריפן אין זייערע רעכט און אין זייער כבוד.

אָבער זייט מיר מוחל! — אָפּט מאָל האָסטו דעם איינדרוק, אַז אַט די גוטע מענטשן, וועלכע באַוויינען דעם יידישן גורל און קרעכצונגען מיטן טיפן יידישן קרעכץ, האָבן אויך עפּעס אַ מין הנאה פון אַט די קרעכצענישן. דער קרעכץ גיט צו אַ באַזונדערע שאַרפקייט, אַ ספּעציפישן געשמאַק און ריח צו אַט די געזעלשאַפטלעכע אַקציעס, אָדער פּרעסע־אַרטיקלען — אַט אַזוי ווי, לאָמיר זאָגן, אַ פעפערל אין די שבתדיקע פיש.

דו האָסט דעם איינדרוק, אַז דער יידישער קרעכץ מוז זיין, ווי ס׳מוז זיין זון און רעגן, ווינטער און זומער, עפּעס אַ מין נאַטור־דערשיינונג, וואָס באַגלייט שטענדיק יידישע טועכצן און שמועסן.

איז קיין וווּנדער נישט, וואָס אַט דער מנהג איז אַריינגעבראַכט געוואָרן אין אונדזער אומגאַנג אויך דאָהי, אין דער יידישער מדינה. דער „אוי״ דערשיינט ביי אונדז איןביידע זיינע אויסדרוקן: אין דער „מאַזשאָר״־אויסגאַבע און אין דער „מינאָר״־אויסגאַבע, אויב מ׳זאָל באַנוצן די מוזיק־טערמינאָלאָגיע. ס׳הייסט, סיי אין זיין לוסטיקן טאָן און סיי אין זיין אומע־

www.libtool.com.cn

טיקן טאָן, און אפשר אין צווייטן טאָן — טאַקע אַ סך שאַרפער און קרעפ־טיקער.

דער יידישער קרעכץ רייסט זיך דורך כמעט אין אַלע אונדזערע רייד, אָפּשאַצונגען, מיינונגען און וויכוחים. מ׳האָלט אין איין קלאָגן זיך און קרעכצענען: דער עולה, דער פּקיד, דער קרעמער און פאַבריקאַנט, דער אַרבעטער און אָנגעשטעלטער און אַפילו דער געזעלשאַפטלעכער עסקן.

און די ציוניסטישע אבות האָבן דאָך געהאַט אַ מאָל פאַרזיכערט, אַז וואָס־וואָס, נאָר צוזאַמען מיט די גלותדיקע צרות וועט אין ארץ־ישראל פאַרשווינדן אויך דער יידישער קרעכץ.

ערשט ער לעבט און גערייעט! אוי, רבונו של עולם!

23.9.1966

## דעמאָקראַטיע אין קלעם

די מעשה מיטן פּרעזידענט פון דער רעפּובליק קאָנגאָ (בראַזאַוויל), וואָס האָט פריער געהערט צו די פראַנצויזישע קאָלאָניעס — מיטן קאַטוי־לישן גלח יולו, וועקט אונדזער געדאַנק און אויפמערקזאַמקייט צו אַ זייער באַלערנדיקן פּראָצעס וואָס אַנטוויקלט זיך אין די נייע אַפריקאַנער מדינות בכלל.

דער פּאַטער יולו, וואָס האָט אגב באַזוכט ישראל און איז אונדזערס אַן אויפריכטיקער ידיד, האָט פּלוצים באַשלאָסן, אַז דער פּאַרלאַמענטאַרי־שער רעזשים טויג נישט פאַר זיין יונגער מדינה. אַנשטאָט די עקזיסטירנ־דיקע דריי פּאָליטישע פּאַרטייען דאַרף, לויט זיין מיינונג, געשאַפן ווערן נאָר איין פּאַרטיי, ווו ער זאָל שטיין בראש. די דאָזיקע איין־פּאַרטיי־סיסטעם זאָל ראַטעווען קאָנגאָ פון אַלע אירע צרות און שוועריקייטן. וואָרום אָט די קליינע מדינה, וואָס ציילט סך הכל אַרום 800 טויזנט נפשות, ליידט פון עקאָנאָמישע שוועריקייטן טראָץ דעם, וואָס פראַנקרייך שטיצט זי מיט ממשותדיקע מיטלען.

האָבן די פּראָפעסיאָנעלע פאַראייגען מורד געווען אין דעם אָנערקענטן מנהיג יולו און האָבן אים געצוווּנגען צו דעמיסיאָנירן. דער פּאַטער יולו

www.libtool.com.cn

איז אַרעסטירט געוואָרן און די מאַכט האָט איבערגענומען, ווי די מאָדע איז, דאָס מיליטער.

הכלל, אויך קאָנגאָ־בראַזאַוויל טרעט אַריין פאַמעלעך, אָבער זיכער אין דער מחנה פון די טאָטאַליטאַרע מדינות.

און דאָ שווימט אויף אַן אַלגעמיינע האַרבע שאלה: ווי קומט עס, וואָס אין די נייע מדינות, וואָס האָבן אויסגעקעמפט זייער פרייהייט און אומאָפּהענגיקייט נאָך לאַנגע און פּיינלעכע יאָרן פון אימפּעריאַליסטישער אונטערדריקונג און קאָלאָניאַלן יאָך, זאָלן זיך דאָרט דווקא שטאַרקן און אויפהויבן טאָטאַליטאַרע רעזשימען?

ס'טייטש, ווו זענען די אידעאַלן און אַלע זיבן חנען פון דער דעמאָקראַטיע, וועלכע האָבן אָנגעלאָקט די פרייהייטס־קעמפער און זיי באַוועגט צו אַ ביטערן געראַנגל פאַר אַ נייעם גורל פון זייערע פעלקער?

נישט נאָר אין קאָנגאָ־בראַזאַוויל איז די דעמאָקראַטיע פאַרוועלקט געוואָרן נאָך איידער זי האָט באַוויזן אויפצובליען. אַזאַ איז די לאַגע אין גאַנאַ, גינעאַ, טאָגאָ, אַלזשיריע, מאַלי, סענעגאַל און אַנדערע. קיין נפקא מינה נישט, צי דאָס באַפרייטע לאַנד איז געווען אונטער דער הערשאַפט פון בריטאַניע אָדער פראַנקרייך. פון אָט די צוויי דעמאָקראַטישע גרויסמאַכטן, ווו מ'האָט, דוכט זיך, געקענט דורכמאַכן אַ גוטע שול אין הלכות דעמאָקראַטישע פרייהייטן.

האָבן דאָך די אַלע מנהיגים פון די אונטערדריקטע פעלקער און שבטים געפּרעדיקט פרייהייט און געקעמפט מיט מסירות נפש פאַר אָט דער פרייהייט און אומאָפּהענגיקייט אין נאָמען פון פאָלק, דורכן פאָלק און פאַרן פאָלק! ווי אַזוי וואַרפן פיל פון זיי אָוועק אָט די לאָזונגען און פרינציפּן, ווי אַן אָפּגענוצטע שמאַטע, און פייפן אויפן דאָזיקן פאָלק מיט אַזאַ גראַציעזער לייכטקייט און לייכטזיניקייט?

וואָס זענען די סיבות פון אָט דער משונהדיקער דערשיינונג?

מ'קען, דוכט זיך, אָנציילן עטלעכע וואָגיקע סיבות.

קודם כל האָט טאַקע דער קאָלאָניאַלער רעזשים גופא זיך אויסגעווירקט לרעה אויף דער פּסיכיק און מענטאַליטעט פון די מנהיגים, וועלכע האָבן קעגן אים געקעמפט. די ענגלענדער און פראַנצויזן, וועלכע האָבן באַהערשט דעם שוואַרצן קאָנטינענט, זענען טאַקע גוטע און ערלעכע דעמאָקראַטן,

www.libtool.com.cn

אָבער ביי זיך אין דער היים, פאַרן אייגענעם געברויך. די שוואַרצע אונ־טערטאַנער זייערע זענען געווען פאַררעכנט אין משך פון צענדליקער און הונדערטער יאָרן ווי נחותי דרגא, ווי ברואים פון אַ נידעריקן מין מענטש, ווי עפּעס קרובים פון אוראַנגאוטאַנג, פון אַט דער מאַלפּע, וועלכע האָדעוועט זיך אין די דזשונגלען...

דער רבונו של עולם האָט משמעות באַשאַפן דעם דאָזיקן טיפּ מענטש אין אַ בין־השמשות, ווען ער האָט שוין נישט אַזוי מקפּיד געווען אויף זיין שעפּערישער מלאכה.

האָבן די שוואַרצע אונטערטאַנען פון די אייראָפּעישע קאָלאָניאַליסטן אָפּגעלערנט פון זייערע הערן מידות רעות פון גרויסהאַלטעריי, פון פּריצות און עריצות, פון איבערגעשפּיצטן גלויבן אין דער „דערצ׳ערישער" ווירקונג פון רויען, ברוטאַלן כוח.

די צווייטע סיבה פון אומצוטרוי צו דעמאָקראַטיע נעמט זיך בלי ספק דערפון, וואָס שוין אין אונדזערע צייטן, ווען די אונטערדריקטע פעלקער האָבן שוין זוכה געווען צו זייער אומאָפּהענגיקייט, זענען אויפגעקומען פאַר זייערע אויגן מוסטערן פון טאָטאַליטאַרע רעזשימען אין אַ ריי גאַנץ בכבודיקע מדינות. דאָס איז אַ תקופה, ווען די אמונה אין דער קלאַסישער פאַרלאַ־מענטאַרישער דעמאָקראַטיע, ווי זי איז אויסגעשטאַלטיקט געוואָרן אין טיגל פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, — ווען די דאָזיקע אמונה איז בכלל פאַרבלאַסט געוואָרן אין באַוווסטזיין פון דעם אדם־מענטש.

דערצו האָט אויך גורם געווען דער וועלט־קאָמוניזם. דערצו האָט אויך מיטגעווירקט די הצלחה פון געוויסע דיקטאַטאָרן, וועלכע פאַרטראַגן נישט קיין זייטיקן מוח און כוח, וואָס זאָל שטיין אויף איין ברעטל מיט זייער חכמה און קראַפט. נאָצער אין עגיפּטן, סוקאַרנאָ אין אינדאָנעזיע און אַנדערע הערשער אין אַ ריי אַזיאַטישע, דערין כמעט אַלע אַראַבישע מדינות, האָבן געוויזן דעם וועג צו דער דיקטאַטאָרישער גדולה.

איז אויב יענע מעגן און זענען נאָך דערצו מצליח, איז פאַרוואָס זאָל געמינערט ווערן דאָס מזל פון די אַפריקאַנער מנהיגים?

די דריטע סיבה דאַרף מען זוכן, מיין איך, אין יענע קאָלאָסאַלע שוועריקייטן און שטרויכלונגען, אויף וועלכע עס שטויסט זיך אָן די ווירטשאַפטלעכע אַנטוויקלונג פון די נייע מדינות אין אַפריקע. זיי זענען

www.libtool.com.cn

פלוצים געשטעלט געוואָרן פאַר ריזיקע אויפגאַבעס. זיי מוזן אויפריכטן זייער עקאָנאָמישן מצב, אַנטוויקלען די לאַנדווירטשאַפט, שאַפן אַן אינדוס־טריע, אויפשטעלן די מלוכהשע באַלעבאַטישקייט. גלייכצייטיק מוז מען זאָרגן פאַרן יחיד, פאַרן פשוטן פויער און אַרבעטער, ער זאָל שפּירן אויף זיין אייגענער הויט, אַז די אומאָפּהענגיקייט האָט אים געגעבן נישט נאָר פּאָליטישע פרייהייט און רעכטלעכן שוץ, נאָר אויך אַ העכערן לעבנס־סטאַנדאַרט: ברויט, בגד, בילדונג.

און דאָס אַלץ מוז דורכגעפירט ווערן וואָס גיכער און וואָס גרונטיקער. דאָ קען מען נישט אויסשטעלן אויף לאַנג־דויערנדיקע פּראָצעסן. דאָ דאַרף גילטן דער כלל: חטוף ואכול!

קומען די מנהיגים צו דער איבערצייגונג, אַז די דאָזיקע צילן קענען גיכער און ראַציאָנעלער דערגרייכט ווערן, ווען בראש פון דער מדינה זאָל שטיין דער "אויסדערוויילטער", דער מנהיג, וועלכער האָט פאַרדינסטן פאַר זיין פאָלק און פאַרמאָגט פּרעסטיזש ביי זיין פאָלק. די דעמאָקראַטישע מאַשינעריע באַוועגט זיך צו לאַנגזאַם. און דאָס פאָלק האָט קיין געדולד נישט.

און אויב איר ווילט, איז פאַראַן ערגעץ־ווו נאָך אַ פערטער גורם, וואָס רייסט אַרונטער די דערציִונג צו דעמאָקראַטיע. דאָס איז, לײדער, די פאַר־שפּרייטע מידה, ווי לייט דערציילן, פון מאָראַלישער פאַרדאָרבנקייט אין געוויסע קרייזן פון דער אינטעליגענץ און באַאַמטנטום אין אַ ריי נייע מדינות. וועגן אָט דער טרויעריקער דערשיינונג גיבן איבער אויסלענדישע אָבסערוואַטאָרן, וואָס לעבן און אַרבעטן אין יענע מקומות.

אָט די מאַלווערסאַציעס שווענקען אַרונטער די יסודות פון דעמאָקראַטיע און פאַרמיאוסן דעם דעמאָקראַטישן סדר החיים אין די אויגן פון דער באַפעלקערונג. פאַרשטייט זיך, דאָס הייסט נישט, אַז דער טאָטאַליטאַרער רעזשים, וואָס קומט אויף נאָך דער ליקווידאַציע פון דער דעמאָקראַטיע, זעצט אַוועק אויבן אַן צדיקים גמורים. פאַרקערט: דער דאָזיקער רעזשים איז ממש אַ וואַרעמע אַראַנזשעריע, וואָס האָדעוועט גיפטיקע געוויקסן פון מאָראַלישער פאַרפוילטקייט אין גאָר ברייטע מאַסשטאַבן און דווקא אין די גאָר הויכע פענצטער.

אָבער די דאָזיקע אויסניכטערונג פון בלינדן גלויבן אין דער היילנ־דיקער קראַפט פון דער דיקטאַטור קומט ערשט שפּעטער, נאָך ביטערע

www.libtool.com.cn

דערפאָרונגען, ווען ס׳איז במילא צו־שפּעט.

פאַראַן אַ ווירקזאַם מיטל, וואָס קען פאַרפעסטיקן די יסודות פון דעמאָקראַטישן סדר: דאָס איז יענע הילף, וואָס אַנטוויקלטע און קולטורעלע מדינות אין דער ברייטער וועלט קענען און דאַרפן געבן די נייע אַפריקאַנער מדינות. וואָס ברייטער און ברייט־האַרציקער ס׳וועט זיין די דאָזיקע הילף, אַלץ גיכער וועט זיך אויסווירקן זייער השפּעה צום גוטן אויפן עקאָנאָמישן און סאָציאַלן לעבן אין אַט די מדינות, וואָס נויטיקן זיך אין דער ברידער־לעכער אונטערשטיצונג מצד בעלי־יכולת פון צווישן די פאַרפונדעוועטע מדינות.

יאָ, מדינת ישראל געהערט נישט צו די גוולאַדאָוונע בעלי־יכולת פון דעם מין.

אָבער זי מאַכט גרויסע אָנשטרענגונגען בייצושטייערן, לויט אירע כוחות, צו דער דאָזיקער געבענטשטער שליחות. זי געווינט דורך דעם דעם טיפן צוטרוי מצד די געשטיצטע רעגירונגען און מדינות. דאָס איז די בעסטע קאָמפּענסאַציע פאַר אונדזערע קרבנות, וואָס מיר זענען מקריב אויפן מזבח פון אונדזער פריינדשאַפט מיט יענע לענדער.

און מיר קענען רעקאָמענדירן פון גאַנצן האַרצן אַלע מדינות אין דער פרייער וועלט: כוה ראה וקדש! אַט אַזוי און אַט אַזוי באַדאַרף מען העלפן די יונגע אַפריקאַנער מדינות צו פאַרפעסטיקן און באַווירקן זייער דעמאָ־קראַטישן מלוכה־סדר. די מגיפה פון די טאָטאַליטאַרע אמונות וועט אויף אַזאַ אופן זיכערער באַקעמפט ווערן.

דאָס ליגט אויך אויפן שטח פון וועלט־שלום און פעלקער־פריינדשאַפט.

23.8.1963

## אויף זייטיקע וועגן

היסטאָרישע דערשיינונגען שטראָמען אַרויס, כידוע, פון געגעבענע באַדינגונגען, פון אַ געפלעכט פון טיפע סאָציאַלע און מאָראַלישע פּראָצעסן. און דערפאַר זענען זיי לעבדיק און פרוכפּעריק בשעתם — פאַר זייער צייט און זייער אומגעבונג.

www.libtool.com.cn

ס'איז אָבער אומפאַרשטענדלעך און אומבאַרעכטיקט, ווען מענטשן קלאַמערן זיך מיט געקראַמפּטע פינגער אין צווייגן, וואָס זענען שוין אָפּגעדאַרט, אין באַגריפן וואָס זענען שוין דורכן לעבן אַליין לאַנג אָפּגעפרעגט. דאָ ווירקט שוין פלאַכקייט פון געדאַנק, טעמפּקייט פון געפיל.

געווען אַמאָל ביי יידן אַ השכלה־באַוועגונג. אין די 60־ער און 70־ער יאָרן פון פאַריקן יאָרהונדערט האָט זי צעשטורעמט די יידישע גאַס. זי האָט געבראַכן די טויערן פון גייסטיקן געטאָ, אין וועלכן יידן האָבן זיך געהאַט אָפּגעזונדערט פון דער גאַנצער נישט־יידישער קולטור־וועלט.

דעמאָלט, אין יענע יאָרן איז די השכלה מיט אַלע אירע ליכטיקע און שאָטנדיקע זייטן אויפגעקומען נישט צוליב קאַפּריזן פון צעבאַלעוועטע טאַטנס זינדלעך, וואָס זענען אַרויסגעגאַנגען פון יידישן תחום "לתרבות רעה", — נאָר זי האָט אַרויסגעשפּראָצט פון אַ נאַטירלעכער רייף־געוואָרענער באַדערפעניש פון יידישן מענטש זיך צו באַהעפטן מיט דער גרויסער וועלט פון דער מאָדערנער וויסנשאַפט, פון דער אַלמענטשלעכער קולטור.

דער השכלה־באַוועגונג האָבן מיר צו פאַרדאַנקען אונדזער הייַנטצייטיקע העברעיִשע און יידישע קולטור, אונדזערע פּאָליטישע פּאַרטייען, דעם ציוניזם, דעם אויפבוי פון ארץ־ישראל, די חלוצישע באַוועגונג. זאָגן, אַז השכלה איז געווען אַ "טעות", איז לעכערלעך.

די השכלה איז געווען געזונט און נאַטירלעך פאַר איר צייט. ס'איז אָבער אומגעזונט און אומנאַטירלעך, ווען געוויסע השכלה־טענדענצן באַהערשן נאָך היינט אויך די מוחות און הערצער פון יידישע געלערנטע, פון יידישע שריפטשטעלער, פון יידישע אינטעליגענטן. און איינע פון די דאָזיקע שעדלעכע איבערבלייבענישן פון דער השכלה־אידעאָלאָגיע איז די לייכט־זיניקע באַציִונג צו דער יידישער מסורה, צו יידישע עטישע ווערטן, צו יידישע רעליגיעזע לעבנס־פאָרמען.

*

די השכלה האָט געבראַכט מיט זיך אויך כפירה, אפּיקורסות אַלס וועלט־אַנשויאונג. אין ב ע ס ט ן פאַל האָבן די משכּילים געפּרעדיקט די נויטיקייט צו רעפאָרמירן דאָס יידישע תורה־לעבן, אַריינטראָגן אין דער יידישער

www.libtool.com.cn

טראַדיציע תיקונים "אין גייסט פון דער אויפגעקלערטער צייט"... אין ע ר ג ס ט ן פאַל האָט די השכלה, די "בת השמים" (די טאָכטער פון הימל) — ווי אירע וואָרט־זאָגער און פאָן־טרעגער האָבן זי טיטולירט, — דערוווייטערט ברייטע יידישע קרייזן בכלל פון אַלע הימלען און האָט אָפּגעריסן לעבעדיקע שטיקער פון יידישן פאָלקס־אָרגאַניזם. אַסימילאַציע, שמד, אפילו יידן־האָס — דאָס זענען אויך געווען געזעצלעך געבוירענע קינדער פון דער השכלה־שטרעמונג.

ס'איז אויפגעקומען אַ "רעפאָרמירטע" יידישקייט, אַ ""ליבעראַלע" קהילה. אָבער אין דעם פּרט איז געווען אַ גרויסער חילוק צווישן די מערב־אייראָפּעיִשע און מזרח־אייראָפּעיִשע משכילים. אין מערב־אייראָפּע האָט מען טאַקע דורכגעפירט די "רעפאָרמעס" אין יידישן רעליגיעזן שטייגער, אין נוסח פון די תפילות, אין בית־המדרש־אומגאַנג. אין מזרח־אייראָפּע האָבן די משכילים אויך גערופן צו "תיקונים בדת", האָבן שאַרף אָנגעגריפן דעם שולחן ערוך, אָבער ווייטער פון קריטיק איז עס נישט געגאַנגען. משה לייב ליליענבלום האָט ממש געפלאַקערט מיטן רעפאָרם־געדאַנק. דער משכיל אינעם ראָמאַן פון ראובן אשר ברוידעס "הדת והחיים" שטורעמט די יידישע דינים און מנהגים. אָבער קיין רעפאָרמירטע "קולטוס־געמיינדען" האָבן זיי נישט געשאַפן.

אין די קאָמפּאַקטע יידישע קיבוצים פון אַ פּוילן, ליטע, רוסלאַנד מיט אַ טיף־פאַרוואָרצלטן רעליגיעז־געפורעמטן פאָלקס־לעבן האָט דער באָדן נישט אויפגענומען קיין רעפאָרמיסטישע זריעה. אָבער דווקא פון די טיפע־נישן פון דער מזרח־אייראָפּעאישער השכלה האָבן אַ שפּראָץ־געטאָן אַנדערע בליטן, זענען זיך פונאַנדערגעוואַקסן אַנדערע געוויקסן, וואָס פאַרכאַפּן מיט זייערע ריחות דעם אָטעם ביי פיל יידישע אינטעלעקטועלע קרייזן אפילו איצט אויך, שוין נאָך די שוידערלעכע, באַלערנדיקע דערפאַרונגען פון די לעצטע יאָרן.

די פּרינציפּיעלע אפיקורסות פון דער השכלה־צייט, דער אַטעיִסטי־שער גייסט פון די ערשטע משכילים האָט זיך אויסגעקריסטאַליזירט אין צוויי שיטות, אין צוויי מעטאָדן פון עצם צוגאַנג צו די פּראָבלעמען פון אמונה, פון דער נישט־יידישער רעליגיעזער וועלט, צו די אידעען פון קריסטנטום און פון דער אַזוי גערופענער "קריסטלעכער מאָראַל"; אין

www.libtool.com.cn

שיטה — אַ ראַציאָנאַליסטישע, די צווייטע — אַן עסטעטיש־קינסטלערישע.

אונדזערע ראַציאָנאַליסטן האָבן גערעדט אין נאָמען פון „העכערן שכל", האָבן פאַרלאַנגט פרייהייט פון פאַרשערישן געדאַנק און ווי יעדער ראַציאָנאַליסט, וואָס אָפּערירט נאָר מיט באַגריפן פון כלומרשט אַלמעכטיקן מענטשלעכן געדאַנק, זענען זיי אַריינגעפאַלן אין אַ נעץ פון אומזיניקייטן, פון אַבסורדן און האָבן אָפטמאָל זיך אַריינגעפּלאָנטערט אין קאָנפליקטן מיטן היסטאָרישן אמת, מיטן פּשוטן מענטשלעכן שכל.

אחד העם איז לייכט איינגעגאַנגען דערויף, אַז משה רבנו איז גאָרנישט געווען במציאות, ווייל אַזוי האָבן פאַרזיכערט די קריסטלעכע געלערנטע און די באַרימטע מיט זייערע אויסטראַכטענישן „ביבל־קריטיקער". אַ גליק, וואָס די שפּעטערדיקע היסטאָרישע פאָרשונגען האָבן באַשטעטיקט די היסטאָרישקייט פון משה רבנ׳ס פּערזענלעכקייט — אַ נישט וואָלטן מיר חס־וחלילה געמוזט אַרויסוואַרפן פון אונדזער גייסטיקער וועלט די גראַנדיעזע געשטאַלט פון משה רבנו...

ד״ר חיים זשיטלאָווסקי איז אַוועק אין זיין ראַציאָנאַליסטישער שיטה אַזוי ווייט, אַז ער קען זיך פאָרשטעלן אפילו אַ... קריסטלעכע יידישע אומה. „אויב די מאַיאָריטעט פון יידישן פאָלק וואָלט זיך ווען ס׳איז פאַראינטערעסירט מיטן קריסטנטום, — פסקנט ער אַ שאלה — וואָלט זי געקאָנט אָננעמען די קריסטלעכע אמונה אויך פאַרמעל און זי וואָלט דערביי גאָרנישט געליטן אין דעם נאַציאָנאַלן זין". ביים אַמאָליקן יידישיסטן רבין האָט, הייסט עס, דער יידישער נאַציאָנאַליזם געקענט רו׳יק זיך צונויפּפּאָרן מיט „יידישע קלויסטערס" און מיט אַ „יידישער" Ave Maria...

אפילו דער יידישער היסטאָריקער און שריפטשטעלער, דער הייסער ציוניסט, פּראָפ. יוסף קלויזנער איז אויך נכשל געוואָרן צוליבן זעלביקן טעם — צוליב דער ראַציאָנאַליסטישער שטרעבונג צו „וויסנשאַפטלעכער אָביעקטיוויטעט". ער האָט דערביי פאַרגעסן אין קליינִיקייט: די דאָזיקע „אָביעקטיוויטעט" איז באַזירט אויף היסטאָרישע פאָרשונגען פון גלויביקע קריסטן, וואָס די אמונה אין זייער „משיח" שלאָגט זייערע אויגן מיט בלינדקייט. און דערפאַר האָט ער געקענט אַרויסזאָגן אין זיין ווערק „ישו הנוצרי" אַזאַ רעיון, וואָס שניידט די יידישע נשמה ממש ווי מיט אַ מעסער.

www.libtool.com.cn

ער פּרוּווט אונדז איבערצייגן, אַז „פּאַרן יידישן פֿאָלק איז ער (יעזוס) אַ גרויסער בעל מוסר, דער „בעל המוסר", און אַז ס'וועט קומען אַ טאָג, ווען „דער ספר המוסר פֿון יעזוסן וועט ווערן איינער פֿון די שענסטע פּערלען אין דער יידישער ליטעראַטור פֿון אַלע צייטן"...

יאָ, געוויס: ד"ר קלויזנער איז נישט קיין סעדיה גאון און נישט קיין רמב"ם. אָט די גייסטיקע ריזן, וואָס האָבן געקענט אָפּקלייבן פֿונעם אוצר פֿון דער וועלט־וויסנשאַפֿט די אמתע פּערלען פֿון מענטשלעכן גייסט און געקענט דערביי אָפּהיטן און נאָך העלער באַלויכטן די שלמות און די ליכ־טיקייט פֿון די יידישע גייסטיקע ווערטן. צו אַזאַ שפּלותדיקער רעזיגנאַציע לגבי דער „קריסטלעכער מאָראַל", צו אַזאַ געפֿאַלנקייט בנוגע דער „געשטאַלט פֿון יעזוסן" קען ברענגען נאָר דער טרוקענער, אייז־קאַלטער ראַציאָנאַליזם פֿון אַ קאַבינעט־מענטשן.

✶

אויפֿן זעלביקן פֿאַלשן וועג ווי די ראַציאָנאַליסטן, זענען אָוועק אויך געוויסע יידישע שריפֿטשטעלער. ביי זיי דעצידירט שוין נישט די „וויסנשאַפֿטלעכע אָביעקטיוויטעט", נאָר די „קינסטלערישע סוביעקטיוויטעט", דאָס עסטעטישע געפֿיל פֿאַר שיינקייט און דערהויבנקייט.

דער פֿאַרשטאָרבענער העברעיִשער שריפֿטשטעלער א. א. קבק האָט אויך אָנגעשריבן אַ ווערק וועגן ישו הנוצרי: „במשעול הצר" (אויף אַן ענגער סטעזשקע). דאָס איז אַ היסטאָרישער ראָמאַן און די ליטעראַרישע קריטיק קען זיך גאָרנישט אָפּלויבן פֿון דאָזיקן גרויסן היסטאָרישן לייוונט און פֿון די קינסטלערישע שילדערונגען. און מערקווירדיק: אויך קבק קומט צו דער גלאָריפֿיצירונג, צו דער פֿאַרהערלעכערונג פֿונעם „יעזוס־פּאָרטרעט". יאָ, ער רייסט אַראָפּ פֿון יעזוסן די געטלעכע קליידער. ער שילדערט אים ווי אַ בשר ודם מיט מענטשלעכע שוואַכקייטן און חסרונות. אָבער דער פּועל־יוצא איז: אַ מאָראַליש היכע פּערזענלעכקייט, אַ נביאישע געשטאַלט...

און שרייבט ליאָן פֿויכטוואַנגער — דער יידיש־דייטשער שריפֿטשטעלער — אַ היסטאָרישן ראָמאַן וועגן יוסף פֿלאַוויוס, שטעלט ער אַרויס דעם כהן גדול און די פּרושים אין אַזאַ ליכט, ווי ס'האָט זיך פֿאַרגלוסט די

www.libtool.com.cn

עוואַנגעליסטן און די קריסטלעכע געלערנטע: דאָס זענען טרוקענע, דאָג־מאַטיקער, מענטשן אָן מאַראַל און אָן נשמה.

און פאַרוועלט זיך אויך די עלטערע יאָרן מזכה צו זיין די יידישע וועלט מיט צוויי נייע ווערק ווידער אַמאָל וועגן יעזוסן און וועגן די אַפּאָסטאָלן, ברענגט ער אַרייַן אין אַ ווילדער התפעלות די קאַטוילישע צייטשריפטן און ליטעראַטור־קריטיקער. זיי האָבן זיכער נישט דערוואַרט, אַז אַ ייד — און נאָך אַ שרייבער דערצו און נאָך פון אַזאַ מאַסשטאַב ווי שלום אַש — זאָל אין די היטלער־יאָרן פאַלן כורעים פאַר די "הויכע עוואַנגעלישע געשטאַלטן", וואָס האָבן דורך יאָרהונדערטער אָפּגעקאָסט דעם יידישן פאָלק שרעקלעכע אינקוויזיציעס, שחיטות און קרעמאַטאָריעס...

✶

אין וואָס זשע באַשטייט דער גרונט־פעלער פון אַט דיביידע משכילישע שיטות — פון דער ראַציאָנאַליסטישער און פון דער עסטעטישער?

זיי דערזעען נישט, אַז די שטאַנדהאַפטיקייט פון יעטוועדע אידעע, ווי אָביעקטיוו און גערעכט זי זאָל נישט אויסזען, ווערט אויסגעהאַמערט אויף דער קאָוואַדלע פונעם לעבן גופא. מעג מען זיך אויסמאָלן שיינע דמיונות, געהויבענע געשטאַלטן — איז דאָס אַלץ אַ פוסטע, פאַרפירערישע פאַנטאַזיע, אַ לעכערלעכע אילוזיע, כל זמן דאָס קאָכיקע לעבן, די געשיכטע, די פּראַקטיק פון די מענטשלעכע טועכצן באַשטעטיקט נישט זייער אינערלעכן ווערט, זייער ווערטיקייט פאַר מענטש און וועלט.

יידן האָבן אַ גאַנץ אַנדער מאָס פון עסטעטיק ווי די אומות העולם. אָן עטיק, אָן אמתער מענטשן־פרייַנטשאַפט, אָן לויטערקייט פון דער מענטשלעכער פערזענלעכקייט איז לויטן יידישן וועלט־באַנעם נישטאָ קיין וואָרע שיינקייט אויף דער וועלט.

"זיי" זאָגן: אַלץ, וואָס איז שיין, איז גוט.

מיר זאָגן: אַלץ, וואָס איז גוט, איז שיין.

דער טראָפּ ווערט לויטן גייסט פון יהדות געשטעלט נישט אויף דער אויסערלעכער שיינקייט, נישט אויף דער פּראַפּאָרץ פון פאָרמען, נישט אויפן ווונדער פון פאַרבן־שפּיל, נאָר אויף דער גייסטיקער געהויבנקייט, וואָס

www.libtool.com.cn

ווערט קאָנטראָלירט דורכן לעבן גופא. יהודה הלוי האָט געזאָגט וועגן דער חכמת יוון, אַז זי פאַרמאָגט נאָר בלומען, אָבער זי גיט נישט קיין פּירות. ריכטיקער געזאָגט: זי האָט געגעבן שווידערלעכע פּירות...

די קריסטלעכע קולטור מיט אַלע אירע „נביאישע געשטאַלטן", די קריסטלעכע מאָראַל מיט אַלע אירע צביעותדיק־זיסע געבאָטן האָט פאַר אונדזערע אויגן אַרויסגעבראַכט אַ ווונדערלעכע שיינקייט — די „שיינקייט" פון דער בלאָנדער בעסטיע, פון גזלנישע אויגן, פון אָנגעהויפטע סקעלעטן, די שיינקייט פון פלאַקערנדיקע שייטערהויפנס, די שיינקייט פון ברענענדיקע פאַקלען אויף די נאַציסטישע נאַכט־פּראָצעסיעס...

בשעת מחנות פאַרשמאַכטע, פאַרחלשטע, צעווייטיקטע און צעבלוטיקטע מענטשן זענען געטריבן געוואָרן אין „טויטן־מאַרש", צי האָבן זיי געקענט שעפּן נחת פון דער אַרומיקער שיינער בייערישער נאַטור, פון איר פּריי־לינגדיקן צעבלי?...

לאָמיר זוכן עסטעטיק און עטיק אין יידישע קוואַלן! וועלן מיר אויסגעפינען די אמתע דערהויבנדיקע שיינקייט. דאָס איז די שיינקייט פון יידישע אידעאַלן, פון דער יידישער טראַדיציע, פון יידישע ימים־טובים, די קרישטאָלענע לויטערקייט פון דער יידישער מאָראַל.

דאָס איז די אייביקע פּראַכט פון יידישן עץ־החיים...

## דער צווייִשפּראַכיקער קלאַסיקער

(צום 30־טן יאָרטאָג פון מענדעלעס פּטירה)

מענדעלע מוכר ספרים איז אַוועק אויפן עולם האמת ווען ער איז שוין אַלט געווען און זאַט מיט יאָרן, נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, אויף דער שוועל פון אַ נייער תקופה — ער איז אַוועק מיט דער קרוין פונעם קלאַסיקער פון דער יידיש־העברעיִשער ליטעראַטור. פון אַ „זיידן" לויט שלום־עליכמס אויסדרוק, — פון אַ זיידן, וואָס האָט איבערגעגעבן זיינע „אייניקלעך" די גרויסע גין־גאָלדענע ליטעראַרישע ירושה, די פּערלדיקע עשירות פון זיין ליטעראַטור־אוצר.

www.libtool.com.cn

און די 30־יאָריקע דאַטע פון זיין פּטירה פאַלט אויס ווידער נאָך שרעק־לעכע היסטאָרישע קאַטאַקליזמען. נאָך אַ מאָויימדיקן חורבן. אויף דער שוועל פון אַ נייער עפּאָכע אין יידישן לעבן. ס׳איז אָפּגעמעקט געוואָרן פון אונטער דער זון יענע גרויסע גייסטיק־רייכע און פילגעשטאַלטיקע יידישע וועלט, וואָס האָט אָפּגעשטאַמט פון דער מענדעלע־תקופה. ס׳זענען אויסגעהאַקט געוואָרן דורך אַ רשעותדיקער האַנט די בוימער און ס׳זענען אויסגעקאָר־טשעט געוואָרן אפילו די וואָרצלען פונעם מעכטיקן, געדיכטן, גרינעם וואַלד פון יידנטום און יידישקייט, וואָס האָט אַמאָל באַדעקט דעם שטח פון דער מענדעלע־וועלט. אמת, די תקופה פון פאַרן חורבן איז שוין אויך געווען ווייט אַוועק אין איר געשטאַלטונג און אַנטוויקלונג פון יענער עפּאָכע, וואָס איז פאַראייביקט געוואָרן אין זיינע גרויסע שאַפונגען. אָבער ס׳האָט נאָך עקזיס־טירט דער באָדן, דער המשך, די געאָגראַפישע באַזע פון דער פאַרשווונ־דענער יידישער וועלט פון 19־טן יאָרהונדערט.

איצט איז אַלץ אַוועק אין פלאַם און רויך. און די פאַריתומטע, פאַר־חורבטע און פאַרבלוטיקטע שארית־הפליטה דערמאָנט היינט צוזאַמען מיטן גאַנצן יידישן וועלט־כלל דעם אָנדענק פון גרויסן יידישן קינסטלער — דערמאָנט אים מיט צער און יראת־הכבוד, מיט פיעטעט און טרייסט.

וואָרום די יידישע ליטעראַטור איז נישט פאַרשניטן געוואָרן און מענדעלעס ווערק שטראַלן נאָך איצט אויך מיט אַלע זיבן חנען פון עכטער גרויסער קונסט.

און כל זמן יידן וועלן לעבן אויף דער וועלט (און יידן זענען אַן אייביק פאָלק!) וועט שיינען דער אומפאַרגעגנגלעכער נאָמען פונעם ליבהאַרציקן, טייערן זיידן מענדעלע, דעם געניאַלן אַרכיטעקט פון אונדזער ליטעראַטור־היכל.

✶

דוד פרישמאַן האָט אַמאָל געזאָגט, אַז ווען אַ מבול וואָלט פאַרפלייצט די ערד און אָפּגעווישט אַלדאָס לעבעדיקע, וואָלט מען לויט מענדעלע מוכר ספרים געקענט רעסטאַווירן די אומגעקומענע יידישע וועלט פון מענדעלעס צייט. אַזוי ברייט און אַזוי בולט־פּלאַסטיש זענען מענדעלעס שילדערונגען

www.libtool.com.cn

און דערציילונגען. ש. דובנאָוו דער היסטאָריקער דערציילט אין זיינע זכרונות, אַז מענדעלע אַליין האָט אויך געהאַט די זעלביקע מיינונג וועגן היסטאָריש־מאַלערישן באַדייט פון זיינע ווערק.

— איך בין אויך אַ היסטאָריקער, — האָט מענדעלע געזאָגט צו דוב־נאָוון, — נאָר אויף אַן אַנדער שניט. ווען איר וועט קומען צו דער געשיכטע פונעם 19־טן יאָרהונדערט, וועט איר מוזן זיך באַנוצן מיט מיינע ווערק, כדי צו שילדערן דעם לעבנס־שטייגער פון די דעמאָלטיקע דורות.

און באמת: אין זיינע קלאַסישע ווערק ווי "פישקע דער קרומער", "ווינטשפינגערל" און אַנדערע, גיט מענדעלע אַ געטרייע קינסטלעריש־דער־הויבענע און טיפּיש־אויסגעהאַלטענע אָפּשפּיגלונג פונעם יידישן לעבן אין די 50־ער און 60־ער יאָרן פון פאַריקן יאָרהונדערט. אַ שלל טיפּן, אַ רייכע גאַלעריע פיגורן, אַ טומלדיקער יריד! וועמען געפינט איר נישט דאָרט? אַ קאַפּער, אַ מגיד, אַ מוסר, אַ שמש, אַ קהלישן שרייבער, אַ סבאַרשטשיק, אַ דעפּוטאַט, אַ בעל־עצה; בעלי־טובות, באַהעלפערס, מלמדים, שדכנים, בדחנים, קבצנים, גבאים, משולחים, ישיבה־בחורים, פרושים, לומדים, זייַ־דענע מענטשן, שיינע יידן, תהלים־זאָגערס, משניות־לערנערס, פורים־שפּילערס, מצה־רעדלערס, שוחטים, דיינים, משגיחים, טוקערינס, פעלד־מעסטערינס...

נישט קיין יחידים מאָלט מיט זיין כישוף־פּענדזל מענדעלע, נאָר אַ גאַנץ פאָלק, אַ קאָלעקטיוו, אַ קאָליידאָסקאָפּ טיפּן. עס שוויבלט און גריבלט מיט דער שפע פון די מענדעלע־פּערסאָנאַזשן.

דער אמתער און איינציקער העלד פון אַלע זיינע ווערק איז די פאָלקס־מאַסע גופא — דאָס פאָלק אין זיין אָרעמקייט און דלות, אין זיין שיפלות און בטלנות, אין זיין טראַגישן נע־ונד־לעבן און אין דער געדיכטער גלות־פינסטערניש.

קאַבצאַנסק און גלופּסק — זענען די זאַמל־ערטער פון יידישער נויט, די סינאָנימען פון יאוש און אויסגאַנגלאָזיקייט. אין דער יחידישער טראַגעדיע שפּיגלט זיך אָפּ דיווירקלעכקייט פונעם כלל. הינטער דעם יידישן דאָן־קיכאָט בנימין מיט זיין "סאַנטשאָ־פּאַנטשאָ" סענדערל, סטאַרטשעט אַרויס דער יידישער בעל־חלומות, דער טרוימער, וואָס רייסט זיך פון די פּענטעס פון דער אכזריותדיקער ווירקלעכקייט אין דער גרויסער, שיינער, זוניקער

www.libtool.com.cn

וועלט אַריין. היגטער פישקען דעם קרומען זעט איר אַרויס דעם גערודפטן, דערשלאָגענעם יידישן לאַ־יוצלחניק, וואָס גאַרט נאָך אַ טראָפּנדל ליכט און גליק. ביי הערשעלען און משהלען צאַפּלען הערצער פון אַ באַרויבטער און געקריוודעטער יידישער יוגנט, וואָס לעכצט נאָך וויסן, נאָך אויפקום, נאָך גאולה...

אַט די אַלע טיפּן געהערן נישט נאָר צו דער געשילדערטער תקופה, נאָר זענען אָנגעזאַפּט מיט אַזוינע אַלגעמיין־מענטשלעכע און אַל־יידישע מידות און שטריכן, וואָס הויבן זיי אַרויס ווייט איבער זייער סביבה און צייט. אויך פאַר די שפּעטערדיקע דורות זענען כאַראַקטעריסטיש אַט די אַלע מענטשלעכע ליידנשאַפטן, בענקענישן און שטרעבונגען. זיי זענען לעבעדיקע געשטאַלטן, אויסגעהאַמערט אויף אייביק דורכן קינסטלערישן זשעני פון מענדעלען.

✶

די ליבהאָבער פון קלאַסיפיצירן ליטעראַטור־דערשיינונגען, וואָס האָבן אַ שוואַכקייט איטלעכן שריפטשטעלער און דיכטער אַריינצוקוועטשן אין אַ ראַם פון אַ באַשטימטער ליטעראַרישער ריכטונג, פרעגן זיך פון דאָסניי:

— וואָס איז מענדעלע? אַ רעאַליסט, אַ ראָמאַנטיקער, אַ ליריקער, אַ סאַטיריקער?

די תשובה קען זיין נאָר איינע: מענדעלע איז אַ ל ץ. ער איז אַ כולל־דיקע שעפערישע נאַטור. אינעם טיגעל פון זיין קינסטלערישער לאַבאָראַ־טאָריע פאַרשמעלצט ער כלערליי ליטעראַרישע מאָטיוון און ער פאַראַרבעט אַט די אַלע עלעמענטן אין איין יצירה: נוסח מענדעלע!

ביי מענדעלען דאַרף מען זיך לערנען. פון מענדעלען קען מען שעפּן הויפנסווייז, אָבער מענדעלען קען מען נישט קאָפּירן. ער איז אָריגינעל, איינציקאַרטיק, יחידיש.

אַט איז ער אַ שטרענגער רעאַליסט. ער מאָלט געוויסנהאַפט יעדן פרט, יעדן אויסערלעכן סימן פון אַ געשטאַלט, פון אַ סביבה. און אַט ווערט ער סענטימענטאַל, ליריש השתפכות־נפשדיק, און אַט שלאָגט ער מיטן בייטש פונעם בייסיקן סאַרקאַזם. אַט ווערט ער אַ מוכיח, אַ שטרענגער שטראָפער,

www.libtool.com.cn

רעדט מיטן לשון פון אַלעגאָריע, פון משל.

און דער איבערגאַנג פון איין נוסח צום צווייטן, פון איין געמיט־צושטאַנד צו אַן אַנדערן איז אַזוי פּלוצימדיק, אַזוי איבערראַשנדיק־אַנגענעם, אַז איר ווערט פאַרגאַפט פון אַט דעם געמיש פון די קינסטלערישע מעטאָדן און עמאָציעס.

מענדעלע מוכר ספרים איילט זיך נישט. זיין דערציילערישע פּאַבולע באַוועגט זיך פּאַוואָליע. ער פּאַרט פּאַמעלעך אין זיין וואָגן. דער ריטעם פון זיין שילדערונג איז אַן איינגעהאַלטענע, אַ געמאָסטענע. אָבער זיין דיכטע־רישע פאַנטאַזיע איז שטורמיש. זיינע קינסטלערישע המצאות זענען געוואַל־דיק. מענדעלע דערציילט אַ מעשה זיין קאָלעגע אַלתר יקנה"ז, אַלתר ענטפערט אים אויך מיט אַ מעשהלע. אָבער אין די דאָזיקע עפּיש־רויקע דערציילונגען בליצן אויף און קראַכן צוזאַמען גאַנצע וועלטן, מענטשלעכע שיקזאַלן, ברויזיקע דראַמאַטישע געשעענישן.

מענדעלע געפינט זיינע העלדן אונטערוועגס. פּונקט ווי פּרץ סמאָלענ־סקין אין זיין "התועה בדרכי החיים" צווינגט ער זיינע פּערסאָנאַזשן אונטער־צונעמען נאָענטע אָדער ווייטע נסיעות, כדי אַנצוקוקן נייע פּנימער, צו דערזען נייע סביבות, צו שילדערן נייע סיטואַציעס. אָבער מענדעלע אין קעגנזאַץ צו סמאָלענסקינען נוצט אויס די נסיעות אויך פאַר אַן אַנדערן קינסטלערישן צוועק: כדי צו געניסן פון די צויבערדייען און שיינקייטן פון דער אַרומיקער נאַטור.

די נאַטור איז פאַר מענדעלען נישט קיין טויטער, פּלאַסטישער פּייזאַזש, נאָר אַ לעבעדיקער וועזן, וואָס איז באַרעדעוודיק, באַוועגלעך, גייסטיק באַהויכט.

"מענדעלע האָט מגייר געווען די נאַטור", האָט טרעפלעך געזאָגט אַמאָל ביאַליק. — און באמת: זי דאַוונט, זי זאָגט שירה, זי פרייט זיך מיט יידישע שמחות און טרויערט מיט יידישער עצבות. און אין די דאָזיקע וווּנדערלעכע נאַטור־שילדערונגען דערשפּירט איר ערשט די צאַרטע לירישקייט, די פּאָעטישע פאַרחלומטקייט פון מענדעלעס גרויסער נשמה.

✶

www.libtool.com.cn

יאָ, מענדעלע איז דער זיידע פוןביידע ליטעראַטורן — סיי פון דער יידישער און סיי פון דער העברעיִשער, ריכטיקער געזאָגט, — פון דער נ י י ע ר העברעיִשער ליטעראַטור. בערדיטשעווסקי האָט אים אָנגערופן: דער "רמב"ם פון דער יידישער ליטעראַטור".

מענדעלע איז געווען דער ערשטער און איינציקער, וואָס איז געוואָרן דער קלאַסיקער, דער מורה־דרך פון ביידע ליטעראַטורן, דער אומפאַרגלייכ־לעכער מייסטער הן פון דער העברעיִשער און הן פון דער יידישער שפּראַך.

"דווקא אויף יידיש, אויף דער שפּראַך פון דער וואָך און וואָכעדי־קייט, — באַמערקט ריכטיק ש. ניגער, — האָט מענדעלע אַרויפגעצויגן אַ מענטעלע פון פרומער אָפּגעהיטקייט. אויף דער הייליקער שפּראַך האָט ער, פאַרקערט, געמיט זיך צו שרייבן ווי אַ פּשוטער וואָכעדיקער שרייבער". און נישט קיין אַנדערער ווי הלל צייטלין האָט איינגעפונען, אַז מענדעלעס העברעיִשער סטיל איז "אַן אויסדרוק פונעם גאַנצן יידישן טויזנט־יאָריקן לעבן, פון אונדזער גאַנצער קולטור".

אויף ביידע שפּראַכן האָט מענדעלע געשאַפן אַ טיפּן, אָרגאַנישן, כמעט כעמישן סינטעז פון אַלע שפּראַך־קוואַלן און שפּראַך־וואָרצלען און זיי באַרייכערט מיט אייגענע איינפאַלן און ניואַנסן. און ער איז נאַטירלעך געוואָרן דער שפּראַך־לערער פון אַלע שפּעטערדיקע העברעיִשע און יידישע שריפטשטעלער.

ווילסטו הנאה האָבן פון אַ שיין געבויטן זאַץ, פון אַ תמציתדיקן אויס־דרוק, פון אַ ניואַנסירטער העברעיִשער מליצה, פון אַ פיין באַטעמטן זאָג אין יידיש — שפּאַציר זיך אַדורך אין מענדעלעס ליטעראַטור־גאָרטן: דיין טירחה וועט נישט זיין אומזיסט...

... און היינט — אין געווירבל פון אונדזער לעבן, אין געפּלאָנטער פון פיינלעכע דאגות, אין דער מאַטערניש פון אונדזער שארית־הפליטה׳דיקייט, לאָמיר זיך ווידער באַהעפטן מיט דער וווּנדערלעכער שאַפונג פון אונדזער גרויסן מענדעלע.

www.libtool.com.cn

# זיין רום אין דער אייביקייט

דער טויט פון זלמן שניאור שליסט אָפּ אַ היסטאָרישע, מיט שעפערישע כוחות רייכע תקופה אין דער יידישער ליטעראַטור, וואָס האָט אָפּגעשפּיגלט און פאַראייביקט אַ מעקרווירדיקן דור אין דער יידישער געשיכטע.

דאָס איז געווען דער דור פון רעוואָלוציאָנערן איבערברוך אין יידישן לעבן — דער דור וואָס האָט געבראָכן ווענט און צוימען, וואָס האָט געקעמפט קעגן פאַרשקלאַפונג און גלות, וואָס האָט מיט מאַטערנישן און יסורים פאַרלייגט דעם וועג צו נאַציאָנאַל־יידישער און מענטשלעכער גאולה.

שניאור איז געווען דער לעצטער פון אָט דעם ביאַליק־דור, דער מוזיניקל אין דער גלענצנדיקער פּלעיאַדע פון יידישע דיכטער און שרייבער, וועלכע האָבן אויסגעשפּרייט נייע הימלען איבער אונדזערע קעפּ, וועלכע האָבן גערופן צו אומרו, צו אויפשטאַנד און צו בונטאַרישע מעשים.

נישט אומזיסט האָט ביאַליק מיט ברכה און פאַרוווּנדערונג, גלייך פון שניאורס ערשטע שריט אין דער העברעיִשער דיכטונג, אָפּגעמעקרט דעם אויפצאַפּל פון זיינע אָדלער־פליגלען. ער, דער רבי, האָט געשפּירט, אַז דער יונגער דיכטער וועט ווייט פליען. און מען דאַרף זאָגן, אַז שניאור האָט דערלאַנגט אַ סך ווייטער, ווי ביאַליק האָט געקענט אָנען.

שניאור האָט זיך פאַרנומען אין דער ברייט און אין דער טיף.

ער איז אַ כוללדיקער שרייבער פון ריזיקן פאַרנעם. ער איז אַ מייסטער, דוכט זיך, אויף אַלע אָפּצווייגונגען פון שעפערישן וואָרט. ער איז דיכטער און שרייבער אין עברית און יידיש. ער איז דער ווירטואָז פון דיכטערישן סטיל, פון אַ גוואַלדיקער עקספּרעסיע־קראַפט, דער פרייער באַהערשער פון אויסערגעוויינלעך־רייכע שפּראַך־אוצרות.

און ער איז אַזוי פאַרשיידנאַרטיק און פאַרשיידנפאַרביק, אַז אָפטמאָל איז נישט צו גלויבן, אַז איין מענטש איז דער מחבר פון אַזעלכע ווייטע צווישן זיך שאַפונגען.

אַ גביר אדיר, וואָס שפּרייזט בהרחבהדיק איבער זיינע ליטעראַרישע מאַיאָנטקעס.

און צוגלייך איז נישטאָ, דוכט זיך, קיין איין פּראָבלעם פון וועלט־באַדייט אָדער פון יידישן תחום, וואָס שניאור זאָל נישט האָבן פאַראַנקערט

www.libtool.com.cn

אין זיינע ווערק. וועלט און יידיש פאָלק, כלל און יחיד, דער צער און גערענגל פון ליידנדיקן מענטשן, וואָס גייט אויס נאָך אַ טראָפּן גליק אויף דער ערד, און דער קאַמף פון פאָלק ישראל פאַר זיין אויסלייז און אויפשטייג — דאָס אַלץ מאַטערט דאָס דיכטערישע געוויסן פון זלמן שניאור.

יאָ, ער איז דער קלאַסיקער פון דער יידישער ליטעראַטור, וואָס האָט פאַרנומען שוין לאַנג אַ בכבודיקן פלאַץ אין דער מזרח־וואַנט פון דער יידישער ליטעראַרישער יצירה פון אַלע דורות. און ווען דו דערזעסט פלוצים, ווי אַט דער ריז איז געפאַלן, ווי אַט דער מענטש, וואָס האָט פּראָפּאַגאַנדירט און אַליין סימבאַליזירט דעם וואַרצלדיקן יידישן כוח, איז אַוועק בדרך כל הארץ, באַפאַלט דיך אַן אומעט, פילסטו זיך עפּעס ווי פאַריתומט און פאַרוואַרלאָזט.

וואָרעם שניאור טראָגט אַוועק מיט זיך בלי ספק אַ שטיק פון דעם אייגענעם ״איך״, פון איטלעכן פון אונדזער דור.

ער איז דאָך סוף־סוף געווען די איינציקע נאַטירלעכע בריק צווישן דער העברעישער און יידישער ליטעראַטור. ווער נאָך אַ חוץ מענדעלע מוכר ספרים האָט געשאַפן אַזוי פריי און געטריי אין אונדזערעביידע שפּראַכן? געווען ביי אונדז שרייבער, וועלכע האָבן אָנגעהויבן אין עברית און זענען אַריבער אין יידיש.

זיי האָבן לכתחילה, אויף די ערשטע שטאַפּלען פון זייער שרייבערישן לייטער אָנגעהויבן מיט העברעיש, אָבער זיי זענען אַוועק גאַנץ שנעל צו יידיש און ערשט אויפן שטח פון יידישער שאַפונג זענען זיי גרויס און באַרימט געוואָרן. אַזאַ דרך האָבן דורכגעמאַכט י. ל. פּרץ, שלום עליכם, שלום אַש, נאָמבערג און אַנדערע.

אַ יוצא מן הכלל זענען מענדעלע און שניאור. זיי זענען געווען און געבליבן די גלייך־קרעפטיקע שעפער אויף ביידע שפּראַכן פון אָנהויב ביזן סוף פון זייער שרייבערישער קאַריערע. אָדער ווי מענדעלע האָט זיך אויסגעדריקט: ער אָטעמט צוגלייך דורך ביידע נאָזלעכער...

שניאור האָט געהערט אַן צווייפל צו יענע אונדזערע נאַציאָנאַלע משוררים, וועלכע האָבן אַ ביז גאָר גרויסן חלק אין פּראָצעס פון אויפוואַכונג, פון שטורמישן אייזגאַנג אין יידישן לעבן ביים סוף פון 19־טן יאָרהונדערט. ער האָט פּראָטעסטירט נישט נאָר קעגן גוייִשער רשעות, — נאָר אויך מיט

www.libtool.com.cn

רוגזה געשטעמפּלט די טראַדיציאָנעלע יידישע גלותדיקע חולשה — יענע חולשה, וואָס אינספּירירט דעם רשע.

אין זיין באַרימטער פּאָעמע „עם צלילי המנדולינה״ גיט שניאור אַ גאַנץ אָריגינעלן פּירוש צו שנאת ישראל. דער דיכטער פֿאַלט אַריין אין אַ קאַפֿע־הויז אין רוים און דאָרט פֿאַרכישופֿט אים אַ יונגע איטאַליענערין מיט איר שפּיל אויף אַ מאַנדאָלינע.

די קלאַנגען פֿון דער מאַנדאָלינע דערוועקן אין אים צווייערליי אָפּ־קלאַנגען.

פֿון איין זייט, שטייט אויף פֿאַר זיינע אויגן די אַלטע רוימישע וועלט מיט אירע אַנטפּלעקונגען פֿון גבורה, פֿון ברוטאַלער קראַפֿט און פֿון ברע־נענדיקער תאווה — אַ פּראַכטפֿולע וועלט, וואָס איז אָפּגעשטאָרבן מיטן טויט פֿון אירע געטער.

פֿון דער צווייטער זייט, דערמאָנט זיך דער דיכטער, אַז דאָ שטייט פֿאַר אים אַן אוראייניקל פֿון יענע באַצווינגער און אונטערדריקער, וועלכע האָבן חרוב געמאַכט זיין לאַנד און זיין בית המקדש. און עס קאָכט אויף אין אים דאָס געפֿיל פֿון צאָרן און נקמה. ער איז דאָך דער יורש פֿון יענע בריונים און קנאים, וועלכע האָבן געקעמפֿט פֿאַר דער פֿרייהייט פֿון זייער פֿאָלק און לאַנד און זענען באַזיגט געוואָרן דורכן שווידערלעכן שונא. אָבער דער דיכטער האָט דאָך דערלעבט צו נקמה.

אויב יענע גיבורים האָבן נישט געזיגט, האָט אָבער געזיגט זיין גאָט. עס האָט געזיגט דער באַזיגטער. די יידישקייט האָט דעראָבערט די גוייִשע וועלט פֿון אינעווייניק. די גוייִם זענען געווען געצוווּנגען אויפֿצונעמען דעם תנ״ך אין זייער רעליגיע און קולטור.

בונטעוועט זיך דער רשע קעגן דעם ספר הספרים און קעגן יידישן גייסט. עס בונטעוועט זיך דער דערשטיקטער אוראַלטער גייסט פֿון די רוימישע געצנדינער און ער גיסט זיך אויס אין אַנטיסעמיטישן גיפֿט.

דאָס איז די נקמה פֿון שטאָלצן ייד אין שניאורן — די נקמה און די נחמה.

נאָר דער דיכטער פֿאַרמאָגט עפּעס אין זיך אַ נביאישן ניצוץ. נאָך אין די צייטן פֿון טיפֿן שלום אין אייראָפּע, ווען עס האָט נאָך געלעבט און געבליט אין איר גאַנצער אומבאַרירלעכקייט די אמונה אין ליכטיקן הומאַניזם, האָט

www.libtool.com.cn

ער דערשפירט דעם אַנקום פון אַ פינצטערער מיטלאַלטערלעכער תקופה מיט רוצחישע גרוילן און אַכזריותדיקער אויסראַטונג.

"ימי הבינים מתקרבים" — אַזוי הייסט זיין פּאָעמע, וואָס קלינגט ווי אַ נביאישע וואָרנונג, וואָס איז דורכגעוועבט מיט די טענער פון ירמיהו.

דער דיכטער זעט אין דער מאָדערנער דיפּלאָמאַטיע פאַלשקייט און צביעות. ער שטעמפּלט מיט פאַראַכטונג דעם ענגהאַרציקן, עגאָיסטישן, בלינדן פּאַטריאָטיזם פון די פּאָליטיקער, וועלכע רעדן הויכע ווערטער און גרייטן הינטערן רוקן געמיינע מעשים.

דאָס זענען מענטשן, וואָס האָבן אָפּגעוואָרפן יעדן פּרינציפּ פון מאָראַל, פון קדושה, פון מענטשלעכקייט. ער וואָרנט די פעלקער קעגן דעם "תנין" (קראָקאָדיל), וואָס איז אויסגעשטאַט מיט די מאָדערנסטע טעכנישע השמדה־מיטלען און וועט זיך פאַרמעסטן אויף דער דעראָבערונג פון דער וועלט.

ער זעט אויך פאַר דעם ביטערן, שרעקלעכן גורל פון יידישן פאָלק צווישן אָט די מענטשן־וועלף און רופט זיינע ברידער זיך צו גרייטן צו מלחמה און נקמה.

שניאור דער עפּיקער, דער ראָמאַניסט, דער מייסטער פון ברייטע קינסטלערישע לייוונטן, האָט זיך אַנטפּלעקט פאַרן יידישן לייענער ווי אַ גליקלעך געווינס ערשט נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. זיינע ראָמאַנען "פּאַנדרע", "דער קיסר און דער רבי", און אַנדערע שאַפונגען, וואָס זענען געשריבן געוואָרן לכתחילה אין יידיש און זענען שפּעטער דורך אים אַליין איבערגעזעצט געוואָרן אין עברית, גיבן אונדז דאָס רעכט צו זאָגן, אַז ווען שניאור וואָלט געשאַפן נאָר די דאָזיקע טיפן און וועלטן, וואָלט אויך געווען: דיינו! וואָלט ער אויך דערמיט אַליין זיך קונה עולם געווען אין דער יידישער ליטעראַטור.

די מאָנומענטאַלישקייט פון די דאָזיקע ווערק, די פּלאַסטישקייט און די בילדערישקייט פון די שילדערונגען, די קרעפּטיקע, מאָלערישע שפּראַך — סיי אין יידיש און סיי אין עברית — פאַרזיכערן זיי די קרוין פון דער קלאַסישער יצירה.

דאָ אַנטפּלעקט זיך שניאור ווי דער קלוגער און טיף־פאַרליבטער ראָ־מאַנטיקער, ווי דער באַזינגער פון געזונטן, דעמבאָוון יידישן פאָלקס־מענטש, ווי דער דיכטער פון דער יידישער פאָלקס־נשמה.

www.libtool.com.cn

ער פאַרמאָגט גוואַלדיקע אַבסערוויר־פעיִקייטן, אַ טביעות־עין פון אַ תלמיד חכם, וואָס באַנעמט די דינסטע ניואַנסן פון יענעמס איבערלעבונגען: ער האָט אַ שאַרף אויג פאַר פאַרבן און סיטואַציעס.

איך דערמאָן זיך, ווי שניאור האָט אַמאָל אין אַ מסיבה לכבוד אים אין ירושלים גענומען אַן אַפּעלסין אין דער האַנט און געזאָגט: — איר זעט? אָנשרייבן אַ פיין געדיכט וועגן דעם אַפּעלסין איז אַ קנאַפּער קונץ. ווער פון די יונגע חברה־לייט קען נישט די חכמה פון גראַמען? אָבער דאַן וועט ער לייכט געשטרויכלט ווערן, ווען איר וועט פאַרלאַנגען פון אים, ער זאָל אייך אָפּמאָלן, ווי אַזוי אָט דער אַפּעלסין זעט אויס און ווי אַזוי ער ווערט אָפּגעשיילט פון שאָלעכץ...

שניאור שבעל פה האָט געהאַט אַ סך וויניקער אָנהענגער ווי שניאור שבכתב: ער האָט נישט ליב געהאַט צו שוינען מענטשן... אָבער זיין רום פון אַ גדול בישראל און פון אַ ריז אין דער יידיש־העברעיִשער ליטעראַטור גייט מיט אים מיט, בלי ספק, אין דער אייביקייט.

27.2.1959

## דער שרייבער אין דער שארית־הפליטה *

קודם כל אַ פּאָר פאַר־באַמערקונגען:

שרייבער זענען רעפּרעזענטאַנטן און דינער פון געדרוקטן וואָרט, וואָס האָט מער חשיבות און אַ ווייטערן רעזאָנאַנס, ווי דאָס גערעדטע וואָרט. הייסט עס, אַז געזעלשאַפטלעכע אחריות פאַרן וואָרט טראָגט דער שרייבער אַ סך מער, ווי דער רעדנער און פּאַרטיי־טוער — בפרט ביי אונדז, מחמת דאָס לעבן און די פּראָבלעמאַטיק פון דער שארית־הפליטה שטייען אין צענטער פונעם אינטערעס פון דער יידישער וועלט און ווייל פון אונדזער פּרעסע שעפּט מען די אינפאָרמאַציע וועגן אונדזערע ווייעניש און לעבנס־דערשיינונגען.

און דאַן נאָך אַ באַמערקונג. פאַראַן באַשטימטע סאָציאַלע גרופּעס, ווי

---

* אַ קיצור פון אַ רעפעראַט געהאַלטן אויף דער שרייבער־קאָנפערנעץ אין מינכען דעם 6־טן נאָוועמבער 1947.

www.libtool.com.cn

שרייבער, קינסטלער, אַקטיאָרן, לערער, וואָס דערשיינען אין דער עפנט־לעכקייט אין צוויי געשטאַלטן: ערשטנס, אַלס פּראָפעסיאָנאַלן. צווייטנס, אַלס טרעגער פון אַ געוויסער קולטור־שליחות, וואָס דורך זייער באַרוף גופא דערפילן זיי אַ ספּעציעלע מיסיע, אַ באַשטימטע קולטור־דערציערישע פונקציע אין געזעלשאַפטלעכן לעבן. דערפון איז געדרונגען, אַז מיר דאַרפן באַהאַנדלען נישט נאָר אונדזערע פּראָפעסיאָנעלע אינטערעסן, נאָר קודם כל אונדזערע קולטורעל־סאָציאַלע אויפגאַבעס.

נאָר איידער מיר גייען אַריבער צו די אויפגאַבעס פונעם שרייבער און קינסטלער אין דער שארית־הפליטה, דאַרפן מיר פעסטשטעלן יענע פאַקטאָרן וואָס ווירקן אויפן עצם כאַראַקטער פון געדרוקטן וואָרט.

קיין ספק נישט, אַז די ס ב י ב ה, דער יישוב, די געאָגראַפיע און דער פּאָליטישער גורל פונעם געגעבענעם לאַנד פאָרמירן דעם כאַראַקטער פון דער ליטעראַטור און פּרעסע, האָבן שטאַרקע פּסיכישע און סאָציאַלע אויס־ווירקונגען אויפן געדרוקטן וואָרט. פּונקט ווי ס'עקזיסטירט אַ וויסנשאַפט, וואָס הייסט געאָפּאָליטיק, וואָס פאָרשט די ווירקונג פון דער געאָגראַפיע אויף דער מלוכהשאַפטלעכער פּאָליטיק, וואָלט געדאַרפט אייגנטלעך עקזיס־טירן אויך אַ מין "געאָקריטיק", וואָס זאָל שטודירן די השפעה פון דער סביבה פון דער סאָציאַלער מיליע אויפן כאַראַקטער און אַנטוויקלונג פונעם געדרוקטן וואָרט.

אַזוי איז ביי די אומות־העולם — אַזוי איז אויך ביי אונדז. אויך די יידישע פּרעסע אין פאַרשידענע לענדער ווערט געשטאַלטיקט פאַרשידנ־אַרטיק און שפּיגלט אָפּ דעם כאַראַקטער, פּאָליטישן גורל און סאָציאַלן פּרצוף פון געגעבענעם יישוב. אויך אונדזער פּרעסע, וואָס איז אויפגעקומען אין גלות דייטשלאַנד, איז זייער שטאַרק באַאיינפלוסט געוואָרן פון מהות און כאַראַקטער פונעם אויסערגעוויינלעכן היסטאָרישן פענאָמען, וואָס הייסט שארית־הפליטה.

ווער זענען מיר? אַ יישוב אויף טשעמאָדאַנעס און רעדער, אַ יישוב אויף אַ טראַנזיט־וואָקזאַל, אַ יישוב וואָס שטרעבט צו זעלבסטליקווידאַציע. אַט די צייטווייליקייט, אומבאַשטענדיקייט, פאַרגענגלעכקייט פון אונדזער יישוב, וואָס איז אייגנטלעך גאָר קיין יישוב נישט, האָבן אַרויפגעדריקט זייער שטעמפּל אויך אויפן כאַראַקטער פון אונדזער פּרעסע. דאָס איז נישט געווען

www.libtool.com.cn

קיין רו׳יקע סעודה מיט גוט צוגעגרייטע מאכלים, נאָר עפּעס אַ מין אייליקער איבערבייסן אין אַ בופעט אויף אַ באַן־סטאַציע...

אָבער אָט די כאַאָטישקייט און צעשוומענקייט פון אונדזער פּרעסע הויבט אָן צו פאַרשווינדן. צוויי פּראָצעסן זענען דערביי געגאַנגען פּאַראַלעל: די סטאַביליזאַציע פון אָביעקט און די קריסטאַליזאַציע פון סוביעקט פון געדרוקטן וואָרט. אַנדערש גערעדט: ס׳האָבן זיך סטאַביליזירט אַ ריי ערנסטע, סאָלידע, גוט־רעדאַגירטע צייטונגען, מיט וועלכע מיר קענען שוין זיך ווייזן פאַר דער וועלט, און ס׳האָט זיך אויך אויסקריסטאַליזירט אַ גרופּע שרייבער, עסייִסטן, פּובליציסטן מיט פיינער באַגאַבונג און ברייטן וויסן. ס׳איז געוואָרן ווייניקער סתם שרייבעריי און ווייניקער פּאַפּיר־שמירעריי! אונדזער פּרעסע האָט געקראָגן אַ פּנים, אַן אינהאַלט, אַ ריכטונג און אַ באַפאַרבונג, — באַזונדערס די פּאַרטייאישע פּרעסע.

און צו אַזאַ ערנסטער פּרעסע קענען מיר שוין שטעלן ערנסטע פאָדערונגען.

וואָסערע סאָציאַל־קולטורעלע, דערציִערישע אויפגאַבעס האָבן מיר? פינף אַזוינע אויפגאַבעס שטייען פאַר אונדז:

א. לאָקאַליזאַציע פון דער טעמאַטיק

ס׳דאַרף ברייטער און ערנסטער אָפּגעשפּיגלט ווערן אין אונדזער פּרעסע די אַקטועלע פּראָבלעמאַטיק פון ש״ה־לעבן, מ׳דאַרף אַריינדרינגען טיפער אין די נויטן, פּלאָגענישן און פּלאָנטערנישן פון אונדזער צעטראַמפּלטן, פאַרחושכטן קיום, העלפן זיך און דער יידישער וועלט אַנטפּלעקן דאָס אומקלאָרע, אָפט מבולבלדיקע פּנים פון אָט דעם איינציק־אַרטיקן קאָמפּליצירטן יידישן ציבור. אַזעלכע פיינע, טיפזיניקע שריפטשטעלער ווי לייוויק און אפרת האָבן אָנגעשריבן צוויי ביכער וועגן זייערע באַזוכן ביי דער ש״ה און די קריטיק האָט צו זיי טענות, אַז זיי האָבן דאָך זיך נישט דערשלאָגן צו די טיפערע וואָרצלען פון אונדזער מהות און נישט באַנומען אונדזער פּראָבלעמאַטיק.

ב. מאָראַלישע זויבערונג

די גרונט־סיבה פון דער נישט־סטאַבילער מאָראַלישער קולטור פון געוויסע שיכטן פון דער ש״ה שטעקט לויט מיין מיינונג, דערין, וואָס ס׳פעלט אונדז אַ סטאַבילע געזעלשאַפטלעכקייט. אין דער אַמאָליקער שטאָט און

www.libtool.com.cn

שטעטל פון די פאַרוואָרצלטע יידישע יישובים אין פּוילן אָדער ליטע זענען יידן געווען געבונדן און געקניפּט צווישן זיך פון קינדוויַיז אָן. מ׳האָט געהאַט אימתא דציבורא (פּחד פאַרן ציבור), ווייל דער ציבור גופא איז געווען פעסט, סאָליד, המשכדיק. די שטענדיקע דערמאָנונג ״דע לפני מי אתה עומד״ איז אַ טייערע סגולה צו הויבן דאָס געמיט און די דבקות פונעם מתפלל...

אָבער דאָ ביים לאַגער־יידנטום איז די גזעלשאַפטלעכקייט אַ פליסיקע, אַ שלאַבערדיקע: ״היינט בין איך דאָ און מאָרגן בין איך העט־ווייט פון דאַנעט״. נישטאָ דעריבער קיין געפיל פון אחריות, פון אימה.

אַט דעם מאַנגל אין סטאַביליטעט פון אונדזער געזעלשאַפטלעכן לעבן דאַרף קאָמפּענסירן אונדזער פּרעסע. זי דאַרף איבערנעמען אויף זיך די ראָל פונעם מאָראַל־מאַנער, פונעם מוכיח און שופט, וואָס האַלט אָן אָפן אויג איבער געוויסע אַנטי־מאָראַלישע מעשים און פירונגען.

ג. פּסיכישע סאַנאַציע

ס׳מערקן זיך שטימונגען פון מידקייט, אַפּאַטיע, דעפּרעסיע און אַנטוי־שונג ביי דער שארית־הפליטה. מענטשן פילן זיך פאַרגעסן פון גאָט, וועלט און פעלקער. מען שטייט כמעט איינזאַם אַנטקעגן אַ ריזיקער מויער פון רשעות אָדער אין בעסטן פאַל פון גלייכגילט.

די פּרעסע דאַרף באַקעמפן אַזעלכע געפערלעכע שטימונגען. דערצו איז פאַראַן איין מיטל: פּ ס י כ י ש ע  פּ ר אָ פ י ל אַ ק ט י ק. מ׳דאַרף באַזינגען אונדזערע יסורים און מאַטערנישן מיט אַ העכערן אידעאַל, פאַרבינדן אונדזער דאַזיין אויף דער נאַציש־דייטשער ערד מיטן גורל פון יידישן וועלט־כלל, מיט טיף־שניידנדיקע היסטאָרישע פּראָצעסן, מיט אונדזער נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער גאולה. מיר דאַרפן טרייסטן, מונטערן, דערמוטיקן, וועקן.

ליידן, וואָס ווערן באַשטראַלט מיטן אצילותדיקן ליכט פון העכערע גייסטיקע און סאָציאַלע ווערטן, טראָגט מען אַריבער לייכטער, לעבעדיקער, מוטיקער.

ד. קאַמף קעגן דעהיסטאָריזאַציע

קאַמף קעגן דער אָפּגעריסנקייט פון די יידישע היסטאָרישע וואָרצלען, פון די יידישע קולטור־קוואַלן, פון די שיינע יידישע טראַדיציעס און מידות טובות. נישט אַסימילאַציע באַדראָט אונדז. ווייל, דאָ איז דאָך גויטיק צוויי. און די אַרומיקע דייטשע סביבה וועט אונדז נישט אַסימילירן, ווען אפילו

www.libtool.com.cn

מיר זאָלן וועלן... אויב עמיצער פון די ספּריטנע יונגעלייטלעך דרייען זיך אַרום מיט דייטשקעס, איז עס נישט קיין אַסימילאַציע, נאָר פּסיכאָפּאַטאָלאָגיע. ס׳באַדראָט אונדז אָבער דווקא עם־הארצות, פּרעמדקייט צו אונדזערע קולטור־ווערטן.

ה. קאַמף קעגן עמלק און עמלקיזם

די וועלט פּרווט און וויל פאַרגעסן — צוליב פּאָליטישע חשבונות און דיפּלאָמאַטישער טאַקטיק — דאָס וואָס עמלק האָט אונדז געטאָן. אָבער מיר טאָרן עס נישט פאַרגעסן! מיר דאַרפן זיין די אומבייגעוודיקע, טרייע דינער פון איר מאַיעסטעט די גערעכטיקייט. מיר דאַרפן דעמאַסקירן באַזונדערס יענע יידישע מענטשן, וואָס פלאַפּלען אויך וועגן פאַרגעבונג און גרויסמוטיקייט — גרויסמוטיקייט פון קרבנות לגבי מערדער!

דאָס אַלץ זענען אויפגאַבעס פאַר פּרעסע־מענטשן. ביי אונדזערע פּראָזאַאיקער און דיכטער, קען מען, פאַרשטייט זיך, נישט באַשטעלן קיין ספּעציעלע טעמעס און קיין באַזונדערע אויפגאַבעס. דער טאַלאַנטירטער שריפטשטעלער וועט אַליין געפינען זיין שעפערישן וועג. אָבער ס׳איז קלאָר, אַז אין זיין שאַפן וועט ער נישט קענען אויסמיידן די שטחים פון אונדזער טראַגישער ווירקלעכקייט.

וואָסערע פּראַפעסיאָנעלע אויפגאַבעס שטייען פאַרן פּען־מענטש פון דער שארית־הפליטה?

אויך פינף:

א. הויבן די חשיבות און אָנזען פונעם שרייבער אין דער געזעלשאַפט.

ב. קאָנסאָלידירן אונדזערע אייגענע כוחות.

ג. שאַפן אַ נאָענטערן קאָנטאַקט מיט דער יידישער שרייבער־משפחה אין אויסלאַנד.

ד. בעסער אָרדנען די פּרעסע און ליטעראַטור־ווירטשאַפט, מאַכן אַ סוף צו דער לאַטיינישער טראַנסקריפּציע, פאַרשענערן די שפּראַך, ריין האַלטן דאָס געדרוקטע וואָרט.

ה. אויספועלן אַ בעסערע און ווירדיקערע מאַטעריעלע פאַרזאָרגונג פאַרן יידישן שרייבער און קינסטלער.

www.libtool.com.cn

מיר פאַרלאַנגען פון דער יידישער געזעלשאַפט צוטרוי און כבוד צום הויכן און נאָבעלן באַרוף פונעם פּען־מענטש. אָבער צוטרוי דערוואַרבט מען זיך דורך מעשים.

זאָלן אַלע אונדזערע מעשים שטיין אין הסכם מיט אונדזער הויכער קולטורעל־סאָציאַלער שליחות און מיט אונדזערע נאַציאָנאַלע אידעאַלן.


www.libtool.com.cn

אורחים ב"די אידישע שטימע"
הסופרים דער טונקעלער והערץ, 1935, באמצע ר. ר.



ר. ר. בהגיעו למחנות שארית הפליטה, 1946

www.libtool.com.cn



ר. ר. עם שני ילדיו נחמן ואשר



בדכאו, על יד קברו של בכורו נחמן שניספה בשואה
עם אמו אסנת ואחיו אשר

www.libtool.com.cn



ר. ר. בבואו מרוסיה,
לידו דוד טרגר, יושב־ראש מרכז שארית הפליטה. מינכן, 1946



ר. ר. עורך ״אונדזער וועג״ עם חבר עובדי העתון. מינכן, דצמבר, 1946

www.libtool.com.cn




במשלחת שארית הפליטה לקונגרס הציוני ה־22, בזל, 1946



מרכז התאחדות הציונים הכלליים, מינכן, 1947

www.libtool.com.cn




הוועידה השלישית של שארית הפליטה בבאַד רייכענהאַל, מרץ 1948



בוועידה השלישית של שארית הפליטה בבאַד רייכענהאַל, מרץ 1948


www.libtool.com.cn

ר. ר. בוועידת הקונגרס היהודי העולמי. מונטרה, 1948



משמאל לימין: ראובן רובינשטיין, יעקב רובינזון, משה דר־שליט. תל־אביב, 1961

www.libtool.com.cn

www.libtool.com.cn

# תוכן — אינהאַלט

## האיש ופעלו — דער מענטש און זיין שאַפן


יעקב רובינזון — דובר יהדות ליטא . . . . . . . . 11

ל. גרפונקל — אביר העט . . . . . . . . 13

יודל מאַרק — פון אַן אַנדער קוקווינקל . . . . . . . 20

מ. צאַנין — דער פּראַקטיקער זון פון דעם ליטווישן יידנטום . 24

עמנואל הרוסי — ראובן רובינשטיין . . . . . . . . 31

גרשון אלימור — סיפורי חברים על ימים שחלפו . . . . . . 48

בנימין וסט — קווים לדמותו . . . . . . . . . . 63

רפאל חסמן — במחיצתו . . . . . . . . . . 66

יעקב עמית — כך ראיתיו . . . . . . . . . 70

ד. בן נחום — האיש במערכה . . . . . . . . . 73

ש. גאָלדשמידט — דער ריש גלותא פון ליטווישן יידנטום . . . . 76

ז. סעגאַלאָוויטש — איך בין אין קאָװנע . . . . . . . 80

משה סנה — פגישה מיוחדת במינה . . . . . . . . 84

יעקב אָליי‌סקי — אַזוי איז עס געשען . . . . . . . 89

צמח צמריון — על שלוש תחנות בחיי רובינשטיין . . . . 93

יצחק בראָט — נאָך יאָרן פון פאַרוואָגלונג . . . . . . . 103

נחמן קורן — במחנות העקורים בגרמניה . . . . . . . 109

יוסף גאַר — צווישן דער שארית־הפליטה אין דייטשלאַנד . . 115

אפרים שרייער — דער וואַרטזאַגער פון די פּליטים . . . . 124

ד. וואָלפּע — איינער פון די לעצטע פון ליטע שבט . . . . . 127

א. אַלפּערין — דער וועטעראַן פון דער יידישער פּרעסע . . . . 130

גרשון אלימור — ראובן רובינשטיין אין ארץ־ישראל . . . . 133

מלך ראַוויטש — ראובן רובינשטיין . . . . . . . . 142

י. איזנברג — לזכר אדם קרוב . . . . . . . . 145

ש. בן־משה — רובינשטיין במשרד הבטחון . . . . . . 148

א. שעדלעצקי — זיינע פּרייטיק־צו־נאַכט־שמועסן . . . . . 150

ישראל קפלן — חול ושבת . . . . . . . . . . 155

www.libtool.com.cn

## מסות ומאמרים — עסייען און אַרטיקלען


עם פרסומה של הצהרת באלפור . . . . . . . . . . 165
קובנה . . . . . . . . . . . . . . . . 166
פון היינט אויף מאָרגן . . . . . . . . . . . . 176
נאָר גרויסע מעשים . . . . . . . . . . . . 180
שאַקאַלן . . . . . . . . . . . . . . . 183
אויף יענע פעלדער . . . . . . . . . . . . 188
אַ מעשה וואָס האָט זיך פאַרלאָפן . . . . . . . . . 193
אויף דו מוטער ציון . . . . . . . . . . . . 197
בפרוץ הסערה בליטא . . . . . . . . . . . . 200
שלשה שהתפללו . . . . . . . . . . . . . 220
פון די טיפעניש . . . . . . . . . . . . . 224
טרוימען און גלוסטעניש . . . . . . . . . . . 229
זיי פאַרגעסן נישט . . . . . . . . . . . . 235
אויף פאַרשידענע לשונות . . . . . . . . . . . 240
נאָענטקייט צו ווייטקייטן . . . . . . . . . . 244
ישראלים אין דער פרעמד . . . . . . . . . . . 249
אַראַבישע אייניקייט . . . . . . . . . . . . 254
אומבאַוווסטע פאַרטיזאַנקע . . . . . . . . . . 258
סעקטע פון שמייסערס . . . . . . . . . . . 263
אַ סקאַנדאַל אין דער משפחה . . . . . . . . . 266
מען זוכט אַ הכשר . . . . . . . . . . . . 270
אַ יידישער קרעכץ . . . . . . . . . . . . 274
דעמאָקראַטיע אין קלעם . . . . . . . . . . . 277
אויף זייטיקע וועגן . . . . . . . . . . . . 281
דער צוויישפּראַכיקער קלאַסיקער . . . . . . . . . 287
זיין רום אין דער אייביקייט . . . . . . . . . . 293
דער שרייבער אין דער שארית הפליטה . . . . . . . . 297

# SEFER REUVEN RUBINSTEIN

Published by Association of the Lithuanian Jews in Israel

EDITOR: ABRAHAM LIS

©

Printed in Israel, 1971